NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05243

LEYENBUKH TSU DER GESHIKHTE FUN YISROEL

Raphael R. Abramovitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייענבוך

צו דער

געשיכטע פון ישראל

ר. אַבראַמאָוויטש און א. מענעס

אומפּאַרטייאישע
אידישע אַרבעטער
מיטל שול
נו יארק

לייענבוך
צו דער
געשיכטע פון ישראל

ערשטער טייל
(מיט 27 בילדער)

WOSTOK
פאַרלאַג „וואָסטאָק" בערלין
אַן דער שפּאַנדויער בריקע 2
1923

Copyright by „W o s t o k“ (Der Osten)
Verlag & Büchervertrieb G. m. b. H. Berlin

Alle Rechte, insbesondere das der Übersetzung, vorbehalten

BUCHDRUCKEREI LUTZE & VOGT G. M. B. H. BERLIN SW 48.

אינהאַלט

		זייטל
	הקדמה	7
I.	דער אַלטער מזרח און דאָס פאלק ישראל	9
II.	יידישע געשיכטע און אַרכעאָלאָגיע פון אַלטן מזרח	32
	די אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינא	38
	עגיפּטישע ארכעאָל. מאַטעריאַלן	44
	מעסאָפּאָטאַמישע ארכעאָל. מאַטעריאַלן	51
	די עלעפאַנטינער פּאַפּירוסן	57
III.	די אַנטשטייאונג פונם תנ״ך	64
	I. די קריטיק פונם תנ״ך	64
	II. די היסטאָרישע שיכטן אינם תנ״ך	74
	III. די רעדאַקטירונג פונם תנ״ך	82
IV.	די מאָדערנע געשיכטע־פאָרשונג פון ישראל און איר אַנטוויקלונג	92
	די נאאיוו—טראַדיציאָנעלע ריכטונג	93
	די ראציאנאליסטישע ריכטונג	96
	די נייערע קריטיק (וועלהויזן)	99
	די פאנבאבילאנישע שיטה	117

הקדמה

דאָס בוך, וואָס מיר לייגן פאָר אונזערע לעזער, איז נישט קיין לערנבוך, ס'איז אַ לייענבוך. מיר שטרעבן דאָ ניט צו שאַפן אַ סיסטעמאַטישן, גענוי דורכגעאַרבעטן און פולשטענדיגן קורס פון יידישער געשיכטע. מיר ווילן בלויז געבן דעם לעזער, וואָס האָט ניט די מעגליכקייט צו אַרבעטן וויסנשאַפטליך מיט הילף פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, פּאָפּולער באַאַרבעטע מאַטעריאַל איבער אייניגע וויכטיגע געביטן פון דער געשיכטע פון פאָלק ישראל און יהודה, פאַקטישן מאַטעריאַל — אויפן סמך פון דער נייעסטער אַרכעאָלאָגישער און געשיכטליכער פאָרשונג, — און געוויסע פּרינציפּיעלע אויספירונגען, אויף וויפיל מען קען זיי פעסטשטעלן ביי דער איצטיגער מדרגה פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט.

דער ביישפיל פון אַנדערע שפּראַכן (למשל, רוסיש), אין וועלכע אַזוינע לייענביכער זיינען שוין לאַנג איינגעפירט, באַווייזט, אַז אָט דער מין שול־ביכער ברייגנט זעהר פיל נוצן אפילו דאָרטן, וואו די געשיכטליכע ליטעראַטור איז זעהר רייך, און וואו ס'זיינען דאָ גענוג גוטע, וויסנשאַפטליכע, סיסטעמאַטישע לערן־קורסן.

ביי אונז אָבער איז עד היום נאָך נישטאָ אפילו דער אָנהייב פון אַזאַ מין ליטעראַטור. און וואָס ס'איז שייך ספּעציעל יידישע געשיכטע, האָבן מיר מורא צו זאָגן, אַז אַ סיסטעמאַטישער לערן־קורס אויף דעם געביט, וואָס זאָל שטיין אויף דער הויך פון דער היינטיגער וויסנשאַפט, איז אַ זאַך, אויף וועלכע ס'וועט אונז אויסקומען צו וואַרטן נאָך יאָרן און יאָרן.

נישט נור דערפאַר, וואָס מ י ר פאַרמאָגן נישט גענוג וויסנשאַפטליכע כחות, נור אויך צוליעב דעם, וואָס אויך די אומענדליך רייכערע אייראָ־פּייאישע וויסנשאַפט האָט דוקא אויף דעם געביט געשיקט ביז אַהער נישט אירע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטור־היסטאָריקער, נור אירע ט ע אָ־ל אָ ג ן, אירע גייסטליכע, קירכליכע ר ע ל י ג י ע ־ היסטאָריקער.

ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָנגעהייבן אַ נייע ווענ־דונג אין דער געשיכטע פונם אַלטן מזרח, ספּעציעל פון „פּאָדערשטער אַזיע". און אין די ראַמעס פון דער אַלגעמיינער געשיכטע הייבט זיך אָן אַלץ דייטליכער אויפצייכענען דאָס היסטאָרישע בילד פון ישראל. אָבער דאָס בילד איז נאָך נישט פולשטענדיג. ס'פעלן נאָך פילע טיילן און שטריכן. און ס'וועט נאָך פאַרגיין אַ היבשע צייט, ביז ס'וועט ווערן מעגליך אפילו אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור אַן־אמתדיג וויסנשאַפטליכע געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק. בפרט נאָך אין דער אָרימער און יונגער יידישער ליטעראַטור.

דעריבער האָבן מיר געהאַלטן פאַר נוצליך צו געבן דערווייַלע וואָס דעם העכרן יידישן לעזער — דעם פאָלקס־לערער, דעם שילער פון העכערע קלאַסן אָדער אָוונט־קורסן, דעם אינטעליגענטערן אַרבעטער, וואָס זוכט זעלבסטבילדונג וכדומה — די מעגליכקייט צו באַקאָנען זיך, אין פּאָפּולערער פאָרם, וועניגסטענס מיט איינינע ט י י ל ־ ר ע ז ו ל ט אַ ט ן פון דער וויסנשאַפט.

דער אַרטיקל; „די מאָדערנע געשיכטע־פאָרשונג פון ישראל" איז געשריבן פון א. מ ע נ ע ס, די אַנדערע אַרטיקלען — פון ר. אַ ב ר אַ־מ אָ ו ו י ט ש. דער אַרטיקל: „די אַנטשטייאונג פון תנ"ך" איז אין זיין הויפּט־טייל געוועזן אָפּגעדרוקט אין דער אַמעריקאַנער „צוקונפט" אין 1911 יאָר.

די בילדער זענען גענומען געוואָרן, מיט דער ערלויבעניש פונם מחבר, פון ב ע נ צ י נ ג ע ר ס אַטלאַס.

די סכעמאַטישע קאַרטע פון „פּאָדערשטער אַזיע" האָבן מיר אליין צוזאַמענגעשטעלט און געצייכנט.

בערלין, מערץ 1923.

די מחברים.

I. דער אַלטער מזרח און דאָס פאָלק ישראל.

כנען אָדער פּאַלעסטינע, די טעריטאָריע, אויף וועלכער ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט די גאַנצע געשיכטע פון דעם פאָלק ישראל און יהודה, איז אַ שמאָלער פּאַס ערד, אַ הונדערט קילאָמעטער די ברייט און אַ 250 די לענג, וואָס ציהט זיך צווישן דעם מזרח־ברעג פונם מיטל־ים און די סיריש־אַראַבישע מדבריות.

אָבער אָטדער פּאַסיקל לאַנד האָט געהאַט דעם באַזונדערן מזל, וואָס ער איז געלעגן אינמיטן און אויפן וועג צווישן די דאַמאָלסדיגע צענטרען פון דער מענשליכער קולטור, צווישן די גרויסע מלוכות: מצרים אין דרום־מערב, בבל אין מזרח, די דרום־אַראַבישע מלוכות מדין, שבא אין דרום, און די חתים אין צפון.

די באַפעלקערונג פון די ערשטע דריי מלוכות, ד. ה. פון כמעט דער גאַנצער דאַמאָלסדיגער קולטורעלער מענשהייט, האָט געהערט צו דער סעמיטישער ראַסע. די בבלים, מצרים און אַראַבער און אַלע קליינע פעלקער אין סיריע און פּאַלעסטינע (כנענים, אמורים, ישראלים, יהודים) זיינען געווען קרובים צווישן זיך, זיי האָבן געהערט אַלע צו איין פעלקער־משפחה. דאָס קען מען דערקענען סיי נאָך זייער פיזישן טיפּ (דער געביי פונם שאַרבן), סיי נאָך זייער שפּראַך, און ווי די היינטיגע וויסנשאַפט איז דערגאַנגען, האָבן זיי טאַקע אַלע געהאַט איין געמיינזאַמע אָפּשטאַמונג און איין געמיינזאַמע היימלאַנד.

דער מקור, פון וועלכן ס׳האָבן זיך גענומען אַלע סעמיטישע פעלקער איז געווען אַראַביע.

אין די אומגעהייערע וויסטעניש פון אַראַביע פלעגן זיך פון צייט צו צייט אָנקלייבן גרויסע מאַסעס פון מענשן, וואָס האָבן אין זייער אַלטער היים קיין חיונה ניט געקאָנט געפינען, און האָבן דעריבער געמוזט זוכן זייער גליק אין דער פרעמד.

אין גרויסע מאַסעס, מיט ווייבער און קינדער, מיטן גאַנצן האָב און גוטס, פלעגן זיך די וואַנדערער אַוועקלאָזן אין ווייטן וועג. זיי האָבן געוואוסט אָדער געהערט, אַז ערגעצוואו אין ווייטן צפון, אין מזרח, אָדער

אין מערב, ליגן אַנדערע מער פּרוכפּערדיגע געגנטן, מיט דערפער און שטעט וואָס זיינען רייך אין אַלץ, געגנטן, וואָס פליסן מיט „האָניג און מילך״, און וועמעס באַפעלקערונג איז פרידליך און שוואַך, פיל שוואַכער, איידער זיי, די האַלבווילדע, פאַרהאַרטעוועטע נאָמאַדן, קינדער פון דעם מדבר. ווי אַ וואָלקן פלעגן זיך די אַראַבישע נאָמאַדן אַראָפּלאָזן אויף די אַרומיגע מער ציוויליזירטע פעלקער, וואָס האָבן זיך שוין פונלאַנגאָן באַזעצט אין דעם פרוכטבאַרן טאָל פון דעם טייך נילוס אין מצרים, אויף די ברעגעס פונם מיטל־ים, אָדער אין דער בליהענדיגער נידערונג פון די טייכן טיגריס (חדקל) און פרת (עופראַט) אין מעסאָפּאָטאַמיע (ארם נהרים), און וואָס האָבן דאָרט

1. דער טיפּ פון דער אשור־בבלישער ראַסע.
(לויט אַסירישע בילדער)



2. אַן־עגיפּטער
(לויט די עגיפּטישע דענקמאָלן)

געהאַט באַשאַפן אַ גאַנץ הויכע לאַנדווירטשאַפטליכע קולטור מיט פעלדער, סעדער און וויינגערטנער. די אָרטיגע באַפעלקערונג פלעגט שטאַרק קעמפן קעגן די האַלבווילדע נאָמאַדישע איינוואַנדערער. אַמאָל פלעגט זיך זיי איינגעבן אָפּצושלאָגן דעם אָנפאַל און פאַרטיליגן די פרעמדע אַריינוואַנדערער, אמאָל אָבער ניט, און דאַן פלעגן די ניי־אָנגעקומענע, נאָך הונדערטיאָריגע קאַמפן, פאַרכאַפן די שטעט און באַהערשן דאָס לאַנד. פון זיי פלעגן אַרויס־קומען די מלכים און די הערשנדיגע קלאַסן, זיי פלעגן פאַרכאַפּן די העכסטע שטעלעס און די גרעסטע רייכטימער אין לאַנד. אָבער אַזוי ווי די באַ־

צווינגער פֿעלקער פּאָרט שטײן קולטורעל נידעריגער אײדער די פֿריהערדי־
גע באַפֿעלקערונג, פֿלעגן זײ זיך מיט דער צײַט מיט איר אַסימילירן,
איבערנעמענדיק אירע מנהגים און איר קולטור און זיך פֿאַרמישנדיק מיט
איר אין אײן נײעם געמישטן פֿאָלק.

װי ס'האָט באַװיזן דער באַרימטער דײַטשער מזרח־פֿאָרשער ה ו ג אָ
װ י נ ק ל ע ר, קען מען אַזעלכע מאַסנװײזע װאַנדערונגען פֿון די אַראַ־
בישע פֿעלקער אָנצײלן גאַנצע פֿ י ר; זײ האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין אַ
משך פֿון פֿיר טויזנט יאָר.



3. אַ סעמיט פֿון קלײן־אַזיע
(לויט אַן־עגיפּטישן בילד)

די ערשטע כװאַליע האָט זיך אַרויס־
געגאָסן פֿון אַראַביע לערך אַרום **3500**
יאָר פֿאַר קריסטוס. מען רופֿט זי די
ב ב ל י ש ע, װײַל זי האָט זיך צום גרעסטן
טײל אַרײַנגעגאָסן אין מעסאָפּאָטאַמיע
(בבל). די אײַנװאַנדערער האָבן שוין
דאָרטן געפֿונען אַ גאַנץ הױכע סומערישע
(ס ו מ ע ר י ש ־ אַ ק ק אַ ד י ש ע) קולטור,
גרויסע שטעט, לאַנדװירטשאַפֿט און מסחר.
(װען אָט די קולטור איז אַנטשטאַנען, און
װער די פֿעלקער פֿון סומעריע און
אַקקאַדיע — אכּד — זײַנען געװעזן, דאָס
האָט די װיסנשאַפֿט ביז איצט ניט געקענט
פֿעסטשטעלן). די נײַ־אָנגעקומענע סעמיטן
האָבן זיך ענג צוזאַמענגעגאָסן מיט דער
הײמישער באַפֿעלקערונג, האָבן טײלװײַז
איבערגענומען זײער קולטור, טײלװײַז זי
באַנײַט און אַנטװיקלט. אויף אַזאַ אופֿן
האָט זיך אין מעסאָפּאָטאַמיע אויסגע־
בילדעט אַ מעכטיקע מלוכה, װאָס איז
געװען אַ לאַנגע צײַט די הערשערין כּמעט איבער דער גאַנצער דאַמאָלס־
דיקער װעלט, אַחוץ מצרים, און האָט באַשאַפֿן אַ גלענצנדיקע רײַכע קולטור,
װאָס איז געװאָרן די װ ע ל ט ־ ק ו ל ט ו ר פֿון יענער צײַט.

מיט אַ יאָר טויזנט שפּעטער, ד. ה. אַן ערך **2500** פֿאַר קר. געב.
האָט זיך אָנגעהויבן די צװײטע כװאַליע, די אַזױגערופֿענע כּ נ ע נ י ש ע.
איר צענטער איז געװען כּנען (פּאַלעסטינע), אָבער זי האָט זיך אַרײַנגעגאָסן
אויך אין אַנדערע לענדער. אין בבל האָט זי געגרינדעט אַ נײַע הױפּט־
שטאָט (בבל), אַ פֿאַראײניקטע מלוכה און אַ נײַע קיניגלעכע דינאַסטיע, װאָס
איר גלענצנדיקסטער פֿאָרטרעטער איז געװען דער מלך ה אַ מ ו ר אַ ב י.

אין מצרים (עגיפּטן) זיינען דאָס געווען, ווי מען רעכנט, יענע פרעמדע קריגסלייט, וואָס האָבן עטוואָס שפּעטער איינגענומען דאָס לאַנד און גע־הערשט דאָרטן אונטער דעם נאָמען „היקסאָס״. צו יענער צײַט האָבן זיך אויך אין דרום־אַראַביע אַרײַנגעגאָסן שטראָמען פון דער מענשליכער כוואַליע. דאָס זיינען געווען די אַזויגערופענע „מינייער״, וואָס האָבן דאָרטן געגרינדעט אַ גאַנץ הויכע קולטור.

אין כּנען (פּאַלעסטינע) גופא זיינען מיט אָטדער כוואַליע צוערשט אַריין די פיניקיער, יענער פאָלק, וואָס מיר טרעפן שפּעטער אין די ים־שטעט צור און צידון אַלס דעם גרעסטן האַנדל־פאָלק פון דער אַלטער וועלט, וואָס האָט אין זיינע שיפן אַרומגערייזט די גאַנצע ערד און געגרינדעט קאָלאָניעס אַפילו אין צפון־אַפריקע (קאַרטאַגען).

4. אַ קריגער פון דעם פאָלק חתים. (לויט אַ העטיטישן שטיין־רעליעף)

נאָך זיי זיינען געקומען אין פּאַלעסטינע אַ רייע אַנדערע סעמיטישע פעלקער, וואָס דער חומש רופט זיי סתם כּנענים אָדער אמורים. און ערשט נאָך זיי, אַרום 1400 – 1200 פאַר קר. אַלס דער ייִנגסטער שטראָם



5. קאַרטע פון פּאַלעסטינע מיט פאָדערשטע אַזיע.

פון דער „צווייטער כוואַליע״, זיינען אין פּאַלעסטינע געקומען די יידן, ד. ה. די שבטים פון ישראל און יהודה.

אַרום 1200 פאַר קר. האָט זיך אָנגעהייבן די דריטע כוואַליע, די אַ ר מ י ש ע, וואָס האָט זיך אַ קער געטאָן אין סיריע. די אַרמים האָבן אַרום 1000 פאַר קר. געגרינדעט אַ גרויסע און שטאַרקע מלוכה מיט דער הויפּט־שטאָט דמשק (דאַמאַסק), וואָס האָט עקזיסטירט אַ 300 יאָר.

די פירטע און לעצטע כוואַליע, די אַראַבישע, האָט זיך אָנגעהייבן אַ יאָר 800 — 700 פאַר קר. און האָט אָפּגעדויערט ביז 700 נאָך קר. זי האָט זיך געענדיגט מיט דער אַנטשטייאונג פון איסלאַם און מיט די גרויסע מלחמות, וואָס די אַראַבישע פעלקער מיט מחמד (מאַהאָמעט) און זיינע יורשים בראש, האָבן געפירט קעגן אַלע אַלטע מלוכות פון אַזיע, אַפריקע און איירָאָפּע*).

די ט ע ל ־ אַ מ אַ ר נ ע ר ב ר י ו ו**) גיבן אונז אַ קלאָרן בילד וועגן דעם קולטורעלן און פּאָליטישן מצב פון פּאַלעסטינע גראָד אין דער צייט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהייבן די איינוואַנדערונג פון די יידן אין אָטדעם לאַנד.

פּאַלעסטינע האָט ניט געהאַט און האָט צוליב איר קליינקייט און איר צענטראַלער געאָגראַפישער לאַגע אויך ניט געקאָנט האָבן קיין זעלבּ־שטענדיגן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן, און דעריבער האָט זי אויך ניט גע־קאָנט האָבן קיין פולקום זעלבשטענדיגע אָריגינעלע קולטור. די גרויסע וועגן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, וואָס האָבן געפירט פון עגיפּטן קיין בבל, זיינען געגאַנגען דורך פּאַלעסטינע. און אויף די וועגן זיינען אָהינאַב־אויפהער געגאַנגען חיילות, סוחרים, האַנדלקאַראַוואַנעס, דעלעגאַטן און שלוחים פון פאַרשיידענע רעגירונגען, פּריסטער פון פרעמדע געטער א. א. וו. די פאַרשיידענע קיניגליכע הויפן פלעגן שיקן איינע צו די אַנדערע בריוו און מתנות, פלעגן שליסן דיפּלאָמאַטישע קאָנטראַקטן, פלעגן טאָן שידוכים צווישן זיך, און אַז אַן עגיפּטישער קיניג (פרעה) איז אַמאָל געפערליך

---

*) אויסער די סעמיטישע פעלקער זיינען אין פּאַלעסטינע און אַרום פּאַלעסטינע געווען אויך ניט־סעמיטישע. דאָס זיינען געווען, ווי די עגיפּטישע יעראָגליפישע שריפטן רופן זיי: „די ים־פעלקער״ — ד. ה. איינוואוינער פון די אינזלען (קריט, סאַרדיניע א. א.) אין מיטל־ים: צווישן זיי זיינען געווען די פלשתים, וואָס האָבן אייגנטליך געגעבן זייער נאָמען דעם גאַנצן לאַנד. אָבער דאָס קליינע פעלקל האָט נאָך זיך קיין שום קולטורעלע ירושה ניט איבערגעלאָזן און האָט, ווי ס'ווייזט אויס, בכלל ניט געהאַט קיין גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פונם לאַנד. אַ פיל גרעסערע באַדייטונג האָט געהאַט דאָס פאָלק חתים (כעטיטן), וואָס האָט געלעבט אין קליין־אַזיע צווישן סי־ריע און דעם קאַווקאַז. די חתים האָבן געבילדעט אַ גרויסע און שטאַרקע מלוכה (אין איר איז אַריין אויך מ י ט אַ נ י), וואָס האָט אָפט געקעמפט אַפילו מיט מצרים, און וועמעס קולטור האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויך אויף די פעלקער פון פּאַלעסטינע. אָבער די געשיכטע פון די חתים איז נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר. ביי די אויסגראָבונגען, וואָס ווינקלער האָט געמאַכט אין דער געוועזענער הויפּטשטאָט פון די חתים (איצט — „באָגהאַז־קעי״) האָט ער געפונען פיל מאַטעריאַל, אָבער אונזערע געלערנטע קענען נאָך ניט ווי געהעריג לייענען זייער שריפט. נאָר דאָ גאָר ניט לאַנג האָט זיך דעם געלערנטן ה ר אָ ז נ י איינגעגעבן אויפלייזן אַ רייע כעטיטישע דאָקומענטן.

**) זעה דעם אַרטיקל: „יידישע געשיכטע און אַרכעאָלאָגיע פון אַלטן מזרח״.

קראַנק געוואָרן, האָט מען פאַר אים אַראָפּגעבראַכט אַזש פון נינוה אין בבל דאָס בילד פון דער בבלישער געטין אשתר (עשתרות), וואָס וועגן איר האָט מען געזאָגט, אַז זי טוט נסים. בבלישע מלכים און פירסטן פלעגן אַראָפּברענגען בויהאָלץ (צעדערהאָלץ) פאַר זייערע פּאַלאַצן פון די פּאַלע־סטינישע בערג (אמנה און לבנון), שטיינער און באַלקנס פון פיניקיע. מצרים פלעגט באַקומען דורך פּאַלעסטינע זילבער פון אַזיע, און פלעגט שיקן קיין בבל גאָלד. פון אַראַביע פלעגן גיין דורך פּאַלעסטינע בשמים און וואוילגערוכן. פון די געזעצן פון דעם בבלישן מלך האַמוראַבי, וואָס זיינען דערגאַנגען ביז אונזערע צייטן, און פון די עגיפּטישע פּאַפּירוס־ביכער קענען מיר זעהן, אויף ווי ווייט אין יענער צייט איז שוין געווען אַנטוויקלט דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל און דער האַנדל בכלל. מיר געפינען למשל אין די געזעצן פון האַמוראַבי גענויע כללים איבער די אָרגאַניזאַציע פון האַנדלגעשעפטן, איבער אַגענטור־קאָנטאָרן, קאָנטראַקטן, וועקסלען, סקלאַדן, האַנדלשיפן וכדומה.

אָבער ניט נאָר עקאָנאָמיש, אויך פּאָליטיש און מיליטעריש איז פּאַ־לעסטינע געשטאַנען אונטער דעם דירעקטן איינפלוס פון אירע שטאַרקע שכנים. דער בבלישער קעניג סאַרגאָן (סרגון) I האָט שוין צום סוף פון 4־טן יאָרטויזנט פאַר קרי. געהאַט איינגענומען פּאַלעסטינע און האָט דאָרטן אַוועקגעשטעלט זיינע שטיינערנע בילדער. האַמוראַבי (אַן ערך 2100 פאַר קרי. *) רופט זיך „דער קעניג פון אַמוררו“ (פּאַלעסטינע — אויף בבליש). אָבער די מצרישע מלכים האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָבן געזעצליכע רעכט אויף פּאַלעסטינע. שוין אַרום 2500 פאַר קרי. האָבן די עגיפּטישע פּרעהס געשיקט שטראָף־עקספּעדיציעס קיין פּאַלעסטינע, ווייל די דאָרטיגע איינ־וואוינער האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען זייערע התחייבותן בנוגע צו זייערע „געזעצליכע הערשער“, די עגיפּטישע מלכים. די קאָנקורענץ פון בבל און די אינעווייניגסטע בהלות האָבן אַ לאַנגע צייט ניט דערלאָזן די עגיפּטישע מלכים צו פאַרפעסטיגן זיך אין פּאַלעסטינע. ערשט אַרום 1600 פאַר קרי. (אונטער דער הערשאַפט פון דער 18־טער דינאַסטיע) האָט זיך די עגיפּטער איינגעגעבן איינצונעמען דעם דרומדיגן טייל פון גאַנץ סיריע און צו צווינ־גען די באַפעלקערונג צו צאָלן זיי מס. אָבער די עגיפּטישע הערשאַפט איז ניט געווען זעהר פעסט, און די קליינע פירסטן פון די פּאַלעסטינישע פעלקער און שטעט, האָבן ניט באַזונדערס געטריי דערפילט זייערע וואַסאַ־לישע התחייבותן בנוגע צו זייער גרויסן הערשער אין מצרים. אַזוי אַרום איז פּאַלעסטינע אין אַ משך פון עטליכע הונדערט יאָר פּאַקטיש געווען כמעט אינגאַנצן פריי פון יעדער פרעמדער הערשאַפט. אָבער אַ געוויסער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער צוזאַמענבונד מיט מצרים איז

*) זעה קיטטעל און אונגנאַד, ווינקלער נעמט אָן 2251.



6. שטיינערנע בילדער פון מצרימשע מלכים אין אַ עגיפּטישן טעמפּל.

פאָרט געווען. עגיפּטישע מלכים האָבן איינגעאָרדנט אין פּאַלעסטינע קאָ־
לאָניעס פון עגיפּטישע לייבאייגענע. מערנעפּטאה האָט אויפגעבויט
אין כנען אַ גאַנצע שטאָט; ראמזעס II האָט אויפגעבויט אין פּאַלעסטינע



7. דער עגיפּטישער פּרעה ראַמזעס דער II.

אַ טעמפּל פאַר דעם גאָט אמון, און סעט I האָט דאָרטן אַוועקגעשטעלט זיינעם אַ דענקמאָל. ביי די אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינע געפינען מיר אין די עלטערע שיכטן אַ מאַסע עגיפּטישע געצן, אַמולעטן, רינגען, שריפטן.

נישט קוקנדיג אויף דעם, קענען מיר זאָגן, אַז דער עגיפּטישער קול־טורעלער איינפלוס איז ניט געווען זעהר שטאַרק אין פּאַלעסטינע, דערהויפּט אין די צפונדיגע טיילן אירע. פיל גרעסער און שטאַרקער איז געווען נישט נאָר אין פּאַלעסטינע, נאָר אין גאַנצן מזרח דער איינפלוס פון דער בבלישער קולטור.

די גרויסע און שטאַרקע בבלישע מלוכה האָט געפירט אַ וועלט־פּאָליטיק און איז געווען אין פולן זין פון וואָרט אַ וועלט־אימפּעריע. זי האָט די גאַנצע צייט געשטרעבט צו הערשן איבער דער גאַנצער דאַמאָלסדיגער מענשהייט און צייטנווייז פלעגט זיך דאָס איר טאַקע איינגעבן. דערביי האָט זי זיך געשטיצט אויף דער הויכער מדרגה פון קולטור, וואָס זי האָט דערגרייכט, ניט נאָר אין טעכניק, ארכיטעקטור און מלחמה־פירונג, נאָר אויך אין וויסנשאַפט — בפרט אין אסטראנאמיע — און ליטעראַטור.

די געלערנטע שטודירן איצט און באַוואונדערן די בבלישע טאָוולען און די דענקמאָלן, וואָס מען גראָבט אַרויס פון דער ערד אין די ערטער, וואו ס'זיינען אַמאָל געווען די שטעט און טעמפּלען פון בבל. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז די בבלים האָבן געוואוסט און האָבן געקענט גענוי אויסרעכענען גאַנץ פּאַרוויקלטע אַסטראָנאָמישע געזעצן. זיי האָבן געהאַט גענויע קענטנישן וועגן די פּלאַנעטן, וועגן דער יערליכער באַוועגונג פון דער זון, וועגן דעם געזעץ פון „פּרעצעסיע" א. ז. וו. זיי האָבן אויך געהאַט אַן אויסגעאַרבעטע סיסטעם פון צאָלן, אַ גענויען קאַלענדער און גע־וויסע מאַטעמאַטישע קענטנישן.

אָבער זייער גאַנצע וויסנשאַפט האָט לויט דעם אַלגעמיינעם כאַראַק־טער פון דער יעמאָלטיגער עפּאָכע געטראָגן אַ ר ע ל י ג י ע ז ן, מיפּאָלאָ־גישן כאַראַקטער. די אַסטראנאמיע, למשל, וואָס איז לויט איר פּראַקטישער אָנווענדונג געווען אַ וויכטיגע וויסנשאַפט פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, פאַר די אינזשענערן, שיפסלייט א. ז. וו. איז ביי די בבלים געווען אָנגע־טאָן אין אַ העמדל פון א ס ט ר א ל א ג י ע, ד. ה. אַ „וויסנשאַפט" אויף צו דערקענען אין די שטערנס די געטער און צו דערגיין נאָך די שטערנס אין הימל דעם מזל פון די איינצלנע מענשן אויף דער ערד. אפילו זייערע גרונט־צאָלן, וואָס זיי האָבן געברויכט אין זייער מאַטעמאַטיק, האָבן געהאַט אַ אַסטראָלאָגישע און מיסטישע באַדייטונג. דאָס זיינען געווען ה י י ל י ג ע צאָלן, גענומען פון הימל. למשל, די צאָלן 12 און 60, אָדער די צאָל 7, וואָס איז גענומען געוואָרן פון דער צאָל פּלאַנעטן, וואָס מען זעהט אויפן הימל *)

די טרעגער, היטער און לערער פון אָט דער גאַנצער "הייליגער וויסנשאַפט" זיינען געווען אין בבל (ווי אין מצרים און אַלע אַנדערע אַלטע

*) אויסער מערקורי, סאַטורן, יופּיטער, מאַרס און ווענערע האָבן די בבלים געהאַלטן פאַר פּלאַנעטן, ד. ה. פאַר ב אַ ו ע ג ל י כ ע שטערנס, אויך די זון און די לבנה.

לענדער) די הייליגע פּריסטער, די דינער פון די געטער. זיי האָבן געבילדעט אַן אייגענע, אַ פון פאָלק אָפּגעזונדערטע קאַסטע, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך די גאַנצע וויסנשאַפט, די גאַנצע קולטור פון זײַער צײַט, און האָט דאָס איבערגעגעבן נאָר צו אירע מיטגלידער, ווי אַ שטרענג געהיימע לערע. דער קלאַס פּריסטער איז געווען די דאַמאָלסדיגע אינטעליגענץ. די פּאָפּולאַריטעט און דער איינפלוס פון דער אָדער יענער גרופּע פּריסטער איז געווען אָפּהענגיג פון דער מאַכט, ד. ה. פון די נסים פון זײַער גאָט, אין וועמעס טעמפּל זיי דינען. די מאַכט פון דעם גאָט האָט זיך אָבער געווענדט אָן דער מיליטערישער און פּאָליטישער מאַכט פון דעם קיניג אָדער פירסט, וועמעס „באַשיצער" אָטדער גאָט איז געווען. דעריבער איז דער פּאָליטישער קאַמף און די מלחמות פון פאַרשײדענע פעלקער, קיניגן און פירסטן געווען אין דערזעלבער צײַט אַ קאַמף פון רעליגיעס׳ געטער און פּריסטער. אַז די פירסטן פון דער שטאָט בבל האָבן באַזיגט אַלע אַנדערע שטעט און זײַנען געוואָרן מלכים איבער דעם גאַנצן לאַנד בבל, האָט דאָס באַטײַט, אַז זײַער גאָט מרדוך (דער גאָט פון דער זון) האָט געזיגט איבער אַלע אַנדערע געטער, און אַז ער איז געוואָרן דער הויפּט־גאָט אין הימל, א. א. וו. דעריבער האָט דער זיג פון דער אָדער יענער גרויסער מלוכה איבער פרעמדע פעלקער (אויך אין פּאַלעסטינע) שטענדיג געבראַכט מיט זיך אויך אַ פאַרשטאַרקונג פון דעם רעליגיעזן (און דעריבער אויך קולטורעלן) איינפלוס פון די זיגער מיט זײַערע געטער און פּריסטער צווישן די באַזיגטע פעלקער. *)

די פּאָליטישע און רעליגיעזע מאַכט פון בבל איז געווען אָבער אַזוי גרויס אין גאַנצן מזרח, אַז איר קולטור, איר וויסנשאַפט, איר שפּראַך און איר שריפט איז געוואָרן די אינטערנאַציאָנאַלע קולטור שפּראַך און שריפט פון יענער עפּאָכע, אַזוי למשל, ווי די גריכישע אָדער רוימישע איז געווען די אינטערנאַציאָנאַלע קולטור אין דער שפּעטערדיגער צײַט, אָדער די פראַנצויזישע גאָר אין דער נײַער צײַט.

קלײַנע כּנענישע פירסטן, הערשער פון קליינע שטעטלעך, שרײַבן זיך דורך צווישן זיך אויף בבליש (אמת, פאַרמישט מיט אַ פולע כּנענישע ווערטער) און אין דער בבלישער שריפט (קײלשריפט). דיזעלביגע שפּראַך און דיזעלביגע שריפט באַנוצן די פּאַלעסטינער פירסטן, כּדי צו שרײַבן צו זייער אויבערהאַר, דעם פּרעה אין מצרים. און אפילו דער עגיפּטישער „גובערנאַטאָר" אין פּאַלעסטינע שרײַבט זײַנע אָפיציעלע באַריכטן און באַקומט אָפיציעלע ענטפערן פונם עגיפּטישן הויף אין בבליש.

*) אין דעם פּרט זײַנען זעהר אינטערעסאַנט די אמאַרנער בריוו: די קלײַנע פּאַלעסטינער פירסטן, שרײַבנדיג צו דעם קיניג אַמענחאָטעפּ דעם פירטן, וואָס האָט אײַנגעפירט אין מצרים אַ נײַע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע, האָבן אים שטענדיג פאַרזיכערט, אַז זיי האַלטן אינגאַנצן מיט זײַן נײַער תּורה!

דאָס שטאַרקע פאָלק מ י ט א נ י שרײַבט זיך אויך דורך אָדער אין מיטאַניש מיט בבלישער שריפט, אָדער פשוט אויף בבליש. מיט איין וואָרט, בבליש איז געווען יעמאָלט די הויפטשפּראַך פון די אויבערסטע קלאַסן פון אַ ל ע פעלקער אין מזרח, בפרט אין פּאַלעסטינע.

נישט קוקנדיג אויף דעם גרויסן קולטורעלן אײַנפלוס פון בבל אין פּאַלעסטינע, איז, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, דאָך געקומען אַ צײַט, ווען בבל איז געוואָרן, צוליב פאַרשיידענע סיבות, פּ אָ ל י ט י ש אזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איר הערשאַפט איבער פּאַלעסטינע האָט אויפגעהערט, און אַנשטאָט בבל איז מצרים געוואָרן דער אויבערהאַר. די הערשאַפט פון מצרים איז געווען פיל קירצער, איידער די בבלישע, יענע האָט געדויערט כמעט 1000 יאָר, און די אַ פּאָר הונדערט. און דערנאָך — אַרום צוועלף — דרײַצן הונדערט פאַר קרי. — איז געקומען אַ צײַט, ווען סײַ מצרים, סײַ בבל זײַנען געוואָרן אויף אַזויפיל אָפּגעשוואַכט דורך אינווייניגסטע רײַסערײַען, אַז פּאַלעסטינע איז אויף אַ געוויסער צייט (עטליכע הונדערט יאָר) געוואָרן כמעט א י נ ג אַ נ צ ן א ו מ אָ פּ ה ע נ ג י ג א ו ן ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ג. *)

דאָס איז גראָד געווען די צײַט, ווען אין פּאַלעסטינע האָט זיך אָנגעהייבן די אײַנוואַנדערונג פון יענער אַראַביש־סעמיטישער פעלקערגרופּע, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט אויך די ישראלים.

די אײַנוואַנדערונג האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. די ערשטע זײַנען געקומען די פיניקיער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויפן ברעג ים און געוואָרן אַ ים־פאָלק און אַ האַנדלפאָלק. דערנאָך זײַנען געקומען די פאַרשיידענע פּאַלעסטינישע פעלקעלעך (אדם, אמורים א. ז. וו.) וואָס זײַנען געוואָרן פרידליכע ערדאַרבעטער און האָבן אויסגעבויט שטעט. און די לעצטע זיינען געקומען די ישראלים און האָבן געמוזט דורכמאַכן אַ קאַמף מיט די, וואָס זײַנען געקומען פריהער און זײַנען שוין געוואָרן תושבים אין לאַנד.

פון דער צײַט פון אָטדי קאַמפן האָבן מיר העכסט אינטערעסאַנטע אויטענטישע דאָקומענטן. צווישן די ט ע ל ־ אַ מ א ר נ ע ר בריוו זיינען דאָ עטליכע, וואָס אין זיי ווערט דערציילט וועגן אָנפאַלן פון האַלבווילדע נאָמאַדישע סעמיטן, וואָס באַפאַלן די גרענעצן פון לאַנד און טוען זיי אָן

*) מיר פאַרמאָגן איצט זעהר אַן אינטערעסאַנטן דאָקומענט פון יענער צײַט, אַ מעלדונג פון אײַנעם אַן עגיפּטער ו ע ן ־ אַ מ ו ן, וואָס איז געשיקט געוואָרן אַרום 1115 פאַר קרי. אַלס אַ שליח פון דעם אויבערשטן פּריסטער פון דעם עגיפּטישן גאָט אמון קיין פּאַלעסטינע, כדי צו ברענגען פון דאָרטן צעדערהאָלץ פאַר דעם טעמפּל. מיט גרויס פרישקײַט און ביטערקײַט באַשרײַבט ער זײַן נסיעה און די אַלע צרות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטײן, ווײַל די כנענישע (פּאַלעסטינישע) פירסטן האָבן שוין פּאַקטיש מער ניט געוואָלט אַנערקענען מצרים פאַר זײער הערשערין און האָבן ווען־אמון דערקלערט, אַז זיי אַרט די גאַנצע מעשה ניט: „מיר זײַנען ניט דײַנע קנעכט, און ניט קנעכט פון דײַן האַר“.

צרות. זיי רופֿן אָטדי רויבער־פֿעלקער אויף בבֿליש „חברי" אָדער „עברי" (עברים) באַזונדערס לעבעדיק דערציילט וועגן די שלעכטע מעשים פֿון די „חברים" איינער עבֿדי־חיבֿא, דער פֿירסט פֿון דער שטאָט אורוסאַלימו (ירושלים). (אויף אַזאַ אופֿן האָבן מיר דאָ אַ דאָקומענטאַלן באַווייז, אַז די שטאָט האָט טאַקע עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט פֿאַר דעם, איידער די ישראלים זיינען אַריין אין פּאַלעסטינע) ער גיט איבער זיין איבערהאַר, דעם עגיפּטישן קיניג, אַלע רכילות און "דיפּלאָמאַטישע" נייס, (וועגן אינטריגעס, וואָס פֿירן זיך צווישן די קליינע פֿירסטן אין פּאַלעסטינע, וועגן די "חברי" וכדומה) און איז מזהיר דעם קיניג, אַז אויב מצרים וועט ניט אָננעמען די שאַרפֿסטע מיטלען, וועט זי פּאַלעסטינע פֿאַרלירן. אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. און אין דער צייט, ווען די ישראלים זיינען אַריין אין פּאַלעסטינע, איז אין איר דער עגיפּטישער איינפֿלוס אַזוי גוט ווי ניט געווען. [דערמיט דערקלערט זיך, לויט דער מיינונג פֿון פּראָפֿ. לעהמאַן־הויפּט, וואָס אין חומש פֿילט זיך אַזוי ווייניג דער איינפֿלוס פֿון מצרים].

דער פּראָצעס פֿון דער ישראלשער אַרויסוואַנדערונג פֿון די אַראַבישע וויסטעניישן און זייער אַריינוואַנדערונג אין פֿרוכטבאַרערע קולטורעלע געגנטן ווערט געשילדערט אין חומש גאָר טיפּיש. אומגערעטעניש און הונגער האָבן געצוואונגען דעם וואַנדערנדיגן פּאַסטוכער־פֿאָלק צו וואַרפֿן זיין פֿריהערדיגע היים און צו לאָזן זיך מיט זיינע קינדער און פֿרויען, זיך זוכן נייע בעסערע ערטער. אַזאַ אָרט איז געווען פּאַלעסטינע. *)

אַריינקומענדיג אין פּאַלעסטינע, האָבן זיי געמוזט פֿירן קליינע אָבער לאַנגע מלחמות מיט די פֿעלקער, וואָס האָבן זיך דאָרטן פֿריהער באַזעצט, און וואָס זיינען שוין לאַנג געוואָרן ערדאַרבעטער, מיט פֿעלדער, וויינגערטענער און שטעט.

---

*) דאָ טרעפֿן מיר זיך מיט איינע פֿון די פּראָבלעמעס פֿון דער אַלטער יידישער געשיכטע, וואָס זיינען ביזן היינטיגן טאָג נאָך ניט געלייזט געוואָרן. דאָס איז די פֿראַגע וועגן די יידן אין מצרים. פֿון איין זייט איז אַ פֿאַקט, אַז אין קיין איינציגן פֿון די טויזנטער עגיפּטישע דענקמאָלן ווערט ניט דערמאָנט וועגן דער גאַנצער געשיכטע מיט אַ פֿאָלק ישראל, מיט זיין גלות אין מצרים, אַרויסוואַנדערונג א. א. וו. און די עגיפּטישע דענקמאָלן און געשיכטליכע ווערק זיינען דאָך אַלעמאָל אַזוי אויספֿירליך און גענוי און פֿאַרגעסן ניט צו דערמאָנען די קלענסטע איינצלהייט. פֿון דער אַנדערער זייט איז דאָס אַ גאַנץ אומבאַגרייפֿליכע זאַך, אַז אַ פֿאָלק זאָל וועגן זיך אויסטראַכטן אַזאַ לעגענדע, וואָס אין איר פֿיגורירט ער ווי אַ געפֿיינינטער, באַזיגטער, דערנידעריגטער, ווי אַ קנעכט פֿון אַן אַנדער פֿאָלק. יעדענפֿאַלס, איז אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער מענשהייט אַזאַ פֿאַל ניט באַקאַנט. דעריבער קען זיך דאָס געוויסן פֿון די געלערנטע ניט באַרוהיגן אויף דעם, אַז דאָס איז פּשוט איינע פֿון די פֿיל לעגענדעס, וואָס מיר געפֿינען אין חומש, און די וויסנשאַפֿט זוכט צו געפֿינען דעם שליסל צו אָטדער רעטעניש. און ס'איז דאָ אַ רייע זעהר ערנסטע געלערנטע, וואָס האַלטן, אַז אין דער געשיכטע פֿון ישראל איז יאָ געווען אַ פּעריאָדע, ווען זיי האָבן זיך געפֿונען אין מצרים אין דער לאַנגע פֿון אַ באַזיגטן און פֿאַרקנעכטן איינוואַנדערער. [למשל, לעהמאַן־הויפּט]. גענויער וועגן דעם אינם אַרטיקל: „יידישע געשיכטע און אַרכעאָלאָגיע פֿון אַלטן מזרח"

אָטדי מלחמות ווערן געשילדערט אין חומש זעהר לעבעדיג, (הגם מיט גרויסע גוזמאות, וואָס זיינען אומפאַרמיידליך ביי אַלע אַזעלכענע פעל־קער), זיי האָבן אויסגעפילט די געשיכטע פון ישראל אַ פּאָר הונדערט יאָר, ביז ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן פעסט צו באַזעצן זיך אין אַ געוויסן געביט, טיילווייז אַרויסטרייבנדיג און פאַרניכטנדיג די פריהערדיגע בעלי־בתים, טיילווייז זיך צוזאַמענמישנדיג מיט זיי.

זיי האָט זיך אויף אַזאַ אופן איינגעגעבן צו גרינדן אַ גאַנץ שטאַרקע מלוכה (אין דער צייט פון שלמה), אָבער דאָס פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין אָט דער מלוכה, איז פאַרשטייט זיך, שוין מער ניט געווען דאָסזעלביגע פאָלק, וואָס איז מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק אַריין אין פּאַלעסטינע, סיי פיזיש, אַלס ראַסע, סיי קולטורעל.

זיין סאָציאַלער געביי, זיין קולטור און זיין שפּראַך זיינען שוין ניט געווען די אַלטע. די ישראלים האָבן אָפּגעלערנט ביי די כנענים (זעה דברים 8, 10—11) ערדאַרבעט, מלאכות, בויען שטעט און שטיינערנע הייזער, קונסט, וויסנשאַפט (שריפט), האַנדל און מלחמה־פירונג. און אַזוי ווי די גאַנצע קולטור האָט זיך אין יעמאָלטיגע צייטן אויסגעדריקט אין אַ רעליגיעזער פאָרמע, איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אַלע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען פון די ישראלים זיינען געוואָרן אַנדערע. די הייליגע ערטער פון די כנענים זיינען געוואָרן הייליג פאַר די ישראלים, און דער כנענישער גאָט בעל, דער גאָט פון ערדארבעט און שטעט, האָט זיך ביי די ישראלים צוזאַמענגעגאָסן מיט זייער פריהערדיגן גאָט יהוה, דעם גאָט פון פאַסטוכער און מדבריות.

פאַר גאַנץ כנען איז דאָס געווען אַ צייטווייליגע קולטורעלע אָפּשוואַ־כונג, ביזוואַנען דאָס ניי־געקומענע האַלבווילדע פאָלק האָט זיך ניט אַסימי־לירט מיט דער העכערער קולטור, אָבער פאַר די ישראלים האָט אָטדער גאַנצער פּראָצעס באַטייט אַ העכערונג פון זייער קולטורעלן מצב.

דער איינפלוס פון כנען איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו אין דער צייט פון דער גרעסטער פּאָליטישער זעלבשטענדיגקייט, אין שלמהס צייטן (אַרום טויזנט פאַר קר.), איז די יידישע מלוכה געווען אין קולטורע־לער באַציהונג אַ תלמיד פון די פיניקיער, פון צור און צדון. דער בית־המקדש און אַלע פּאַלאַצן זיינען געבויט געוואָרן לויט פיניקישע פּלענער דורך פיניקישע בוימייסטערס. און אַז שלמה האָט אָנגעהייבן צו אָרגאַני־זירן דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל (אַזאַ האַנדל איז אין יענע צייטן תמיד געווען אַ געשעפט, וואָס האָט געקאָנט אָרגאַניזירט ווערן נאָר מיט דער הילף פון דער מלוכה־מאַכט און איז דעריבער געווען אַ מאָנאָפּאָל פונם קיניג), האָט ער געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון די פיניקיער,



8. די חורבות פון דער גרויסער טרעפּ פונם שמרונער בית־המקדש.

און לאָזן זיי בויען פאַר אים שיפן און גרינדן מיט זיי צוזאַמען אַ האַנדלס־קאָמפּאַניע.

אָבער פּאַלעסטינע איז ניט לאַנג געבליבן פריי פון דער דירעקטער אַריינמישונג פון די גרויסע וועלט־אימפּעריעס.

באַלד האָט מצרים ווידער אָנגעהייבן צו אינטערעסירן זיך מיט דער פּאַלעסטינישער פּאָליטיק, און אין דער צייט, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהייבן נאָך שלמהס טויט אינערליכע מהלוקות אין דער יידישער מלוכה, האָט זיך מצרים אַריינגעמישט אין דעם שטרייט, שטיצנדיג ירבעמן, און אויפן 5־טן יאָר פון רחבעמס מלוכה, איז דער עגיפּטישער קיניג ש י ש ק (ריכטיג ש אָ ש ע נ ק), דער גרינדער פון דער 22־טער דינאַסטיע, אַריינגעפאַלן אין פּאַלעסטינע און האָט איינגענומען איבער הונדערט יהודישע שטעט און שטעטלעך. *)



9. אַ ייד פון יהודה. 10. אַ ייד פון שמרון.
(לויט אַסירישע בילדער)

דאָס איז געווען דער ערשטער און דער שטאַרקסטער קלאַפּ פאַר דער פּאָליטישער זעלבשטענדיגקייט פון דעם יידישן פאָלק.

מצרים האָט געשטיצט די שפּאַלטונג פון דער יידישער מלוכה אין צוויי באַזונדערע טיילן, און אַזוי ווי ביידע טיילן האָבן צווישן זיך שטענדיג קאָנקורירט און געפירט מלחמה, האָבן זיי געמוזט זוכן שטיצע און הילף ביי די אַרומיגע פעלקער און צוליב דעם ווערן פּאָליטיש אָפּהענגיג פון זיי.

פון אָטדי קלענערע פעלקער זיינען צו יענער צייט באַזונדערס שטאַרק געוואָרן די ארמים מיט דער הויפּטשטאָט דמשק (דאַמאַסק). ישראל איז אַ לאַנגע צייט געווען פאַרבונדן מיט דמשק, אָבער דאָס איז געווען ניט קיין בונד פון ג ל י י כ ע „פריינט״, נאָר גיכער ישראלס טיילווייזיגע

*) זעה דעם אַרטיקל: „יידישע געשיכטע און אַרכעאָלאָגיע פון אַלטן מזרח.״

אָפּהענגיגקייט פון דמשק. ישראל איז געווען אַ האַלבער וואַסאַל פון ארם. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז דמשק אַליין איז ניט געוואָרן אַ וואַסאַל פון נאָך אַ גרעסערער מלוכה.

אין אָנהייב פון ניינטן יאָרהונדערט פאַר קר. האָט ווידער אָנגעהייבן צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער דאַמאָלסדיגער וועלט־פּאָליטיק די גרויסע מעסאָפּאָטאַמישע מלוכה, ב ב ל. אין דער צייט, וועגן וועלכער מיר ריידן איצט, האָט אין יענע לענדער אָנגעהייבן צו הערשן אַ נייער סעמי־טישער פאָלק, א ש ו ר י ם (אַסירייער), וואָס האָט זיך שטאַרק צוזאַמענגעמישט מיט די בבלים.

אשור איז געווען אַ גרויסע מיליטערישע מלוכה, מיט זעהר אַ שטאַר־קער, גוט אָרגאַניזירטער און באַוואָפנטער אַרמיי, און זי האָט אָנגעהייבן, באַלד אָפּצופרישן די אַמאָליגע אימפעריאַליסטישע טראַדיציעס פונם אַלטן בבל. צו אָטדי טראַדיציעס האָט אויך געהערט די שטרעבונג צו דער־גרייכן ביזן מיטל־ים. און דער וועג צום ים האָט געפירט איבער סיריע, דמשק און די פּאַלעסטינישע מלוכות און מלוכהלעך.

דער אַסירישער קיניג א ש ו ר ב אַ נ י פּ אַ ל דער דריטער האָט אָנ־געהייבן אָטדעם וועג צום ים, זיין זון שלמנאסר (סאַלמאַנאַסאַר) דער III האָט אים פאָרטגעזעצט. אין 853 יאָר האָט ער, ווי עס שרייבן די אַסירישע כראָניקעס, אָפּגעהאַלטן אַ „גרויסן נצחון" איבער אַ קאָאַליציע פון אַרמישע און פּאַלעסטינישע פירסטן. דאָס איז געווען די באַרימטע שלאַכט ביים טייך ק אַ ר ק אַ ר. צווישן די געגנער פון אַסיריע האָט זיך אויך געפונען דער מלך בירהאידרי (ביר־הדד אָדער בן־הדר, ווי אין חומש שטייט) פון דמשק, די פיניקישע פירסטן, און א ח א ב פון ישראל (אַ ח אַ ב ו ס י ר אַ ל י י א, ווי די אַשורישע כראָניקעס שרייבן אין זייער שפּראַך).

אין עטליכע יאָר אַרום נאָך דער שלאַכט ביי קאַרקאַר זיינען געווען נייע שלאַכטן, און וועגן איין שלאַכט (ביי דעם טייך אָ ר אָ נ ט אין 845 יאָר) האָבן מיר אַ באַזונדערן גענויען אַשורישן באַריכט. *)

אָבער אינגאַנצן איינעמען די פּאַלעסטינישע מלוכות האָט זיך די אַשורים איינגעגעבן ערשט שפּעטער, אין אַ יאָר 150 אַרום, ווייל ביזדאַנען איז זיי נאָך אויסגעקומען צו פירן מלחמה מיט אַ ריי אַנדערע גרויסע פעלקער (אין מזרח און צפון־מזרח). דאָס זיינען געווען די א ו ר אַ ר ט ו (אין איצטיגער אַרמעניע) און די מ ד י ם (מעדייער).

אָבער אַסיריע איז סוף כל סוף בייגעקומען אַלע אירע קאָנקורענטן און אַזוי ווי מצרים איז צו יענער צייט געווען פּאָליטיש גאָר געפאַלן און איז אפילו איינגענומען געוואָרן פון עטיאָפּישע פעלקער, איז אשור גע־

*) זעה אַרטיקל „יידישע געשיכטע און אַרכעאָלאָגיע פון אַלטן מזרח", דער „שטיין פון סאַלמאַנאַסאַר".



11. אַ מאָדעל (רעקאָנסטרוקציע) פון שלמה׳ס בית-המקדש.

בלײַבן די הויפּטמאַכט אין דער וועלט. און יעמאָלט איז זי פאַרטיג געוואָרן אויך מיט אַלע מלוכות און מלוכהלעך, וואָס האָבן איר פאַרשפּאַרט דעם וועג צום ים: די פלשתּים, דמשק א. א. וו.

פון די ביידע יידישע מלוכות איז צוערשט געפאַלן ישראל, וואָס האָט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק שטענדיג געהאַלטן מיט אַסירייעס שונאים. אינם יאָר 722 האָט דער קיניג סאַרגאָן דער צווייטער איינגענומען די הויפּטשטאָט פון ישראל, ש מ ר ו ן (סאַמאַריע), האָט פאַרוואַנדלט דאָס לאַנד אין אַן אַסירישע פּראָווינץ און אַוועקגעפירט לויט דעם אַסירישן שטייגער די באַפעלקערונג אין געפאַנגענשאַפט.

י ה ו ד ה האָט זיך געראַטעוועט דורך דעם, וואָס זי האָט זיך פרייוויליג אונטערגעגעבן אונטער די אַסירישע אויבערהערשאַפט. אָבער דאָס האָט ניט אויפלאַנג געהאָלפן.

די אינטערנאַציאָנאַלע באַציהונגען און היפּוכים האָבן זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט, און יהודה איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער צו לאַווירן צווישן די פאַרשיידענע מעכטיגע פאַקטאָרן פון דער וועלט־פּאָליטיק (אַסירייער, מצרים, עטיאָפּיער, מדים א. אַ. וו.).

12. יידישע געפאַנגענע (לויט אַסירישע בילדער)

געגאַנגען צוערשט מיט אַסיריע קעגן אַנדערע פעלקער, דערנאָך מיט עטיאָפּיע און מצרים קעגן אַסיריע, געליטן אַ שרעקליכע מפּלה פון אַסיריע (באַלאַגערונג פון ירושלים דורכן אַסירישן קיניג סנחריב אין יאָר 702-701) און געוואָרן אַן אַסירישע פּראָווינץ. אָבער שפּעטער, בשעת אַסיריע איז אויף אַ ווײַלע אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און מצרים ווידער שטאַרקער געוואָרן, ווערט יהודה כמעט אַ זעלבשטענדיגע מלוכה, ביז זי פאַלט ניט אַרונטער אויף אַ קורצע צייט אונטער דער הערשאַפט פון מצרים (608-604). די כּוחות בייטן זיך ווידער. מצרים ווערט באַזיגט פון אַסיריע, און יהודה גייט איבער אין די הענט פון זיגער. זי ווערט זיך, פּרובט זיך מאַכן פריי, אָבער קיין מעגליכקייט צו לאַווירן איז שוין ניטאָ. ס'דויערט מער נישט ווי עטליכע יאָר, און ס'איז געקומען דער סוף: די ניי־בבלישע מלוכה (נבכדנצר)

אינם יאָר 586 נעמט איין ירושלים, פֿאַרברענט דעם בית המקדש, פירט אַוועק אין בבל די העכערע שיכטן פֿון דער באַפעלקערונג און פֿאַרניכטעט די עקזיסטענץ פֿון יהודה.

ס'הייבט זיך אָן דער פעריאָד פֿון ג ל ו ת.

אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען האָבן אומגעבראַכט די יידישע מלוכה, אָבער זיי האָבן אויך שפעטער געשאַפן די מעגליכקייט, בכדי די מלוכה זאָל קענען פונדאָסניי געשאַפן ווערן.

די פאָליטישע וועלט־סצענע האָט זיך באַלד געביטן. אויף איר איז אַרויף אַ נייער פאָלק, אַן אַ ר י ש ע ר, ניט קיין סעמיטישער, די פ ע ר ס ע ר, וואָס האָבן אַראָפּגעשטופט פון אויבנאָן אי די מדים, אי די אַסירייער, און האָבן אַריינגענומען אין זייערע הענט די פאָליטישע העגעמאָניע איבער גאַנץ אַזיע (דער קיניג ק י ר אָדער כ ו ר ש). דער פערסישער אימפעריאַליזם האָט זיך געהאַלטן אויף אַנדערע יסודות, ווי דער אַסירישער. פאַר די פערסער איז געווען וויכטיג צו האָבן אַ געטרייען פאַרבינדעטן אין פאַלעסטינע. אַזאַ פאַרבינדעטן האָבן זיי זיך באַשאַפן, געבנדיג דער יידישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געווען געפאַנגען אין בבל, די דערלויבעניש אומצוקערן זיך אין פאַלעסטינע און אויפבויען דאָרטן פונדאָסניי אַ יידישן ישוב (53).

13. יידישע געפאַנגענע (לויט אַסירישע בילדער)

עס ווערט ווידער אויפגעבויט די שטאָט, דער טעמפל (בית שני), ירושלים ווערט באַפעסטיגט (עס ווערט געמאַכט אַ מויער אַרום דער שטאָט), און ס'הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פון נאַציאָנאַלן און קולטורעלן אויפבוי אויף נייע יסודות.

אָבער די הערשאַפט פון פערסיע האָט געדויערט אינגאַנצן אַ צוויי־הונדערט יאָר. עס שטייט אויף אַ נייער וועלט־הערשער — ג ר י כ נ ־ ל אַ נ ד. אַ ל ק ס נ ד ר מ ו ק ד ו ן פאַרנעמט (333) דעם אָרט, וואָס אַמאָל האָט פאַרנומען ס א ר ג א ן אָדער ק י ר, און ס'קומט אָן פאַר דער גאַנצער



14. דער „טריאומפאַלער טויער" פון טיטוס. (דער טייל, אויף וועלכן ס׳זעהען זיך די אוצרות פון בית־המקדש)

וועלט אַ פּעריאָד פון גריכישער העגעמאָניע, גריכישן האַנדל, גריכישן קולטורעלן איינפלוס.

די יידישע מלוכה לעבט די ערשטע צייט אין פולן שלום מיט די נייע הערשער. אָבער באַלד הייבן זיך אָן קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן. דער גריכישער איינפלוס אַסימילירט די אויבערשטע שיכטן פון יידישן פאָלק און צעשפּאַלט אים. אויסער דעם פירן די א י ר אָ פּ ע א י ש ע (אַרישע) וועלט־הערשער אַן אַנדער נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, ווי די פריהערדיגע אַזיאַטישע, סעמיטישע הערשער. זיי הייבן אָן אַ פּאָליטיק פון אַסימילירן מיט געוואַלט, פון אונטערדריקן די היימישע שפּראַך און קולטור (רעליגיע) פון די אונטערגעוואָרפענע פעלקער. פאַר די יידישע פאָלקסמאַסן, וואָס ווייזן זיך אַרויס אין נאַציאָנאַלער באַציהונג פעסטער, איידער די אויבערשטע קלאַסן, הייבט זיך צוליב דעם אָן אַן עפּאָכע פון קאַמף און ליידן. ס׳פלאַ־קערט אויף דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים (165) און ס׳ציהט זיך אַוועק אַ צייט פון פּאַרטיזאַנישע מלחמות. די פירער, פאָלגנדיג דער אַלטער יידישער אָדער ריכטיגער, פּאַלעסטינישער טראַדיציע, סטאַרעווען זיך אויסצונוצן די וועלט־פּאָליטישע רייבונגען צווישן פאַרשיידענע מלוכות, וואָס האָבן זיך געבילדעט פון דער אַמאָליגער גרויסער אימפּעריע פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן, צווישן פאַרשיידענע פּאַרטייען און ריכטונגען אין סיריע גופא, און צווישן סיריע און דער יונגער שטאַרקער מלוכה ר ו י מ. דאָס גיט זיך זיי איין, און די פרוכט פון זייער קונציגן לאַווירן איז אַ ניי־געבילדעטע יידישע מלוכה, וואָס איז צוליב דער פּאָליטישער צעברעקלונג אין אַזיע אַ גאַנץ לאַנגע צייט כמעט פולקום זעלבשטענדיג (141-63).

אָבער די וועלט־סצענע בייט זיך ווידער. אַ נייער וועלט־הערשער שטייט אויף: ר ו י מ. גלייך ביי זייערע ערשטע שריט אין דער פאָדער־שטער אַזיע שטויסן זיך צוזאַמען די רוימער מיט דער יידישער מלוכה. אינווייניגסטע מחלוקות דערלייכטערן פאַר די רוימער זייער אַרבעט, און יהודה ווערט אין גאַר אַ קורצער צייט אַ וואַסאַל פון רוים, אַ ר ו י מ י ש ע פּ ר אָ ו י נ ץ. אמת, יהודה האָט אווטאָנאָמיע און האַלט זיך אויסערליך ווי אַ באַזונדערע מלוכה מיט אַן אייגענער קיניגליכער דינאַסטיע (הורדוס), מיט שיינע פּאַלאַצן, אַ שיינעם נייעם טעמפּל וכדומה. אָבער שווער איז די אייזערנע האַנט פון רוים, און די „פרייע" יידישע מלוכה איז ניט מער ווי אַ שפּילכל אין די הענט פון די רוימישע „פּראָקוראַטאָרן"; ס׳קומט צו רייבערייען צווישן די פרעמדע הערשער און דעם פאָלק, ס׳פלאַקערט אויף אַן אויפשטאַנד־עטליכע יאָר פירט זיך אַ פאַרצווייפלטער, איינגעשפּאַרטער העלדישער קאַמף, און דערנאָך קומט דער שרעקליכער סוף: די פולשטענדיגע פאַר־ניכטונג פון ירושלים, די אויסראָטונג פון פאָלק, די אונטערדריקונג פון

יעדער זעלבשטענדיגקייט (טיטוס, 70 נאָך קריסטוס געבורט*), נאָך איין אויפשטאַנד, נאָך איין פּרוב, דער לעצטער (בר־כּוכבא, 132-135), און די יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע ווערט חרוב אויפאייביג און אָהן אַ שום רעשט: אָנשטאָט איר בלייבט נאָר אַ פּשוטע רוימישע „גובערניע" — „סיריאָ־פּאַלעסטינע".

15. אַ מטבע פון בר־כּוכבא׳ס צייט.

*) אויף דעם „טריאומפאַלן טויער" פון טיטוס אין רוים קען מען נאָך איצט אויך זעהן די גרויסע „מנורה" מיט 7 אָרימס און די טרומייטן, וואָס טיטוס האָט אַרויסגענומען פון דעם בית־המקדש.

II. יידישע געשיכטע און אַרכעאָלאָגיע פון אלטן מזרח·

אין אַ משך פון פיל הונדערטער יאָרן זיינען דער איינציגער מקור פאַר דער געשיכטע פון אַלטן מזרח בכלל און פאַר דער יידישער געשיכטע בפרט געווען ביכער: שריפטן פון איניגע גריכישע און רוימישע היסטאָריקער (טאַציט, העראָדאָט, דיאָדאָר, סטראַבאָן, פּליניוס), ביכער פון די יידישע שריפטשטעלער יוסף פלאַוויוס (יוסיפון) און פילאָן (ידידיה האלכּסנדרוני), איניגע אַראַבישע ביכער און, ספּעציעל פאַר דער יידישער געשיכטע, דער תּנך מיט די „ספרים החצונים" („אַפּאָקריפן" — שריפטן, וואָס זיינען ניט אַריינגענומען געוואָרן אין תּנך), די קריסטליכע ביבל (יעוואַנגעליום), און פאַר דער שפּעטערדיגער צייט — דער תּלמוד אין אַלע זיינע טיילן.

אָבער וואָס מער ס'האָט זיך אַנטוויקלט די אַלגעמיינע היסטאָרישע וויסנשאַפט, אַלץ מער איז פאַר די געלערנטע געוואָרן קלאָר, אַז אין די דערמאָנטע ביכער און שריפטן זיינען פאַרהאַן אַפּולע פאַלשע ידיעות, אַפּולע נאַאיווע אומוויסנשאַפטליכע פאָרשטעלונגען, אַפּולע פעלער און נישט ריכטיגע זאַכן. ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ קריטיק פון די היסטאָרישע מקורים, באַזונדערס פונם תּנך און דעם יעוואַנגעליום.

די קריטיק האָט געבראַכט צו העכסט אינטערעסאַנטע און וויכטיגע רעזולטאַטן *), אָבער זי האָט ניט געקאָנט זיין גענוג פּרוכטבאַר און האָט ניט געקאָנט שאַפן קיין פעסטן באָדן פאַר אַן אמתדיג וויסנשאַפטליכע געשיכטע פונם אַלטן מזרח אַזוי לאַנג, ווי ס'זיינען ניט געווען אַנדערע, אָביעקטיווע מקורים און מאַטעריאַלן, מיט וועלכע מען קען פאַרגלייכן די דערציילונגען פון די דערמאָנטע שרייבער.

אַזעלכע אָביעקטיווע אומצווייפלדיגע מאַטעריאַלן האָבן געשאַפן די אויסגראָבונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין די לענדער, וואו ס'האָט זיך אַמאָל אָפּגעשפּילט די געשיכטע פונם אַלטן מזרח.

*) זעה דעם אַרטיקל: „די אַנטשטייאונג פונם תּנך".

זינט די אייראָפּייאישע פעלקער (ענגלאַנד, פראַנקרייך א.א.) האָבן אָנגעהייבן (געטריבן דורך זייער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג) צו זוכן נייע אָפּזאַצמערק פאַר זייערע סחורות און צו פאַרברייטן זייער עקאָנאָמישן און פּאָליטישן איינפלוס אויף די לענדער פון דער פּאָדערשטער אַזיע (קליין־אַזיע, מעסאָפּאָטאַמיע, פּערסיע, פּאַלעסטינע) און צפון־אַפריקע (עגיפּטע), איז די אייראָפּייער אויסגעקומען אַלץ מער צו אינטערעסירן זיך און צו באַקאָנען זיך מיט דער שפּראַך, קולטור און געשיכטע פון די דערמאָנטע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע פעלקער. ענגלישע און פראַנצויזישע מלוכה־באַאַמטע, אָפיצירן, סוחרים און אַגענטן, זיינען אין אַלץ אַ גרעסערער צאָל אַריבערגעפאָרן אין די נייע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע קאָלאָניעס. אין באַגדאַד און מאָסול, אין ירושלים און מעמפיס, אומעטום האָבן זיך געשאַפן אייראָפּייאישע ישובים, מיט שולן און לערערס, מיט קירכן און גייסטליכע מיסיאָנערן, מיט שפּיטאָלן און דאָקטוירים. צווישן אָטדער אייראָפּייאישער איגטעליגענץ זיינען געווען אַפילו געבילדעטע מענשן, וואָס האָבן זיך זעהר אינטערעסירט מיט דער פילאָלאָגיע און געשיכטע פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג. זיי האָבן שטודירט, געזוכט, געפאָרשט — און האָבן טאַקע זעהר גיך געפונען אַ מאַסע נייע אינטערעסאַנטע זאַכן: שטיינער מיט פאַרשיידענע אומפאַרשטענדליכע אויפשריפטן, פיגורן, סטאַטועס, וואַזעס, געצייג, וואָס די אָרטיגע באַפעלקערונג האָט צופעליג געפונען ביי ערדאַרבעט אָדער בויאַרבעט און האָט גערן פאַרקויפט די נייגיריגע אייראָפּייער פאַר עטליכע זילבערנע מטבעות.

דאָס האָט לאַנג געטראָגן אַ צופעליגן כאַראַקטער. מיט דער צייט אָבער האָבן די געלערנטע אין אייראָפּע איינגעזעהן, אַז די אַרבעט קען האָבן זעהר אַ וויכטיגע באַדייטונג. פון דער אַנדער זייט האָבן זיך אויך די רעגירונגען פאַראינטערעסירט מיט אָטדער זאַך. וואָס שאַרפער ס'איז געוואָרן דער קאַמף צווישן די גרויסע אייראָפּייאישע מלוכות אַרום די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע קאָלאָניעס, אַלץ וויכטיגער איז געוואָרן פאַר די מלוכות צו באַשאַפן פאַר זיך דאָרטן נישט נאָר מיליטערישע און עקאָנאָמישע שטיצפּונקטן, נאָר אויך קולטורעלע פּאָזיציעס. „נאָך דעם סאָלדאַט קומט דער סוחר”. אָבער נאָך דעם סוחר גייט איצט שוין דער לערער, דער גייסטליכער, דער דאָקטער און — דער געלערנטער, דער אַרכעאָלאָג, דער מאַן פון דער וויסנשאַפט. און אָפטמאָל גייט מען אויך אין פאַרקערטן סדר: צוערשט דער אַרכעאָלאָג און דער לערער, וועלכער שאַפט אַ באָדן פאַרן קולטורעלן איינפלוס, און נאָך אים קומט שוין דער סוחר און — דער סאָלדאַט. געאָגראַפישע, אַרכעאָלאָגישע און היסטאָריש־פילאָלאָגישע געזעלשאַפטן זיינען געוואָרן אַ נויטווענדיגער געצייג אין דעם קאָלאָניאַלן קאַמף פון די אייראָפּייאישע פעלקער. אָבער אין דעם פּונקט האָט דער אייראָ־

פייאישער אימפעריאליזם געהאַט וויניגסטנס איין גוטע זייט: ער האָט געגעבן א קאָלאָסאלן שטופּ דער געשיכטליכער וויסנשאַפט. אָהן דער מעכטיגער פינאַנציעלער און פּאָליטישער אונטערשטיצונג פון די רעגירונגען וואָלטן אין די האַלבווילדע לענדער ניט מעגליך געווען די גראַנדיעזע אויסגראָבונגען און עקספּעדיציעס, וואָס האָבן געבראַכט אַזאַ אומגעהייער רייכן און אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל און האָבן געהאַט אַזאַ גוואַלטיגע באַדייטונג פאַר דער וויסנשאַפט.

דערצו קומט נאָך, ספּעציעל פאַר פּאַלעסטינע, די קאָנקורענץ צווישן די פאַרשיידענע קריסטליכע רעליגיעס און טעאָלאָגן בנוגע צו ירושלים און דעם גאַנצן „הייליגן לאנד“. יעדע רעליגיע, יעדעס לאַנד וויל וואָס מער אויפטאָן פאַר זיין טעאָלאָגיע, פאַר זיין קירך, דורך וויסנשאַפטליכע און אַרכעאָלאָגישע אַרבעט אין פּאלעסטינע.

דעם ערשטן אָנהייב צו אַזעלכענע מלוכה־וויסנשאַפטליכע אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס האָט געמאַכט נאַפּאָלעאָן דער ערשטער. גייענדיג אינם יאָר 1799 מיט אַ גרויסער אַרמיי קיין עגיפּטן, כדי צו פאַרניכטן דאָרטן די וועלט־ממשלה פון ענגלאַנד, האָט ער מיטגענומען מיט זיך אויך עטליכע געלערנטע אַרכעאָלאָגען, כדי זיי זאָלן אין עגיפּטן שטודירן די דאָרטיגע אַלטערטימער (די פּיראַמידן, ספינקסן, טעמפּלען) און די וואונדערליכע עגיפּטישע שריפט (די יעראָגליפן), וועלכע די אייראָפּייער האָבן יעמאָלט נאָך ניט געקאָנט פאַרשטיין.

אָטדי עקספּעדיציע האָט טאַקע געבראַכט צו זעהר וויכטיגע וויסנשאַפטליכע רעזולטאַטן. מען האָט אָנגעזאַמלט אַפּולע אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן און צווישן זיי אויך דעם באַרימטן „שטיין פון ראָזעטע“, וואָס האָט געגעבן די ערשטע מעגליכקייט צו טרעפן די רעטעניש פון די יעראָגליפן (די אויפלייזונג פון אָטדעם רעטעניש האָט געגעבן דער באַרימטער פראַנצויזישער געלערנטער שאַמפּאָליאָן אינם יאָר 1822).

ווייטערדיגע וויכטיגע אַנטדעקונגען האָבן געמאַכט די ענגלענדער אין מעסאָפּאָטאַמיע, אין די געגנטן, וואו ס׳זיינען אַמאָל געווען די גרויסע מלוכות בבל און אשור.

אין די יאָרן 1845-48 האָט דער ענגלענדער לייאַרד אויסגעגראָבן פון אונטער דעם טויזנט־יאָריגן זאַמד אַ טייל פון די קייזערליכע פּאַלאַצן אין דער געוועזענער הויפּטשטאָט נינוה (נינעוויע), מיט פּראַכטיגע זיילן, פיגורן און מאַלעריי.

דאָס האָט געמאַכט אַ גוואַלטיגן רושם אין דער גאַנצער וועלט, און פון אייראָפּע האָט זיך מיט דער צייט אַ לאָז געטאָן אַ גאַנצער שטראָם פון געלערנטע, אַרכעאָלאָגן, היסטאָריקער און רייזנדער אין די לענדער פון אַזיע און אַפריקע, וואו ס׳זיינען אַמאָל געווען די גרויסע מלוכות פון די



16. דער „שטיין פון ראָזעטע״ (דער טייל וואָס איז באַשריבן מיט יעראָגליפן)

אַלטע פעלקער. ווי די גאָלדזוכער אין קאַליפאָרניע, אַזוי האָט אויך דער גאַנצער געלערנטער עולם אין פּאַלעסטינע, מעסאָפּאָטאַמיע און עגיפּטע גע־גראָבן אין דער ערד, געזוכט, געפאָרשט, קאָנקורירט איינער מיט דעם אַנדערן.

איינצלנע רייכע מעצענאַטן, וויסנשאַפטליכע פּאַראיינען, אוניווער־סיטעטן און רעגירונגען, אַלע האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו שיקן עקספּעדיציעס, דינגען הונדערטער אַראַבער מיט לאָפּעטעס און לאָזן זיי גראָבן אין באַשטימטע ערטער, אָפּקויפן ביי דער אָרטיגער באַפעלקערונג אַלע אַלטע זאַכן, וועלכע האָבן אַן אינטערעס פאַר דער וויסנשאַפט א. אַ. וו.

און די רעזולטאַטן זיינען געווען גלענצנד, ווייל דער באָדן אין אָטדי געגנטן איז געווען געדיכט אָנגעפּילט, פּשוט אָנגעפּאַקט מיט איבער־בלייבענישן פון דער אַמאָליגער קולטור, פונם אַמאָליגן לעבן.

די ענגלענדער האָבן אין מעסאָפּאָטאַמיע, אין די חורבות פון נינוה געפונען טויזנטער ליימענע טאָוולען (ברעטלעך, ציגעלעך), אויף וועלכע ס'זיינען געווען אויסגעקריצט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, איינ־געפרעסט קיילפאָרמיגע צייכנס, ווי קליינע צוועקלעך. דאָס איז געווען די שריפט (קיילשריפט) פון די בבלים און די אשורים.

צוערשט האָט מען דאָס ניט געקאָנט לייענען און פאַרשטיין, אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן די אייראָפּייאישע היסטאָריקער אויס־געלערנט זיך צו פאַרשטיין אָטדי שריפט און די בבלישע שפּראַך. מ'האָט געמאַכט ווערטערביכער פאַר בבליש און אשוריש, אַרויסגעפונען די געזעצן פון אָטדי שפּראַכן און אָנגעשריבן גראַמאַטיקעס פאַר זיי. ס'האָט זיך אַזוי־אַרום געבילדעט אַ נייער צווייג פון דער וויסנשאַפט: אַסיריאָלאָגיע.

דיזעלביקע אַנטוויקלונג איז אויך דורכגעמאַכט געוואָרן מיט די עגיפּ־טישע יעראָגליפן, מיט דער עגיפּטישער שפּראַך און מיט דער געשיכטע פונם אַלטן עגיפּטע. ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַ וויסנשאַפט: עגיפּטאָלאָגיע.

איצט האָט מען שוין געקאָנט גענוי שטודירן די אָנגעקליבענע מאַטעריאַלן און שעפּן פון זיי נייע קענטענישן.

און מאַטעריאַל האָט זיך אָנגעקליבן מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער. עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז די טויזנטער טאָוולען, וואָס מ'האָט געפונען אין נינוה, זיינען ביכער פון דער קייזערליכער ביבליאָ־טעק און אַרכיוו. מ'האָט זיי געבראַכט אין דעם באַרימטן „בריטישן מוזיי" אין לאָנדאָן און אָנגעהייבן זיי דאָרטן ברענגען אין אָרדנונג, רעגיס־טרירן, פאָטאָגראַפירן און איבעזעצן. אויף איינער פון די טאָוולען האָט מען געפונען די באַרימטע בבלישע דערציילונג וועגן „מבול", וואָס איז אַזוי ענליך צו דער דערציילונג פון חומש. (קסיסוטרא הייסט דער בבלישער נח). אויף אַנדערע האָט מען געפונען דערציילונגען וועגן דעם העלד גילגאַמעש, וואָס האָט אַ געוויסע קרובעשאַפט מיט דער געשיכטע

פֿון יעזוס קריסטוס און אַנדערע מיפֿן פֿון די אייראָפּייאישע פֿעלקער. אויסער דעם האָט מען געפֿונען בריוו, לידער, פֿאָרמולעס פֿון כּישוף, תּהילים א. א. וו.

דער מאַטעריאַל פֿאַר ביכער און שריפֿט איז געווען אין יענע לענדער ליים. מען פֿלעגט מאַכן פֿון ליים ווייכע טאָוולען, מיט אַ הילצערנעם שאַרף אָפּגעשניצטן שטעקעלע פֿלעגט מען אַריינפּרעסן אין די ווייכע ליים די קײלצייכנס, און דערנאָך פֿלעגט מען זיי טריקענען אָדער ברענען, פֿלעגן אַרויסקומען האַרטע ברעטלאך אָדער ציגעלאך, וואָס קענען זיך אין דעם טרוקענעם מעסאָפּאָטאַמישן קלימאַט האַלטן הונדערטער און טויזנטער יאָרן. אויף בריוו פֿלעגט מען אנשטאָט אַן אונטערשריפֿט לייגן אַ שטעמפּל, אַ זיגל. דערצו פֿלעגט מען נעמען אַ קײלעכדיקן צילינדער פֿון האַרטע שטיין אָדער געבֿרענגטע ליים, אויסשניידן אויף אים פֿאַרשיידענע פֿיגורן, צייכנס און נעמען און אַ קייקל טאָן אים איבער דעם „בריוו". פֿלעגן זיך אויף דעם ווייכן „בריוו" אָפּדרוקן די צייכנס פֿונם זיגל. אַ פֿאַרטיקן ליימענעם „בריוו" פֿלעגט מען אַריינלייגן אין אַ ליימענעם „קאָנווערט" מיט אַן אַדרעס.

אין עגיפּטן איז לויט דער נאַטור פֿון דעם לאַנד געווען אַן אַנדער שרייב־מאַטעריאַל. אויף די ברעגעס פֿון נילוס וואַקסן פֿלאַנצן מיט הויכע, קײלעכדיקע שטענגלעך און מיט אַ דינער, ווייכער, גלאַטער און שטאַרקער קאָרע. דאָס איז דער פּ אַ פּ י ר ו ס. מען פֿלעגט אָפּשיילן די קאָרע פֿון פּאַפּירוס, גלעטן זי, רייניקן זי און מאַכן דערפֿון לאַנגע, שמאָלע בויגנס און שרייבן דערויף (מיט אַ העלצעלע) מיט אַ שוואַרצע פֿאַרב (טינט).

ליגנדיק פֿאַרשאָטן אין דעם טרוקענעם הייסן עגיפּטישן זאַמד (אַ רעגן איז אין עגיפּטן אַ גרויסע זעלטנקייט, וואָס קומט פֿאָר איינמאָל אין אַ פּאָר יאָר), האָבן די באַשריבענע עגיפּטישע פּאַפּירוסן געקאָנט אויסהאַלטן טויזנטער יאָרן, ניט ווערנדיק צעריסן אָדער פֿאַרדאָרבן.

און די אייראָפּייאישע געלערנטע האָבן זיי געפֿונען מאַסנווייז, גאַנצע ביבליאָטעקן מיט די מערקווירדיקסטע ביכער.

מ'קען זיך פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ רייכן מאַטעריאַל פֿאַר דער געשיכטע פֿון עגיפּטן מען האָט געפֿונען אין אָט די ביכער, שוין ניט ריידנדיק וועגן די אויסגעהאַקטע אויפֿשריפֿטן אויף די טויזנטער שטיינערנע זײַלן, פֿיגורן און געבײַדעס, וואָס מ'האָט אין עגיפּטן געפֿונען אָדער אויסגעגראָבן.

פֿיל ווייניקער מאַטעריאַל האָט מען געפֿונען אין פּ אַ ל ע ס ט י נ ע און ספּעציעל אין די געגנטן, וואו ס'איז אַמאָל געווען די יידישע מלוכה. און אויב מען זאָל רעכענען נאָר דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צו די יידן, איז דאָס פּשוט אַ קליינער הייפֿעלע.

די אויסגראָבונגען אין פּאַלעסטינע·

דער דייטשער פּאַסטאָר קליין האָט אינם יאָר 1868 געפונען אין דעם אַראַבישן שטעטל דיבון אַ גרויסן שטיין מיט אויסגעהאַקטע יידישע אותיות· ווי נאָר ער האָט אַראָפּגענומען פונם שטיין אַ גיפּסענע קאָפּיע׳ האָבן די אומוויסנדיגע אַראַבער צעשלאָגן דעם שטיין אויף שטיקער׳ ווייל זיי האָבן זיך דערשראָקן׳ אַז דאָס איז עפּעס אַן אומריינע זאַך· די שטיקער געפינען זיך איצט אין פּאַריז׳ אין דעם מוזיי לואוור· אַז מ׳האָט די גיפּסענע קאָפּיע אונטערזוכט׳ האָט זיך אַרויסגעוויזן׳ אַז דאָס איז אַ זיג־דענקמאל׳ וואָס מישע (מעשא) דער מלך פון מואָב האָט אַוועקגעשטעלט׳ בשעת עס האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּצונעמען די געגנט „מידבא״ ביי אחאָב



17. דער שטיין פון מישע מלך מואב·

דעם קעניג פון ישראל (דאָס האָט געמוזט זיין אַרום 850 פאַר קריסטוס)· דורך אָט־דעם שטיין האָבן מיר אַ מאַטעריעלן באַווייז, אַז אַחאָב איז ניט קיין אויסגע־טראַכטע פערזאָן, נאָר אַז אַזאַ קיניג איז טאַקע געווען·

אינם יאָר 1880 האָבן קליינע יינג־לאַך, באַדנדיג זיך ניט ווייט פון ירושלים אין אַ קליינעם טייכל, געפונען נאָך אַ שטיין מיט יידישע אויפשריפטן· (דער שטיין געפינט זיך איצט אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָלער מוזיי)· ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז אין דער אויפשריפט ווערט באַשריבן, וויאַזוי מען האָט פאַר דעם באַרג־טייכל אויסגעגראָבן אַ קינסטליכן אונטערערדישן טונעל (דער באַרימטער „שלוח־קאנאל") און אַ קינסטליכע אָזערע, כּדי די שטאָט זאָל האָבן וואַסער אפילו בשעת אַ פיינטליכע באלאגערונג (דברי הימים ב׳ לב׳ 4)

די געלערנטע רעכענען, אַז דער טונעל (ער איז לאַנג 335 מעטער) איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין די צייטן פון קעניג יחזקיה פון יהודה (אַרום 700 פאַר קר· געב·) און אַז אָט דעם קאַנאַל מיט דער קינסטליכער אָזערע מיינען דאָס נחמיה (ג׳ 16) און ישעיה (ח׳ 6)·



18. די שורות 24 און 25 אויף דעם שטיין פון מישע·

24. הקרי ובר· אן· בקרב· הקר· בקרחה· ואמר· לכל· העם· עשו· ל

25. כם· אש· בר· בביתה· ואנך· כרתי· המכרתת· לקרחה· באסר

איבערזעצונג:

24. די שטאָט / און עס איז ניט געווען קיין ברונים אין דער שטאָט קרחה· און איך האָב געזאָגט צו דעם גאַנצן פאָלק·

25. מאַכט אייך יעדער אַ ברונים אין זיין הויז, און איך האָב געלאָזט גראָבן די גראָבנס פאַר קרחה דורך געפאַנגענע / (פון ישראל) ···

פון 1890 יאָר אָן הייבט זיך אָן אין פאַלעסטינע אַ פעריאָד פון גרויסע אַרכעאָלאָגישע אַרבעטן· דעם אָנהייב האָט געמאַכט די גרויסע ענגלישע פאַ־לעסטינעגעזעלשאַפט (Palestine = Exploration = Fund), וואָס האָט געשיקט אַהין דעם אַרכעאלאג פלינדערס פּעטרי (Petrie), וואָס האָט זיך שוין פריהער געמאַכט אַ גרויסן נאָמען דורך זיינע אויסגראָבונגען אין עגי־פּטן· פּעטרי, און נאָך אים בליס און מאַקאַליסטער האָבן אויפ־געדעקט ניט ווייט פון עזה די רעשטן פון דער באַרימטער שטאָט לכיש·



19. די אויפשריפט אין דעם טונעל פון שלוח.

דער טעקסט פון דער שלוח־אויפשריפט *)

1. [הן הנ]קבה. וזה היה. דבר. הנקבה. [בע]ו[ד החצבם. העלו]
2 [הגרן] זן אש אל רעו ו[בעו]ד שלש אמ[ת] לה[כ · · · · מא] קל. [א] ש. ק
3. [ר]א אל רעו כי הית. זדה בצר. מימן [קמו הכ] · בים ה
4. נקבה הכו החצב[ם], אש לקראת. רעו [ג]רז[ן] א[ל [ג]רזן. [ו]ילכו
5. המים. מן המוצא אל הברכה, באמתי[ם···] ואלף אמה ומ[א]
6 ת. א[מה], היה. גבה. הצ[ר] על ראש. החצבי[ם].

א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג

[דאָס איז] די דורכלעכערונג. און דאָס איז די געשיכטע פון דער דורכלעכערונג : בשעת [די אַרבייטער] האָבן נאָך [געהייבן] די העק איינער צו דעם אַנדערן**) און בשעת ס׳איז נאָך געבליבן דורכצולעכערן דריי איילן, האָט איינער דערהערט דעם אַנדערן שרייענדיג, ווייל ס׳איז געווען אַ שפּאַלט (?) אין דעם פעלז, פון דער רעכטער זייט. און אין דעם טאָג, ווען די דורכלעכערונג איז געוואָרן פאַרטיג, האָבן די אַרבייטער געטראָפן זיך האַקנדיג איינער מיט דעם צווייטן, אַ האַק קעגן אַ האַק, און עס האָט זיך אָנגעהייבן צו גיסן וואַסער, פון דעם קוואַל אין די סאַזעווקע אַריין, 1200 איילן ווייט, און 100 איילן הויך איז געווען דער פעלז איבער דעם קאָפּ פון דעם אַרבייטער.

---

*) די אותיות, וועלכע מען האָט ניט געקענט זיכער פאַרשטיין, זיינען געשטעלט אין קלאַמערן.

**) דעם טונעל האָט מען ווי ס׳ווייזט אויס, שוין דאַמאָלס אויך, ווי איצט געגראָבן פוןביידע זייטען אויף־אַ־מאָל, אַזוי אַז די צוויי גרופּעס אַרבייטער אָלן זיך דערנעהנטערן איינע צו די אַנדערע און טרעפן זיך אין מיטן.

וואָס ווערט אַזוי אָפּט דערמאָנט אין תּנך און אין די עגיפּטישע און מעסאָ־פּאטאמישע דאָקומענטן. דאָס איז די שטאָט, וואו דער אסירישער קיסר ס נ ח ר י ב האָט געהאַט אַמאָל זײַן גרויסן מיליטערישן לאַגער. דורך די אויסגראָבונגען האָט מען אויפגעדעקט אין די חורבות גאַנצע 11 פאַרשײ־דענע היסטאָרישע שיכטן, עלף שטעט איינע איבער די אַנדערע! יעדע העכערע, ייִנגערע שיכט אויפגעבויט אויף די חורבות פון דער אונטערש־טער, עלטערער שיכט!

דער פראַנצויז ק ל ע ר מ אָ ן ־ ג א נ נ אָ און דערנאָך מ א ק א ל י ס ־ ט ע ר (1902 — 1903) האָבן אויסגעגראָבן די אַלטע שטאָט ג ז ר.

אין 1902-3 יאָר האָט דער ווינער פּראָפעסאָר ס ע ל ל י ן געמאַכט זיינע באַרימטע אויסגראָבונגען אין ת ע נ ך, וואָס האָבן געבראַכט אַ מאַסע העכסט וויכטיגע מאַטעריאַלן.

אַביסל שפּעטער (1903-05) האָבן די ד י י ט ש ן („דייטשער פּאַלעס־טינע־פאַראיין") און סעללין (1908) געמאַכט גרויסע אויסגראָבונגען אויף די ערטער, וואו ס'איז אַמאָל געווען מ ג ד ו (מגידא) און יריחו.

זעהר אינטערעסאַנטע אַרבעטן האָבן אויסגעפירט די אַמעריקאַנער (די געזעלשאַפט פון דער ה א ר וו א ר ד ע ר אוניווערסיטעט) אין 1909-10 אין ש ו מ ר ו ן (סאמאריע). זיי האָבן אויפגעדעקט אַ גרויסן פּאלאץ פון דעם מלך אחאב און געפונען — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע! — אין דעם קעלער פון דעם פּאַלאַץ ליימענע שערבלעך, באַשריבענע (מיט טינט!) מיט ייִדישע אותיות! (דאָס זיינען קוויטונגען, וואָס די קיניגליכע באַאַמטע פלעגן אַרויסגעבן די מענשן, וואָס האָבן געבראַכט ווייַן און אייל פאַרן קיניגליכן הויף. ווי ס'ווייזט אויס, זיינען דאָס געווען אַזעלכע נאטוראלע שטייערן). די מאַטעריאַלן זיינען נאָך ניט באַאַ־רבעט, אָבער זיי זאָגן צו צו ווערן זייער אינטערעסאַנט.

אינטערעסאַנטע אויסגראָבונגען האָבן נאָך געמאַכט די ענגלענדער אין ב י ת ־ ש מ ש (1911-1912) און סעללין אין ש כ ם (1913-14), אָבער דער מאַטעריאַל איז צוליב דער מלחמה נאָך ניט אויסגענוצט און ניט באַאַר־בעט געוואָרן ווי געהעריג.

אין י ר ו ש ל י ם גופא האָבן די אויסגראָבונגען ביז איצט קיין באַ־זונדערס רייכן מאַטעריאַל ניט געגעבן. צוערשט האָט זיך די אַרבעט בכלל געפירט ניט ערנסט (די זאַך האָט אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט עפּעס אַ סינדיקאט: „פּאַרקער־סינדיקאַט"). איצט פירט שוין איר אַן ערנסטער גע־לערנטער, דער פראַנצויזישער פּראָפעסאָר וו ע נ ס ע ן (Dincent), אָבער דאָס איז ערשט אַ קורצע צייט, און די רעזולטאַטן זיינען נאָך ניט אויפגעקלערט.

די אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט געפונען אין פּאַלעס־טינע גופא, האָבן זעהר אַ גרויסן ווערט פאַר דער געשיכטע פון דער קול־

20. די חורבות פון יריחו, אין וועלכע מ׳האָט איצט געמאַכט אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען.

טור פון די פּאַלעסטינישע פעלקער בכלל און די יידן בפרט. אָבער צום גרעסטן טייל האָבן זיי ניט קיין דירעקטע שייכות צו די פּ אַ ק ט י ש ע ג ע ש ע ה ע נ י ש ן אין דער געשיכטע פונם יידישן פּאָלק. דאָס קומט, צום גרעסטן טייל דערפון, וואָס דאָס יידישע פּאָלק האָט צוליב רעליגיעזע טעמים ניט געבויט קיין שטיינערנע דענקמאָלן מיט בילדער, פיגורן א. א. וו. און וואָס איז שייך ביכער פון פּאפּירוס אָדער לעדער (פּאַרמעט), איז ערשטנס דער קלימאַט פון פּאַלעסטינע פאַר אַזעלכע זאַכן ניט אַזוי גינציג, ווי דער גאָר טרוקענער עגיפּטישער קלימאַט. און צווייטנס, האָט פּאַלעסטינע דורכגעמאַכט אַזאַ שטורמישע פּאָליטישע געשיכטע, מיט אַזוי פיל מלחמות, פאַרכאַפּונגען א. א. וו. אַז ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס מיט דער צייט זיינען אַלע אַלטע ביכער געוואָרן פאַרניכטעט, פאַרברענט אָדער אַוועקגעשלעפּט און זיינען פאַרלוירן געגאַנגען.

קיין ליימענע טאָוולען מיט איינגעפּרעסטע צייכנס, ווי אין בבל, האָבן די יידן אין דער צייט פון זייער מלוכה ניט געברויכט, ווייל זיי זיינען שוין יעמאָלט אַריבערגעגאַנגען פון דער בבלישער קיילשריפט צו דער העברעאיש־פיניקישער אלף־בית־שריפט (וואָס באַשטייט פון איינצלנע אותיות און ניט פון צייכנס פאַר גאַנצע ווערטער אָדער זילבן, ווי די קייל־שריפט) און דער העברעאישער אלף־בית לאָזט זיך נישט גוט אויסקריצן אָדער איינפּרעסן מיט אַ שטעקעלע אין ליים. די נאַטור פון דעם נייעם שריפט פאָדערט, מען זאָל אים ניט קריצן, נאָר ש ר ײ ב ן מיט טינט אויף גלאַטע בלעטער. אַ מין קאָמפּראָמיס צווישן די שרייב־מעטאָדעס פון קייל־שריפט און קוואַדראַטשריפט איז געווען, ווי ס'ווייזט אויס, דאָס שרייבן די אותיות מ י ט ט י נ ט אויף האַרטע (געברענטע) ליימענע טאָוועלעך אָדער שאַרבנס פון אַ צעבראָכענעם טאָפּ. (זעה די שערבלעך, וואָס מ'האָט געפונען אין ש ו מ ר ו ן — מען רופט אַזעלכע שערבלעך אין דער וויסנשאַפט מיט דעם גריכישן וואָרט: „אָסטראַקאַ”).

אָבער ס'איז קלאָר, אַז בכלל האָט מען פאַר דער קוואַדראַטשריפט געמוזט באַנוצן דעמזעלביגן שרייב־מאַטעריאַל, וואָס איז שוין געווען זעהר שטאַרק פאַרשפּרייט אין עגיפּטען: דעם פּ אַ פּ י ר ו ס.

דאָס איז קענטיג נאָך דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער שריפט, און אויסער דעם האָבן מיר אויך אַ דירעקטן באַווייז וועגן דעם: אין דעם באַריכט פון עגיפּטישן באַאַמטן װ ע ן ־ אַ מ ו ן, וואָס האָט געמאַכט אַ רייזע אין פּאַלעסטינע אַרום עלף הונדערט פאַר קריסטוס, ווערט דערמאָנט וועגן דעם, אַז אויף צו באַצאָלן דאָס צעדערהאָלץ, וואָס ער האָט געזאָלט קויפן אין דער פּאַלעסטינישער שטאָט ג ב ל (ב י ב ל אָ ס), האָט ער געבראַכט מיט זיך 500 ר אָ ל י ק ע ס (מ ג י ל ו ת) פּ אַ פּ י ר ו ס. הייסט דאָס, אַז פּאַפּירוס איז יעמאָלט שוין געווען אַן אַרטיקל, וואָס מען האָט אים גערן

געקויפט. פאַרשטייט זיך, מ׳קען אָננעמען, אַז מ׳האָט אים געקויפט, כדי צו שרייבן אויף אים עגיפּטישע שריפט, אָבער פון דער אַנדער זייט איז דאָך באַוואוסט, אַז די עגיפּטישע שפּראַך איז קיינמאָל ניט געווען פאַרשפּרייט אין פּאַלעסטינע: די טעל-אַמאַרנער טאָוולען,*) די שטיינערנע דענקמאָלן און די שמרונישע אָסטראַקאַ באַווייזן, אַז די הערשנדיגע שריפטן זיינען געווען בלויז צוויי: בבליש און העברעאיש-פיניקיש. פאַר בבליש איז פּאַפּירוס ניט צוגעפּאַסט. הייסט דאָס, אַז די פינף הונדערט מגילות פּאַפּיר האָט מען געברויכט פאַר שרייבן קוואַדראַטשריפט.

יעדנפאַלס, אַרום 850-900 (די שומרונישע אָסטראַקאַ און דער שטיין פון מישע מלך מואב) איז שוין די יידישע שריפט געווען די הערשנדיגע שריפט צווישן דער אָרטיגער באַפעלקערונג און אָנגעהייבן זיך האָט זי, פאַרשטייט זיך, שוין מיט עטליכע הונדערט יאָר פריער. ס׳איז מעגליך, אַז אין דער דיפּלאָמאַטישער קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלענדישע מלוכות האָט מען זיך נאָך אַלץ דורכגעשריבן אין בבליש (אָדער עגיפּטיש) אָבער אינעווייניג, אינם לאַנד גופא, האָט שוין דאַמאָלסט געהערשט די קוואַדראַטשריפט. דאָס באַווייזן אויך די זיגלען (פון איינצלנע מענשן), וואָס מען געפינט ביי די אויסגראָבונגען**).

21. דער זיגל פון „שמע עבד ירבעם״
(פון דער צייט ירבעם דעם צווייטן)

עגיפּטישע אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן.

פיל וויכטיגערע מאַטעריאַלן פאַר דער יידישער געשיכטע איידער די פּאַלעסטינישע אויסגראָבונגען***) האָט אונז געבראַכט די עגיפּטישע אַר-

*) זעה: „עגיפּטישע אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן״.

**) וועלכער פאָלק אָדער וועלכע לאַנד האָט דער ערשטער אַרויסגעפונען די אותיות-שריפט (אָנשטאָט צייכן-שריפט) ווייסן מיר ניט. ס׳איז דאָ אַ געוויסער גרונט אָנצונעמען, אַז דאָס איז געשען אויף דעם אינזל קריט אין מיטל-ים. דאָס איז דערזועלביגער אינזל, פון וועלכן ס׳שטאַמען די פלשתים. יעדנפאַלס איז דאָרטן די אותיות-שריפט געווען גוט אַנטוויקלט שוין אַכטצנהונדערט יאָר (!) פאַר קרי.

***) ביי דער אַמאָליגער פיניקישער שטאָט צור האָט מען געפונען זעהר אינטערעסאַנטע כראָניקעס (אַנאַלן) פון די צורישע מלכים. אָבער זיי האָבן נאָר אַ קנאַפּע שייכות צו די יידן. פיל וויכטיגער זיינען די אויסגראבונגען, וואָס עס האָבן אָנגעהייבן אין פּאַלעסטינאַ נאָכ׳ן סוף פון דער וועלט-מלחמה פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, צווישן זיי אויך אַ יידישע. אָבער וועגן זיי איז נאָך נישטאָ גענוג מאַטעריאַל.

כּעאָלאָגיע. דעם ערשטן אָרט צווישן די מאַטעריאַלן, וואָס מ'האָט געפונען אין עגיפּטע, פאַרנעמען די ט אָ וו ל ע ן פ ו ן ע ל ־ אַ מ אַ ר נ אַ.

איגם יאָר 1888 האָט מען אין דעם דערפל ט ע ל ־ ע ל ־ אַ מ אַ ר נ אַ (אָדער על־אַמאַרנאַ) אין אויבער־עגיפּטע געפונען אַ קאָלאָסאַלן סקלאַד פון דאָקומענטן (דרייהונדערט און זעכציק ליימענע טאָוולען) מיט בבלישע קיילשריפט. פון די דאָקומענטן איז מען געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז דער אַרכיוו פון די עגיפּטישע מלכים אַ מ ע נ ח אָ ט ע פּ ד ע ר ד ר י ט ע ר און אַ מ ע נ ח א ט ע פּ ד ע ר פ י ר ט ע ר (אַרום פערצנהונדערט פאַר קרי. געב.). דער קיניג אַמענחאָטעפּ אָדער אַמענאָפיס דער פירטער איז געווען — ווי באַוואוּסט — יענער עגיפּטישער קיסר, דער „רעוואָלוציאָנער", וואָס האָט געוואָלט רעפאָרמירן די אַלטע עגיפּטישע רעליגיע. אָנשטאָט דעם געצנדינסט (פּאָליטעאיזם) האָט ער פאָרמולירט אַ ריין פילאָזאָפישע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע פון דעם זונענגאָט (אַטאָן) אַלס דעם א י י נ צ י ג ן ג אָ ט. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו אויסגעבויט פאַר זיך אַ נייע הויפּטשטאָט — די „שטאָט פון דער זון" — און אין איר אויסגעבויט פּראַכ־טיגע טעמפּלען פאַר דעם גאָט, די זון. זיך אַליין האָט ער אויך אָנגע־רופן מיט אַ נייעם נאָמען: „חוען אַטאָן" — דער זון פון אַטאָן. ע ל ־ אַ מ אַ ר נ אַ געפינט זיך איצט אויף דעם אָרט, וואו ס'איז אַמאָל געשטאַנען אָטדי „זונענשטאָט". און די ליימענע טאָוולען זיינען דער ד י פּ ל אָ מ אַ ־ ט י ש ע ר אַ ר כ י ו ו פון דעם גרויסן עגיפּטישן מלך און פון זיין פאָטער. דאָס זיינען בריוו, וואָס ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט פרעמדע מלכים און פירשטן, אָדער באַקומען פון זיינע אייגענע וואַסאַלן פון אַלע עקן־קאַנטן פון זיין ריזיגער מדינה.

דער על־אַמאַרנער אַרכיוו האָט אַ גרויסן ווערט פאַר דער געשיכטע פונם גאַנצן אַלטן מזרח. דורך אָטדי דאָקומענטן ווערן בולט אויפגעקלערט די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַציהונגען פון יענער עפּאָכע. מיר געפינען דאָרטן בריוו (אַלע אין בבלישער שפּראַך און בבלישער שריפט) פון פיניקישע, צפון־סירישע און פּאַלעסטינישע פירשטן, פון די מעכטיגע מלכים פון בבל, אשור, מיטאַני, חתים*), אפילו פון דעם קיניג פון דער אינזל קיפּר.

צווישן די בריוו פון די פּאַלעסטינישע פירשטן געפינען זיך עטליכע בריוו פון איינעם ע ב ד י ־ ח י ב אַ, דעם פירשט פון ירושלים (א ו ר ו ס אַ ־

*) די דייטשע אויסגראָבונגען (פון פּראָפעסאָר הוגאָ ו ו י נ ק ל ע ר) אין 1906-7 אין קליין־אַזיע, אין דער צפון־קאַפּאַדאָקישער שטעטל ב אָ ג ה אַ ז ־ ק ע י האָבן אַנטדעקט, אז דאָרטן האָט זיך אַמאָל געפונען די הויפּטשטאָט פון אָטדעם זאָנדערבאַרן פאָלק, וואָס האָט אַמאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע און פון וועלכן ס'שטאַמען אָפּ די איצטיגע אַרמעניער. מען האָט דאָרטן געפונען אויך זעהר גרויסע אַרכיוון מיט ליימענע טאָוולען. (אַ טייל איז געשריבן אין בבליש, אַ טייל אין דער כעטישער שפּראַך. וועגן דעם זעה אין פאָריגן אַרטיקל (זייטל 15)

לימו — אויף בבליש)· ער קלאָגט זיך אין זיי זעהר שטאַרק איבער אַנדערע פירשטן, איבער די שוואַכע הילף, וואָס ער באַקומט פון עגיפּטישן קיניג, און דערמאָנט דאָרטן מיט גרויס ביטערקייט וועגן וואַנדערנדיגע רויבער, בעדואינען, וואָס קומען פון די אַראַבישע מדבריות. ער רופט זיי איינמאָל סאַ־גאַשו, אַן אַנדערשמאָל — חאַבירי (חברים, עברים). די געלערנטע האָבן זיך לאַנג געאַמפּערט איבער דער באַדייטונג פון אָטדי נעמען, אָבער איצט זיינען שוין כמעט אַלע איינשטימיג, אַז עבדי־חיבא האָט געמיינט דערמיט יענע האַלב־נאָמאַדישע סעמיטישע פעלקער, וואָס האָבן שפּעטער איינגענומען פּאַלעסטינע און צו וועלכע ס'האָבן געהערט אויך די ישראלים (עברים).

נאָך איינעם זעהר אַן אינטערעסאַנטן דאָקומענט האָט מען געפונען אין על־אַמאַרנאַ: דאָס איז די קאָפּיע (אויף בבליש, אָבער מיט עגיפּטישע אָנמערקונגען) פון דעם באַרימטן בבלישן „אַדאַפּאַ־מיף״, וואָס דערמאָנט זעהר שטאַרק אָן דער דערציילונג, וואָס ס'געפינט זיך אין חומש וועגן גן־עדן. אַלזאָ, שוין פאַר דעם, ווי ס'האָט זיך געביל־דעט די יידישע מלוכה, איז מען אין גאַנץ אַזיע און אפילו אין אַפריקע (עגיפּטן) געווען באַקאַנט מיט די בבלישע גרונט־מאָטיוון פון דער מעשה־בראשית.

ווייטערדיגע אויסגראָבונגען אין עגיפּטן האָבן געבראַכט נאָך מער וויכטיגע מאַטעריאַלן. צווישן די פּאַפּירוסן האָט מען געפונען, צ.ב., איינעם, אין וועלכן דער עגיפּטישער באַאַמטער וועןָ־אַמון דערציילט העכסט אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן זיין נסיעה קיין פּאַלעסטינע (דאָס האָט געמוזט זיין אינם יאָר 1115 פאַר קר. געב.), וואו מען האָט אים געשיקט ברענגען צעדערהאָלץ פאַר אַ טעמפּל פון דעם עגיפּטישען גאָט אַמון. (דער פּאַפּירוס געפינט זיך אין דער קאָלעקציע פון דעם רוסישן פירשט גאָלעני־שטשעוו).

אַן אַנדער וויכטיגער פּאַפּירוס איז די באַרימטע דערציילונג פון דעם עגיפּטישן אַריסטאָקראַט סינוחעט, וואָס איז אַנטלאָפן פון דעם קיניגס צאָרן אין פּאַלעסטינע, האָט דאָרטן אָפּגעלעבט אַפּולע יאָרן און האט זיך צום סוף אומגעקערט צוריק אין עגיפּטן. (די גאַנצע געשיכטע האָט זיך אָפּגעשפּילט אַרום 1900-1950 פאַר קר. געב.). אין סינוחעטס רייזע־באַריכט באַקומען מיר אַ בילד וועגן דעם צושטאַנד פון פּאַלעסטינע אין גאָר דער עלטעסטער צייט.

אויסער פּאַפּירוסן האָט מען אין עגיפּטן געפונען אויך אַפּולע שטיי־נערנע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון פּאַלעסטינע און די יידן.



22 דער רעליעף פון טוטמאָזיס .דעם III. אינם טעמפּל פון קאַרנאַק, וואָס איז ענליך צו דעם רעליעף פון שאַשענק.

אין דער שטאָט קאַרנאַק (וואו ס׳איז אַמאָל געווען די באַרימטע שטאָט פּיווע) אין דער קאָלאָסאַלער חורבה פון דעם פּראַכטיגן טעמפּל מיט הונדערטער גרויסע זיילן געפינט זיך אַ גרויסער שטיינערנער רעליעף, וואו ס׳זיינען אין סקולפּטור־בילדער און יעראָגליפן פאַרגעשטעלט די גרויסע העלדן־מעשים פון דעם עגיפּטישן קיניג שאָשענק. דאָס איז דער זעלביגער שאָשענק (אָדער שישק), וועגן וועלכן אין מלכים א׳ (יד׳ 6-25) ווערט דערציילט, אַז ער איז אין דער צייט פון מלך רחבעם (אַרום 930 פאַר קר. געב.) אָנגעפאַלן אויף ירושלים און האָט באַראַבעוועט דעם בית המקדש און דעם קיניגליכן פּאַלאַץ. דער הויפּט טייל פון שטיינערנעם רעליעף באַווייזט, ווי צו שאָשענקן ווערן געבראַכט 156 געפאַנגענע שונאים זיינע, ביי יעדן איינציגן פון די געפאַנגענע איז אָנגעשריבן דער נאָמען פון אַ פּאַלעסטינישער שטאָט. און צווישן די נעמען געפינען מיר ביז הונדערט שטעט און שטעטלעך פון יהודה און עטליכע שטעט פון ישראל (ביז מגידו).

אינם יאָר 1896 האָט דער ענגלישער אַרכעאָלאָג פלינדערס פּעטרי אין דיזעלביגע חורבות פון דער שטאָט פּיווע אַנטדעקט אַ דענקמאָל פון דעם קיניג מערנעפּטאַה (אַרום 1200 פאַר קר. געב.), אין וועלכן דער קיניג דערציילט דער וועלט וועגן זיינע גלענצנדע נצחונות אין פּאַלעסטינע און דאָרטן דערמאָנט ער אויך דעם נאָמען „ישראל". דאָס איז דער איינציגער עגיפּטישער דאָקומענט, וואָס האָט זיך ביז איצט איינגעגעבן צו געפינען, וואו ס׳ווערט דירעקט דערמאָנט דער נאָמען „ישראל". אָבער טאַקע ניט מער ווי דערמאָנט. די באַרימטע שטעלע פון מערנעפּטאַהס דענקמאָל, וועלכע האָט אָנגעמאַכט צווישן די געלערנטע אַזאַ רושם, איז פאָלגנדע (דאָס איז דער סוף פון דער אויפשריפט): „די פירשטן ליגן אויף דער ערד און שרייען: שלום! קיין איינציגער פון די פרעמדע פעלקער דערהייבט נישט זיין קאָפּ. פאַרוויסט איז ליביע, דאָס לאַנד כעטאַ איז אין פרידן כנען איז געפאַנגען מיט אַלעם שלעכטן, אַוועקגעפירט איז אשקלון גענומען איז גזר, ינועם איז צו נישט געוואָרן, דאָס פאָלק ישראל — זיינע מענשן זיינען ווייניג, זיין נאָמען איז מער ניטאָ, פּאַלעסטינע איז ווי אַן אלמנה קעגן עגיפּטן. אַלע לענדער זיינען פאַראייניגט און פרידליך, יעדער, וואָס רירט זיך, איז געבונדן דורך דעם קיניג מערנעפּטאה".

„מערנעפּטאהס שטיין" שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער וויסנשאַפטליכער דיסקוסיע, וואָס פירט זיך אַרום דער באַרימטער פראַגע וועגן „גלות מצרים". צי זיינען די יידן טאַקע געווען אַמאָל — אַלס אונטערדריקטער פאלק — אין מצרים, צי ניט? צי איז ריכטיג, אַז זיי זיינען צו אַ באַשטימטער צייט איינגעוואַנדערט אין מצרים, און דערנאָכדעם פון דאָרטן אַרויס קיין פּאַלעסטינע? און אויב דאָס אַלץ איז טאַקע ריכטיג, טאָ ווען איז דאָס געווען, און אונטער וועלכן עגיפּטישן קיסר?

ביז איצט האָט זיך נאָך ניט איינגעגעבן צו געפינען אין די עגיפּטישע דענקמאָלן קיין איינציגע שפּור פון אַזאַ מין געשעהעניש. און אין די עגיפּטישע כראָניקעס און דענקמאלן געפינען מיר געניי פאַרצייכנט פיל וויניגער וויכטיגע זאַכן, איידער די איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג — דערצו נאָך מיט געוואלט — פון אַ גאַנצן פאָלק, וואָס דאָס האָט דאָך געמוזט אָנמאַכן אַ גרויסן טומל אין יענער צייט.

אַזוי, למשל, בשעת דער קיניג ס ע ז אָ ס ט ר י ס III (אַרום 1860 פאַר קר. ג.) האָט אַרײַנגעלאָזן אין מצרים אַ גרופּע פון 37 (!) אַזיאַטן בראש מיט זייער פירשט א ב ש י, איז וועגן דעם געמאַכט געוואָרן אַ באַזונדערער בילד. נאָכמער: ס׳איז דאָ פּאַפּירוסן פון די גרענעץ־באַאַמטע, וואו ס׳איז פאַרשריבן יעדער א י י נ צ ל נ ע ר מ ע נ ש, וואָס איז אַריבער די עגיפּטישע גרענעץ. היינט ווי וואָלט באַדאַרפט זיין באַשריבן די איינוואַנדערונג פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק און בכלל די גאַנצע געשיכטע מיט די שטעט, וואָס זיי האָבן כלומרשט געבויט, א. א. וו. ?

אָבער די אָנהענגער פון דער ביבלישער געשיכטע מיטן „גלות מצרים” ברענגען נאָך אַנדערע אַרכעאָלאָגישע באַווייזן.

ס׳איז דאָ אַ שטיין פונם קיניג ה אַ ר ע מ ה ע ב (אַרום 1380 פאַר קר.), וואָס זיינע צעבראָכענע שטיקער געפינען זיך שוין פון אַ לאַנגע צייט אין ו ו י ן און אין דער האָלענדישער שטאָט ל י י ד ע ן. איצט האָט דער ענגלישער געלערנטער ב ר י ס ט ע ד אַרויסגעפונען, אַז אין אים ווערט באַשריבן, ווי הארעמהעב (בשעת ער איז נאָך ניט געווען קיין קיניג, נאָר דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער עגיפּטישער אַרמיי) האָט אַריינגעלאָזן אין מצרים אַ גאַנצן אזיאַטישן פאָלק, „וועמעס לענדער הונגערן, וואָס לעבן ווי ציגן אויף די בערג, און וועמעס קינדער האָבן קיין ברויט ניט.”

מייגען אייניגע געלערנטע (למשל דער דייטשער פּראָפעסאָר ל ע ה־מ אַ ן־ה ו י פּ ט), אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ טייל פון די פעלקער, וואָס האָבן געהערט צו דעם יידישן שטאַם. און כדי צו פאַרשטאַרקן זייער מיינונג, ווייזן זיי אָן נאָך אויף איין פּאַפּירוס (דער אַזויגערופענער „פּאַפּירוס אַנאַסטאַסי” № 4), אין וועלכן איין עגיפּטישער גרענעץ־אָפיציר מעלדעט צו דעם קיניג מערנעפּטאַה, אַז „אדומישע” (ד. ה. פּאַלעסטינישע) בעדואינישע פעלקער האָבן געבעטן, מען זאָל זיי אַריינלאָזן מיט זייערע סטאַדעס פיך קיין עגיפּטן, און אַז ער האָט זיי אַריינגעלאָזן אין דעם געביט נעבן דער שטאָט פּ י ת ו ם (דאָס איז טאַקע דיזעלבע שטאָט, וועגן וועלכער ס׳ווערט דערציילט אין חומש).

אַנדערע געלערנטע ווידער ערקלערן, אַז דאָס זיינען נאָך ניט קיין ריכטיגע באַווייזן.

יעדנפֿאַלס, בּאַווייזט מערנעפּטאהס שטיין, אַז ארום 12 הונדערט פּאַר קר. זיינען די ישראלים שיין ניט געווען אין עגיפּטע. היינט וואו זיינען זיי געווען, וואו איז געווען זייער טעריטאָריע?

קוקט מען דורך לויט דער קאַרטע די נעמען פון די געגנטן, וואָס מערנעפּטאה רעכנט אויס אין זיין שטיין, זעהען מיר, אַז נאך ליביע מיט כּעטא הייבּט ער אן צו ריידן וועגן פּאַלעסטינע, און גייט דערבּיי פון דרום צו צפון: כּנען (אַזוי האָבּן די עגיפּטער געוואוינליך גערופן דעם דרום־עק פון פּאַלעסטינע), אשקלון, גזר, ינועם, און ערשט דערנאָך ווערט דערמאָנט „ישראל". צפונדיגער פּאַר ינועם קען דאָך אָבּער ישראל ניט ליגן?!

זאָגט דער בּאַרימטער היסטאָריקער עדוארד מייער, אַז דאָס איז זעהר לאָגיש. מערנעפּטאה ציילט צוערשט אויף די שטעט, וואָס ליגן אויפן בּרעג ים. און אז ער איז מיט זיי פאַרטיג, גייט ער אַריבּער צו ישראל, וואָס ליגט ווייט פון ים, צו מזרח צו. און צום סוף נעמט ער אַלע געגנטן אינאיינעם צונויף אין דעם אַלגעמיינעם בּאַגריף: פּאַלעסטינע (כּאַרו אויף עגיפּטיש). הייסט דאָס, אַז ישראל איז שוין יעמאָלט געלעגן ווייט פון בּרעג ים, אין מזרח פון די דערמאָנטע שטעט, ד. ה. אויף דערזעלבּיגער טעריטאָריע (אין די בּערג אפרים), אויף וועלכער מיר טרעפן זיי שפּעטער אין דער צייט פון חומש.

אויף דערויף ענטפערט לעהמאַן־הויפּט, אַז די לאָגיק פון מערנעפּטאהס רשימה איז גאָר אַן אַנדערע. ער ציילט אויף פון איין זייט לענדער־מלוכות (אשקלון, גזר, א. א. וו.) און פון דער אַנדערער זייט דאָס פאלק ישראל, אַלס פאָלק, וואָס האָט ניט קיין בּאַשטימטע טעריטאָריע. אלס בּאַוויז בּרענגט ער דעם פאַקט, אז בּיי אלע אנדערע נעמען שטייט דער יעראגליפישער צייכן, וואָס בּאַטייט „מלוכה", און בּיי ישראל שטייט אַן אנדער צייכן, וואָס איז כּאַראַקטעריסטיש אין דער היעראגליפישער שריפט פּאַר אַ „פאָלק", אַ נאַציע. הייסט דאָס, אז מערנעפּטאהס שטיין בּאַווייזט, אַז צו יענער צייט איז ישראל געווען נאָך אַ וואַנדערנדיגער פאָלק אהן אַ בּאַשטימטער טעריטאריע. און לעהמאַן־הויפּט וויל דערפון דרינגען, אַז די ישראלים האָבּן זיך יעמאָלט גראָד געפונען אין דער מדבּר אויף דעם סאַמע דרומדיגן עק פון פּאלעסטינע, אָקאָרשט ארויסגייענדיג פון גושן.

מיר האָבּן זיך בּכּיון אַזוי בּרייטלעך אָפּגעשטעלט אויף דעם וויסנשאַפטליכן שטרייט וועגן מערנעפּטאהס שטיין, כּדי צו בּאווייזן, אויף וויפיל שאַרפזיניג די היינטיגע געלערנטע סטארען זיך אויסצונוצן דאָס בּיסעלע אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאל וועגן יידן, וואָס אין עגיפּעט געפינט זיך. אָבּער

די גאַנצע אַרבעט קען ניט פיל געבן, ווייל דאָס מאַטעריאל איז צו אָרעם. פיל רייכער און גענויער איז דער אַרכעאלאגישער אוצר, וואָס מען האָט אָנגעקליבן אין מעסאפאטאמיע.

מעסאָפּאָטאַמישע אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן.

אויסצורעכענען גענוי אַלע מעספאטאמישע (ד״ה בבלישע, אסירישע א. א. וו.) ארכעאלאגישע מאַטעריאלן, וואָס האָבן א שייכות צו דער געשיכטע פונם פאָלק ישראל, איז ניט מעגליך אין אַזאַ אַרטיקל ווי אונזערער. מיר ווען זיך דעריבער אָפּשטעלן נאָר אויף די וויכטיגסטע.

די אויפשריפטן פון שלמנאסר. דער ערשטער דאָקומענטאלער מקור, וואָס גיט אונז די מעגליכקייט מער אָדער ווייניגער גענוי צו באַשטימען די כראנאלאגיע פון אַ געוויסן פעריאָד פון דער יידישער געשיכטע, זיינען די דענקמאָלן פון דעם אסירישן קעניג שלמנאסר (סאלמאנאסאר) דעם דריטן, וואָס האָט געקיניגט פון 860 ביז 826 פאַר קר.

ס׳איז באַוואוסט, אַז דוקא די כראנאלאגיע אין תנ״ך איז זעהר שוואך און ניט גענוי. זי איז אויפגעבויט קינסטליך און סכעמאטיש. די גרויסע מלכים קיניגן כמעט אַלע גענוי צו 40 יאָר, און אויך וועגן די קלענערע קיניגן קען מען זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן, אַז די צאל פון זייערע רעגירונגס־יאָרן איז ריכטיג. דאָס דערקלערט זיך דורך דעם, וואָס אין תנ״ך האָבן מיר ניט די אריגינעלע כראניקעס פון די יידישע מלכים, נאָר אַ מאטעריאַל, וואָס איז עטליכע מאָל איבערגעאַרבעט און אומגעענדערט געוואָרן אין שפּעטערדיגע צייטן דורך פארשיידענע רעדאקטאָרן, *) בעת אין אסיריע האָט מען איצט געפונען די אריגינעלע כראָניקעס גופא, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין די הויפן פון די אסירישע קיניגן מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט.

אין דער כראָניק פון שלמנאסר דעם III ווערט דערציילט, אז אינם זעקסטן יאָר פון זיין רעגירונג (ד״ה 853 פאַר קר.) האָט ער ביי דעם טייך קאַרקאַר אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון איבער אַ גרויסע קאאליציע פון פאַלעסטינישע מלכים, און צווישן אָטדי מלכים ברענגט ער צוזאַמען מיט „ביר־אידרי פון דמשק״ און אַנדערע אויך דעם נאָמען פון „אַחאַבו סיראליא״. ס׳איז קלאָר, אַז ער מיינט דאָ דעם מלך אחאב פון ישראל, וואָס האָט אויך לויט דער דערציילונג פון תנ״ך צוזאַמען מיט דעם קיניג בן־הדד (ביר־הדרי) געפירט מלחמה קעגן אשור.

*) זעה אַרטיקל: „די אַנטשטייאונג פונם תנ״ך״.

אויף אַזאַ אופן ווייסן מיר שוין גענוי, אין וועלכער צייט ס׳האָט געקיניגט אחאב, און דורך דעם געווינען מיר אַ פעסטן באָדן, כדי צו באַשטימען אַ ריי אַנדערע געשעהענישן פון דער געשיכטע פון ישראל און יהודה. *)

אַ צווייטע אויפשריפט פון שלמנאסר, וואָס מ׳האָט ניט לאַנג אַנטדעקט אין ארמעניע, אויף די שטיינערנע פעלזן ארום דעם טונעל פון דעם טייך טיגריס, דערציילט וועגן אַ צווייטער שלאַכט, וואָס דער אַסירישער קיניג האָט געהאַט אין פאַלעסטינע ביי דעם טייך אָראָנט (אינם יאָר 845). ער דערמאָנט אָבער דאָרטן נישט דעם נאָמען פונם ישראלשן קיניג. פון תנ״ך איז צו פאַרשטיין, אַז דאס האָט געקאנט זיין נאָר יהורם.

אָבער שלמנאסר האָט אונז געלאָזן נאָך אַ פיל אינטערעסאַנטערן דענקמאָל. אויף זיין באַרימטן שטיין (אַזעלכע הויכע, פיר קאַנטיגע, שמאָלע מצבות רופט מען: אבעליסק), האָט ער אונז געגעבן אַ לעבעדיגן בילד פון דעם דאמאָלסדיגן יידישן טיפ, און א גענויע באַשרייבונג פון דעם צינז, וואָס ער האָט באַקומען פון דעם יידישן קעניג יהוא. (בילדער 25, 24, 23)

אַ שפּעטערדיגער אסירישער קעניג אַדאַדניראַרי דער IV (812 ביז 783) דערציילט אין זיינע אויפשריפטן, אז ער האָט איינגענומען אַפּולע פאַלעסטינישע מלוכות, און דערמאָנט צווישן זיי אויך „דאָס לאנד עמרי״. ער מיינט דערמיט, פארשטייט זיך, די מלוכה ישראל אונטער דער דינאסטיע פון דעם מלך עמרי.

נאָך שפּעטערדיגע ידיעות האָבן מיר אין די ליימענע טאָוולען מיט דער כראָניקע פון דעם אסירישן קיניג תגלת־פלאסר דער IV (אַרום 730). ער באַשרייבט, ווי ער האָט באַזיגט פארשיידענע פאלעסטינישע פירשטן און צווישן זיי „אויך, יאוחאזי־מאט־יאודאיא״ ד׳ ה׳ יהואחז מיהודה.

אויך וועגן דער איינעמונג פון דער ישראלשער הויפטשטאט שומרון (722) זיינען דאָ ארכעאלאגישע ידיעות: דער אסירישער קיניג סאַרגאָן שרייבט, אַז ער האָט אַרויסגעפירט פון דאָרטן 27,280 פאַרשיקטע ישראלים.

---

*) אויף צו באַשטימען כראנאלאגישע דאַטעס, קומט אויס אַמאָל אויך צו באַנוצן זיך מיט אסטראנאמישע געשעהענישן. אַזוי, למשל, שרייבט דער נביא עמוס (ח׳ 9): „אין יענער צייט, זאָגט גאָט, וועל איך לאָזן די זון אונטערגיין אין מיטן טאָג, און וועל פאַרפינסטערן די ערד אין ליכטיגן טאָג״. ס׳איז קלאָר, אַז דאָ ווערט באַשריבן אַ לקוי־חמה, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַלעסטינע צו דער צייט פון עמוס. און אין די אסירישע אָפיציעלע כראָניקעס געפינען מיר טאַקע אויך דערמאָנט וועגן אַזאַ פינסטערניש אין חודש סיון פון אַ געוויסן יאָר לויט דער אסירישער רעכנונג (763 פאַר קרי, נאָך אונזער רעכנונג). אַזוי ווי די לקוי־חמות זיינען אַ דערשיינונג, וואָס קומט פאָר נאָך גענויע אסטראנאמישע געזעצן, האָט די היינטיגע אסטראנאמישע ווִיסנשאַפט די מעגליכקייט גענוי, ביז אויף אַ מינוט, אויסצורעכענען אַלע לקוי־חמות, וואָס זיינען ווען ניט איז געווען. און אַזוי אַרום האָט מען אויסגערעכנט, אַז אין דעם יאָר 763 פ׳ קרי, דעם 15 יוני איז טאקע אין פאַלעסטינע געווען צו זעהן 12 אַזייגער בייטאָג אַ פולשטענדיגע לקוי־חמה הייסט דאָס, אַז מיר ווייסן, ווען עמוס האָט געלעבט.



23. דער „שוואַרצער אָבעליסק“ פון שלמנאסר.

אַזוי אַרום האָבן מיר אויך געטריַע באַווייזן וועגן יענע צייטן, וואָס באַשטעטיגן אין פילע פּרטים די דערציילונגען פונם תּנ״ך.

זעלטן געטריַע ידיעות ווערן געבראַכט אין די אסירישע כראָניקעס פון דעם קיניג ס נ ח ר י ב, וועגן זיין פעלדצוג קעגן פּאַלעסטינע און עגיפּטן אינם יאָר 701 פאַר קר.

וועגן דערזעלביגער מעשה ווערט אויך געטרײַ דערציילט אין תּנ״ך (מלכים ב׳, י״ח, י״ט, און ישעיהו, ל״ו, ל״ז), און וועגן איר דערמאָנט אויך אין זיינע ביכער דער גריכישער היסטאָריקער ה ע ר אָ ד אָ ט.

דער תּנ״ך דערציילט די מעשה אַזוי, אַז גאָט האָט אָנגעשיקט אויף סנחריבס חיל די פּעסט, און 185,000 קריגער זיינען ביי אים אויסגעשטאָרבן, און ער האָט געמוזט אַוועק אַהיים קיין נינוה, ניט איינגענומענדיג ירושלים.

אַז מען פאַרגלייכט אָט די דערציילונג פון תּנ״ך מיט די אסירישע כראָניקעס און מיט דער דערציילונג פון הערָאדאָטן, ווערט קלאָר, אַז דער ק ע ר ן פון דער דערציילונג איז ה י ס ט אָ ר י ש ר י כ ט י ג. די חיילות פון



24. אַ סצענע אויפֿן אָבעליסק פֿון שלמנאסר.

25 אַ סצענע אויפן אָבעליסק פון שלמ:אכר

די עגיפּטער, גרויסע עפּידעמיעס צווישן די אסירישע חיילות און פּאָ־ליטישע אומזיכערקייט אין מעסאָפּאָטאַמיע האָבן געצוואונגען סנחריבס אַרמיי אומקערן זיך צוריק קיין אסיריע. (די ציפער פון 185,000 געשטאָרבענע איז, פאַרשטייט זיך, אַ פאַנטאַזיע. בכלל, די צאָלן, וואָס ווערן געבראַכט אין די מלחמה־דערציילונגען פון אַ ל ע אַלטע פעלקער, ניט נאָר פון יידן, זיינען שטענדיג שטאַרק איבערטריבן און פאַנטאַסטיש.)

אָבער די אסיריער זיינען אָפּגעצויגן פון פּאַלעסטינע ניט מיט ליידיגע הענט. נאָר זיי האָבן גענומען אַ גאַנץ גרויסן צינז פון די דאָרטיגע פעלקער. אויך די יהודים האָבן געמוזט טייער באַצאָלן פאַר דער באַפרייאונג פון דער אסירישער אָקופּאַציע. דער תנ"ך שרייבט: „און חזקיהו האָט געשיקט זאָגן צו דעם מלך אשור אין לכיש: איך האָב געטאָן אַ פעלער, ציה ווידער אָפּ פון מיר. וואָס דו וועסט מיר הייסן, וועל איך באַצאָלן! און דער קיניג פון אשור האָט אַרויפגעלייגט אויף חזקיה, דעם מלך פון יהודה, 300 טאַלאַנטן זילבער און 30 טאַלאַנטן גאָלד" (מלכים ב', י"ח, 14).

די ז ע ל ב י ג ע צאָלן (30 טאַל. גאָלד און 800 לייכטע אסירישע טאַלאַנטן, וואָס זיינען גלייך צו 300 שווערע פיניקיש־יידישע טאַלאַנטן זילבער) געפינען מיר אויך אין די כראָניקע פון סנחריב.

די סומע האָט אויסגעמאַכט לויט איצטיגער וואַליוטע אַן ערך 6 מיליאָן אַמעריקאַנישע דאָלאַרן. דאָס איז געווען גאָר אַ שווערע משא פאַר אַזאַ קליינעם לאַנד, ווי יהודה, און חזקיה האָט געמוזט אַוועקגעבן דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס האָט זיך געפונען אין טעמפּל און אין זיין פּאַלאַץ. אָבער דאָס איז נאָך געווען ווייניג פאַר סנחריבן; ער האָט אויסער דער קאָנטריבוציע געשטעלט אויך געוויסע פּ אָ ל י ט י ש ע, טעריטאָריאַלע פאָדערונגען. דער תנ"ך דערמאָנט וועגן דעם בכיון זעהר אומדייטליך.

אָבער סנחריב אַליין דערציילט וועגן דעם אין זיין כראָניקע פיל דייטליכער: „די שטעט זיינע (חזקיהס), וועלכע איך האָב אויסגעראַבירט, האָב איך אָ פּ ג ע נ ו מ ע ן פ ו ן ז י י ן מ ד י נ ה און אָפּגעגעבן זיי צו מיטינטי, דעם מלך פון אשדוד, און צו פּדי דעם מלך פון עקרון, און צו דעם מלך פון עזה, און א י ך ה אָ ב פ אַ ר ק ל ע נ ע ר ט ז י י ן ל אַ נ ד."

דערמיט האָט זיך אָבער די מעשה ניט געענדיגט. אונטער דעם איינפלוס פון מצרים, וועלכער האָט זיך יעמאָלט געפונען אונטער דער הערשאַפט פון עטיאָפּישע קיניגן („כוש"), האָבן די קליינע פּאַלעסטינישע פירשטן ניט איינמאָל נאָך געפּרובט אַוועקשטעלן זיך קעגן אסיריע.

אַ באַשטעטיגונג וועגן דעם געפינען מיר אין די כראָניקעס פון די אַסירישע קיניגן (אסר־חדון) אַ ס אַ ר ה אָ ד אַ ן (אַרום 680 פאַר קר.) און

אַ ש ו ר ב אַ נ י פּ אַ ל (669 פּ׳ קר׳). אין ביידע ווערט דערמאָנט דער מלך פון יהודה מ נ ש ה (מ י נ אַ ס ע אויף אסיריש), וועלכער האָט צוזאַמען מיט 22 אַנדערע פּאַלעסטינישע פירשטן געמוזט שטעלן סאלדאַטן און מלחמה־מאַטעריאַל פאַר די אַסיריער, אַלס שטראָף פאַרן אָנטיילנעמען אין פּאליטישע פאַרשווערונגען קעגן אסיריע.

די לעזער זעהען, וואָס פאַר אַ וויכטיגן מאַטעריאַל ס׳האָבן געבראַכט פאַר דער יידישער געשיכטע די אסירישע און בבלישע מקורים. דער מאַטעריאַל איז נאָך ניט פולשטענדיג, ס׳זיינען נאָך דאָ אַפּולע בלויזן און ניט אויסגעפילטע ערטער. אָבער די היינטיגע וויסנשאַפט האָט שוין אויף וואָס צו בויען, און איז שוין ניט געצוואונגען פאַרלאָזן זיך בלויז אויף די סובּיעקטיווע געפארבענע און אין פילע פונקטן נישט גאַנץ ריכטיגע ידיעות פונם תנ״ך.

און די אַרכעאלאגן, וואָס אַרבעטן אָהן אַן־אויפהער אין אַלע לענדער פון דער אַמאָליגער מזרח־וועלט, ברענגען אַרויס אַלץ נייע און נייע העכסט אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן. די וויכטיגסטע פון זיי אין די לעצטע יאָרן זיינען די פּאפּירוסן פון עלעפאַנטינע.

די עלעפאַנטינער פּאַפּירוסן.

אין דרום פון עגיפּטע, אויף דעם טייך נילוס, זיינען אַמאָל געווען אויפגעבויט איינע לעבן דער אַנדערער צוויי שטאַרקע פעסטונגען, כדי צו שיצן דאָס לאַנד קעגן די נובישע פעלקער. איינע פון די פעסטונגען איז געווען ס ו נ ה (סעווען, סיענע) אויף דעם מזרח ברעג פון נילוס. דאָרטן געפינט זיך איצט די שטאָט אַ ס ו אַ ן. די צווייטע פעסטונג איז געלעגן אינמיטן נילוס, אויף אַן אינזל. זי האָט זיך גערופן אויף אַראַמיש י ב (עגיפּטיש—יעב) אָדער אויף גריכיש ע ל ע פ אַ נ ט י נ ע (העלפנביין) ווייל דורך אָט דעם פונקט איז יעמאָלט געגאַנגען דער גאַנצער מסחר מיט העלפנביין.

שוין אינם יאָר 1904 האט מען צופעליג געפונען אין אַסואַן עטליכע פּאַפּירוסן, באַשריבן מיט אַראַמישע (העבּרעאישע) שריפט. אינם יאָר 1907 און שפּעטער האָבן די דייטשן ספּעציעל געשיקט קיין עלעפאַנטינע אַן עקספּעדיציע אונטער דער פירונג פון דעם דייטש־יידישן געלערנטן אָטאָ ר ו ב ע נ ס אָ ן, וועלכן ס׳האָט זיך טאַקע איינגעגעבן צו געפינען אַ גאַנצן לאַגער פון אַזעלכע אַראַמייאישע פּאַפּירוסן.

דאָס איז געווען אַ פּריוואַטער אַרכיוו פון אַ יידישער פאַמיליע, וואָס האָט געלעבט אין דער פעסטונג יב, אין די צייטן פון די פּערסישע מלכים

קסערקס, אַרטאַקסערקס דער ערשטער און דאַריוס דער צווייטער (די ה׳ פון 471 ביז 407 פאַר קר׳). זיי זיינען אַלע געשריבן מיט אַראַמישער שריפט און אין דער אַראַמישער שפּראַך (תרגום־לשון), וועלכע איז צו יענער צייט געוואָרן ביי די יידן אין עגיפּעט ווי אויך אין פּאַלעסטינע די פאָלקס־שפּראַך (העברעאיש איז געבליבן בלויז די הייליגע, רעליגיעזע שפּראַך — לשון־קודש). צווישן די דאָקומענטן געפינען מיר דערהויפּט יורידישע און קאָמערציעלע פּאַפּירן, קאָנטראַקטן, רעכנונגען, אפילו אַ גט, — וועלכע גיבן אונז אַ טיפן בילד וועגן דיווירטשאַפטליכע און קולטורעלע באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט יעמאָלט צווישן די עגיפּטישע יידן*). ס׳איז קלאָר קענטיג, אז דער עגיפּטישער איינפלוס איז געווען צווישן זיי זעהר שטאַרק, אָבער ס׳איז דאָך זעהר אינטערעסאַנט, אַז אין זייערע יורידישע באַציהונגען באמערקט זיך נאָך אַלץ זעהר אַ שטאַרקער איינפלוס פון דעם בבלישן רעכט.

אין דעם אַרכיוו געפינען זיך אָבער אויך דאָקומענטן, וואָס טראָגן ניט קיין פּריוואַטן כאַראַקטער. דער וויכטיגסטער פון אָט די דאָקומענטן איז אַזאַ: דאָס איז די קאָפּיע פון אַ „פּראָשעניע״, וואָס די עלעפאַנטינער יידן בראש מיט זייער פירער ידוניה האָבן געשיקט צו באַגאָהאַז (בגהי), דעם פּערסישן „גובערנאַטאָר״ אין יהודה (דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער פּערסישער הערשאַפט אין אַזיע און עגיפּעט, אונטער דעם פּערסישן קעניג דריוש (דאַריוס) דעם צווייטן, די ה׳ 408-7 פאַר קר׳).

„אין חודש תמוז אין דעם פירצענטן יאָר פונם מלך דריוש**) — שרייבן ידוניה און זיינע חברים — בשעת ארשם***) איז אַוועקגעפאָרן צום קיסר, האָבן די פּריסטער פון דעם עגיפּטישן גאָט כנום אין דער פעסטונג יב געמאַכט אַ פאַרשווערונג מיט וידרנג, וועלכער איז געווען דאָ אַ גובערנאַטאָר: „מען זאָל פאַרניכטן דעם טעמפּל פון דעם גאָט יהו (יהוה) אין דער פעסטונג יב״.

---

*) אויף וויפיל מען קען פאַרשטיין, זיינען די יידן אין עלעפאַנטינע געווען מיליטער־לייט, סאָלדאַטן פון דעם גאַרניזאָן אין דער פעסטונג. ווי אַזוי זיי זיינען אַהין געקומען, איז נאָך ניט גאַנץ קלאָר. ס׳קען זיין, אַז זיי האָבן זיך פרייוויליג פאַרדונגען אַלס סאָלדאַטן אין דער עגיפּטישער אַרמיי, אָדער די יידישע מלכים האָבן זיי פאַרקויפט אַלס קנעכט דעם עגיפּטישן קעניג.

דער דייטשער פּראָפעסאָר שטייערנאַגעל מאַכט אויפמערקזאַם אויף דברים י״ז, 16, וואו עס ווערט געזאָגט: „און דער קעניג זאָל נישט האַלטן קיין פולע פערד און זאָל ניט אַוועקשיקן זיין פאָלק צוריק קיין מצרים, כדי צו פאַרמערן זיינע פערד״... דערמיט מיינט דער פּסוק, אַז די יידישע מלכים פלעגן בייטן זייערע אונטערטאַנען אויף עגיפּטישע פערד. (זעה אויך מלכים א׳ י׳, 28). די יידישע מיליטערישע קאָלאָניע אין יב איז געווען אַ גאַנץ גרויסע און רייכע, און די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געוואוינט אין אייגענע הייזער, מיט זייערע פאַמיליעס, האָבן זיך פאַרנומען אויך מיט האַנדל און מסחר.

**) 410-11 פאַר קריסטוס.

***) דער פּערסישער גובערנאַטאָר פון עגיפּעט.

„נאָך דעם האָט וידרנג געשיקט זאָגן צו זיין זון נפין, וואָס איז געווען א פאָלקאָווניק אין דער פעסטונג סונה (אַסואַן): „דער טעמפּל אין דער פעסטונג יב זאָל צעשטערט ווערן".

„און זיי האָבן צובראָכן די שטיינערנע זיילן; און ס'איז אויך געקומען, אַז זיי האָבן צושטערט די פינף שטיינערנע... טויערן און דעם טעמפּל... דעם דאַך, וואָס איז געווען געמאַכט פון צעדערנע באַלקנס און דעם מויער, און אַלץ, וואָס דאָרטן איז געווען, האָבן זיי פאַרברענט מיט פייער. די גאָלדענע און זילבערנע שיסלען און אַלע כלים פון טעמפּל האָבן זיי אויסגעראַבירט און צוגענומען פאַר זיך".

„און אונזערע פאָטערס האָבן דאָך אויפגעבויט דעם טעמפּל אין יב נאָך אין יענע יאָרן, בשעת אין עגיפּעט זיינען געווען עגיפּטישע קיניגן; בשעת קאַמביז*) איז אַריינגעפאַלן אין עגיפּעט, האָט ער שוין געפונען אונזער טעמפּל אויפגעבויט; די עגיפּטישע טעמפּלען האָט מען (די פּערסער, הייסט דאָס, ר.א.) דאַמאָלס צעשטערט, אָבער אונזער טעמפּל האָט מען נישט אָנגערירט"...

„און זינט פון יענעם טאָג אין תמוז דעם פירצענטן יאָר פון דריוש ביז צו הייגטיגן טאָג זיינען מיר אָנגעטאָן אין זעק און מיר פאַסטן. אונזערע פרויען זיינען געוואָרן ווי אלמנות, מיר האָבן זיך ניט געזאַלבט מיט אייל און ניט געטרונקען קיין וויין".

„דעריבער זאָגן דיינע קנעכט ידוניה מיט זיינע חברים און אַלע יידישע בירגער פון יב אַזוי צו זאָגן; „ווען אונזער האַר (דער קיסר) וועט דאָס געפינען פאַר גוט, טו זאָלסטו זאָרגן וועגן אונזער טעמפּל, מען זאָל אים פונדאָסניי אויפבויען, וואָרום מען דערלויבט אונז נישט, אים פונדאָסניי אויפצובויען. גיב אַ טראַכט וועגן די, וואָס האָבן דאָ אין עגיפּעט באַקומען פון דיר גנאָד און וואוילטאַטן, שיק זיי אַ שרייבן וועגן דעם טעמפּל פונם גאָט יהו, מ'זאָל אים פונדאָסניי אויפבויען אין דער פעסטונג יב, אַזוי ווי ער איז געווען פריער".

„און מיר האָבן שוין פריער, גלייך ווי דאָס אומגליק איז געשען, געשריבן צו אונזער האַר, ווי אויך צו יוחנן, דעם כהן גדול מיט זיינע חברים, די כהנים פון ירושלים, און צו זיין ברודער אָשטון, וועלכער רופט זיך אויך חנניה, און צו די פני פון די יידן; אָבער זיי האָבן אונז ניט געשיקט קיין ענטפער".

און כדי זייער בקשה זאָל שטאַרקער ווירקן אויף באַגאָהאַז'ן, זאָגן די עלעפאנטינער יידן אים צו, אז ווען דער טעמפּל וועט ווידער אויפגעשטעלט

*) דער פּערסישער מלך, וואָס האָט איינגענומען עגיפּעט אינם יאָר 525 פאַר קר.

26. דער קעניג כאַרגאָן מיט זיין דינער. ,לויט אַן־אַסירישן דענקמאל)



27. אַ מאָדעל ווי ס'האָט געמוזט אַמאָל אויסזעהן דער פּאַלאַץ פון סארגאָן.

ווערן, ווען זיי אים אויסצאָלן אַ טייל פון די קרבנות, וואָס וועלן געבראַכט ווערן אין טעמפּל, צוזאַמען ביז טויזנט טאַלאַנטן קופּער (אייגעצאָלט אין זילבער לויט דער פּראָפּאָרציע 1 : 120), און עס ווייזט אויס, אַז אויסער דעם צוזאָג האָט מען אים אויך געשיקט אַביסל „האנטגעלט" אין באַר.

דער שליח, וועלכן זיי האָבן געשיקט, האָט זיך אומגעקערט צוריק מיט אַן ערפאָלג, אין אַ ווייטערדיקן פּאַפּירוס שטייט געשריבן:

„פּראָטאָקאָל איבער דאָס, וואָס באגאָהאז און דילאיאַ *) האָבן מיר געזאָגט, פּראָטאָקאָל אזוי: „דו זאָלסט איבערגעבן אַרשמען אין עגיפּעט וועגן דעם טעמפּל פון דעם הימל-גאָט, וואָס איז געווען אויפגעבויט אין דער פעסטונג יב פריהער פאַר אונז, פריהער פאַר קאַמביזן און וואָס וידרנג האָט צעשטערט אינם פירצענטן יאָר פון קעניג דריוש, אַז מען זאָל אים פונדאָסניי אויפבויען אויף זיין אָרט, וואו ער איז פריהער געשטאַנען. קרבנות פון שפּייז און ווייַרעך זאָל מען ווידער ברענגען אויף דעם מזבח, אַזוי ווי מען פלעגט טאָן אמאל".

וואָס ס'איז ווייטער געוואָרן מיט דעם טעמפּל, קען מען פון די פּאַפּירוסן ניט דערגיין. אָבער דאָס איז אויך גאָר נישט אזוי וויכטיג פאַר אונז אין דעם איצטיגן מאָמענט.

די הויפּטזאַך איז, אַז די עלעפאַנטינער פּאַפּירוסן גיבן אונז אַ פעסטן באַווייז פאַר דער ריכטיגקייט פון דער גאַנצער מאָדערנער תנ"ך-קריטיק, וואָס אָנבעלאנגט די אַלגעמיינע אנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיע. איצט איז שוין קלאָר, אַז וועלהויזן און זיין גאַנצע שולע זיינען געווען גערעכט, בשעת זיי האָבן געזאָגט, אַז די יידישע רעליגיעזע געזעצן, ווי זיי זיינען אָנגעשריבן אין תנ"ך, זיינען ערשט אַ פּראָדוקט פון דער נ אָ ך - פּ ע ר ס י ש ע ר צ י י ט. אז פריהער האָט ניט עקזיסטירט אַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרבאָטן בויען אַנדערע טעמפּלען אויסערהאַלב פון ירושלים און דינען צו יהוה און ברענגען קרבנות אין אנדערע טעמפּלען, אויסער דעם בית-המקדש אין ירושלים. די גאנצע צענטראַליזאַציע פונם קולט, מיט דער מאָנאָפּאָליע פון די ירושלימער כהנים — דאָס אַלץ דערווייזט זיך אַלס אַ ש פּ ע ט ע ר ד י ג ע ז אַ ך, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן נאָך אַ לאַנגען קאַמף צווישן די ירושלימער פּריסטער און די פּראָווינציעלע.

אויב דאָס וואָלט געווען ניט אַזוי, אויב בויען אַנדערע טעמפּלען א. אַ. וו. וואָלט טאַקע פון אָנהייב אָן געווען אַזאַ שווערער פאַרברעך, איז ווי וואָלט געווען מעגליך, אַז אַ גרויסע קאָלאָניע פרומע יידן אין עלעפאַנטינע וואָלטן הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד געהאַט אַן אייגענעם טעמפּל, און וואָלטן געהאַט די העזה צו בעטן ביי דעם ירושלימער כהן גדול אַליין, ער זאָל זיי העלפן אויפבויען פונדאָסניי אַזאַ פאַרברעכערישע זאַך?

*) אַ זון פון דעם פּערסישן גובערנאטאָר אין שומרון, ס י נ ב אַ ל אַ ט (סנבלט).

אָבער אויך אין אַנדערע פּרטים ברענגען די פּאַפּירוסן זעהר אינ־טערעסאַנטע און וויכטיגע זאַכן. די אַלע נעמען און איינצעלהייטן, וואָס זיי דערמאָנען, באַשטעטיגן אין פילע פּרטים די דערציילונגען פון נחמיה אין תנ״ך און פון יוסף פלאַוויוס. באַגאָהאַזי, אַרשם, סנבלט (סינבאַלאַט), יהוחנן, חנניה — ווערן זיי אַלעמען דערציילט אויך יוסף פלאַוויוס און טיילווייז אויך נחמיה. דער באַרימטער דייטשער היסטאָריקער עדואַרד מ י י ע ר איז שוין לאַנג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אַראמיי־אישע דאָקומענטן, וואָס ווערן געבראַכט אין נחמיה, האָבן אַ ריכטיגן היסטאָ־רישן קערן. איצט, נאָך די עלעפאַנטינער פּאַפּירוסן, קען מען דאָס האַלטן פאַר זיכער *).

*) רודי קיטעל: „געשיכטע פון פאָלק ישראל״ 1 באַנד, 4 אויסגאַבע, 1921 (דייטש).

III. די אַנטשטייאונג פון תנ"ך.

I. די „קריטיק" פון תנ"ך

וואָס איז אזוינס דער תנ"ך, פון וואַנען שטאַמט ער, ווער איז זיין פאַרפאַסער, ווען איז ער געשריבן געוואָרן, און אין וועלכער מאָס קען מען זיך פאַרלאָזן אויף זיין עדות? *)

פריהער מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר וואָלט מען פאַר אַזאַ פראַגע גע־מוזט טייער באַצאָלן: וואָלט זי געשטעלט אַ קריסט, וואָלט מען אים פאַר־ברענט אויפן שייטערהויפן; וואָלט אַ ייד גענומען שטעלן קשיות, וואָלט מען אים מחרים געווען און אַרויסגעשטויסן פון דער עדה.

דער תנ"ך, דער הייליגער ספר אי פון די יידן, אי פון די קריסטן, דער טויזנטיאָריגער אוצר פון דער מענשהייט, וועמעס פאַרפאַסער עס איז אין די אויגן פון מיליאָנען געווען שיר ניט גאָט אַליין, האָט ניט געטאָרט ווערן קריטיקירט. יעדער אות, יעדער צייכן האָט געהאַט אַ הייליגן זין, געווען פול מיט געטליכע סודות, געווען געהייליגט דורך דעם אויטאָריטעט פון יאָרטויזנטער — און ווי איז געווען דעם אפיקורס, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו אויפהייבן אויף אים די שווערד פון קריטיק און אַנאַליז. אמת, אין תנ"ך גופא שטייט ניט אין ערגעץ, אַז ער שטאַמט פון גאָט אַליין, אָבער די תלמודישע טראַדיציע האָט געפונען, אַז די פינף ביכער (חמשה חומשי תורה) האָט אנגעשריבן משה רבינו**) — און ווער עס האָט דערין געצווייפלט, האָט אָנגעוואָרן זיין חלק לעולם הבא ("בבא בתרא"). די אי־בעריגע ביכער (נביאים און כתובים) זיינען אויך געווען קאַנאָניזירט — ד. ה. דערקלערט פאַר הייליג, פאַר אומערשיטערליך־אמת, אזוי אַז קיינער האָט אין זיי ניט געטאָרט צווייפלען. אָט די דערקלערונג איז, ווי מען דערציילט, געמאַכט געוואָרן צוויי מאָל: איינמאָל דורך די „אַנשי כנסת

---

*) די פראַגע וועגן תנ"ך אַלס רעליגיעזן ספר, אַלס תורה אין דעם רעליגיעזן זין פונם וואָרט, לאָזן מיר דאָ אנאזייט. מיר ווילן ניט שטרייטן ניט געגן זיין וועלטאנשויאונג, ניט געגן זיינע נסים. דער היינטיגער יידישער לעזער דאַרף דאָס ניט האָבן. מיר ריידן דאָ וועגן דעם תנ"ך נאָר ווי וועגן אַ היסטאָרישן דאָקומענט.

**) אחוץ די לעצטע 8 פסוקים פון „דברים", וועלכע ס'האָט כלומרשט אָנגעשריבן יהושע.

הגדולה״ אין דער צייט פון עזרא און נחמיה *) און נאָכדעם אַן ערך 70 יאָר נאָך קריסטוס געבוירט·

פאַרבאָטן און באשטראָפונגען האָבן אָבער קיינמאָל ניט געקענט פאַרהיטן קעגן דעם פאָרשנדיגן מענשליכן גייסט· עס איז דאָ ידיעות, אַז נאָך אין די ערשטע יאָרהונדערטן פונם קריסטנטום זיינען געווען אפיקורסים, וואָס האָבן געפרובט קריטיקירן דעם תּנ״ך· נאָר וועגן זיי ווייסן מיר זעהר ווייניג· אָבער שוין אינם 11־טן יאָרהונדערט האָט אין שפּאַניע, אין דעם לאַנד, וואו ס׳האָט אויפגעבליהט די אַראַבישע פּאָעזיע און וויסנשאַפט, און אונטער זייער ווירקונג אויך די יידישע פילאָזאָפיע, די יידישע פּאָעזיע און פילאָלאָגיע, האָט זיך באַוויזן אַ דענקער, וואָס האָט געהאַט די העזה צו זוכן פלעקן אויף דער זון פונם תּנ״ך· דאָס איז געווען דער יידישער דאָקטער און גראַמאַטיקער יצחק אבן ישוש (יצחקי), וועלכער האָט אָנגעשריבן אויף אַראַביש דעם „ספר הצרופים״· ער האָט געפונען אין חומש אַ רייע ערטער, וואו עס חזרט זיך איבער דיזעלביגע דערציילונג, און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז למשל די רשימה פון די מלכים, וואָס האָבן געקיניגט אין אדום (בראשית ל״ו, 31 **) איז אָנגעשריבן געוואָרן ערשט אין דער צייט פונם מלך יהושפט, ד׳ ה׳ עטליכע יאָרהונ־דערטן נאָך משהן, א׳ א׳ וו׳

אַן אַנדער יידישער פילאָזאָף און פּאָעט, אברהם אבן עזרא, וועלכער האָט אָנגעשריבן זיין באַרימטן פירוש צו דער תּורה, האָט אויך אַוועקגעשטעלט אַ רייע פראַגן און אַרויסגעזאָגט מיינונגען, וואָס האָבן געקאָנט אָפּשוואַכן דעם גלויבן אין משהס אויטאָריטעט· אמת, ער איז געווען זעהר פאָרזיכטיג· זיין „אפיקורסות״ האָט ער אויסגעדריקט אין זעהר נעפּלהאַפטע פאָרמעס, און ער האָט אפילו געשריבן, אַז דעם ספר פון יצחקי מוז מען פאַרברענען· פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעוויזן, אַחוץ דעם אויבנדערמאָנטן ווידערשפּרוך, נאָך אויף אייניגע ערטער, וואו ס׳רעדט זיך וועגן משהן, ווי פון אַ דריטער פּערזאָן (דברים א׳ 1; ל״א, 9; ל״ד, 1—21), אָדער וואו די צייט פון משהן ווערט דערמאָנט אַלס אַ לאַנג פאַרגאַנגענע צייט, און עס ווערט געזאָגט, אַז איצט, אין „דער היינטיגער צייט״ רופט מען דעם אָרט אזוי און אזוי, אָדער עס וואוינט אין אים דאָס אָדער יענעס פאָלק (בראשית י״ב, 6; דברים ג׳ 11)·

די שטימען פון יצחקי און אבן־עזרא זיינען פאַרקלונגען כמעט אָהן אַ שפור, וואָרום דאָס פרייע געבילדעטע אראַבישע שפּאַניען איז באַלד גע־

*) אויסערדעם זיינען די שריפטן נאָך אַמאָל רעדאַגירט געוואָרן אַרום 300 יאָר פאַר קריסטוס געבוירט·

**) אַז די רשימה האָט נישט געקאָנט אָנגעשריבן ווערן פריהער, ווי ס׳זיינען געווען מלכים ביי יידן, איז קלאָר פון דעם טעקסט גופא: „און דאָס זיינען די מלכים, וואָס האָבן געקיניגט אינם לאַנד פון אדום איידער עס האָט געקיניגט אַ מלך ביי די קינדער פון ישראל״·

פאַקן אונטער די קלעפּ פון די האַלב־ציוויליזירטע קריסטליכע פעלקער — און אויף אייראָפּע האָט זיך אָנגערוקט די פינסטערע צייט פון מיטלאַלטער. מ׳האָט אָנגעהייבן פאַרפאָלגן דעם פרייעם געדאַנק, די פרייע ביכער האָט מען געברענט אויפן פייער, פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט זיינען כמעט ווי פאַרשוואונדן. דעם אָרט פון פרייער קריטיק האָט ביי די קריסטליכע פעל־קער פאַרנומען די רעליגיעזע דאָגמאַטיק, ביי די אידן — דער תּלמוד.

ערשט שפּעטער, אויף דעם שוועל פון דער נייער צייט, ווען ס׳האָט זיך אנגעהויבן די אויפלעבונג פון וויסנשאַפט און קונסט (רענעסאַנס), ווען אַ פרישער שטראָם פון פאָרשונג האָט זיך ווידער אויסגעגאָסן איבער איי־ראָפּע, ווען ביי די אייראָפּעאישע פעלקער האָט זיך אָנגעהייבן די גרויסע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונג, וועלכע האָט געפונען איר גייסטיגן אויסדרוק אין די רעליגיעזע אידעאַלן פון דער „רעפאָרמאַציע”, און דאָס קריסטנטום האָט געשטרעבט זיך אומקערן צו די אורשפּרינגליכע קוואַלן פון רעליגיע, איז די „ביבל” — דער תּנ״ך און דאָס עוואַנגעליום — ווי־דער געוואָרן דאָס בוך, וואָס מ׳האָט געלייענט און געשטודירט מער ווי אַלע אַנדערע. לייענענדיק די ביבל, לערנען די ביבל, לעבן לויט די געבאָטן פון דער ביבל איז געוואָרן דער אידעאַל פון דער נייער סאָציאַל־רעליגיע־זער ריכטונג. דער קריטישער געדאַנק פון די קריסטליכע רעפאָרמאַטאָרן, וועלכע טרעטן אַרויס צו קעמפן קעגן די ממשלה פון רוימישן פּויפּסט, ווערט פאַרשאַרפט אין משך פון קאַמף, און זיי הייבן אָן צו באַמערקן אינעם תּנ״ך זעהר פיל זאַכן, וועלכע דערוועקן ספקות און פאָדערן קריטיק. די רשימה פון ווידערשפּרוכן און אומקלאָרע שטעלן ווערט אַלעמאָל גרע־סער. ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז מען קען זיי ניט פאַרענטפערן מיט קיין שום פּלפּול.

אַז משה האָט די תּורה געשריבן — דערין האָט מען שוין דאַמאָלסט אויך ניט געגלויבט, אָבער פון וואַנען עס שטאַמט דער תּנ״ך, האָט מען נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין שום פאָרשטעלונג.

אים יאָר 1670 דערשיינט אַ ווערק פון דעם באַרימטן יידישן פּילאָ־זאָף ב ר ו ך ש פּ י נ אָ ז אַ. דער קלאָרער און שאַרפער פאַרשטאַנד פון גרויסן דענקער האָט זיך באַפרייט פון טראַדיציע און פון טעאָלאָגישע אבערגלויבנס. ער האָט מיט זיין געניאַלן קריטישן חוש געטראָפן דעם וועג, אויף וועלכן ס׳איז שפּעטער געגאַנגען אויך די קריטישע פאָרשונג: ער האָט געשריבן, אַז דעם תּנך דאַרף מען אויספאָרשן ה י ס ט אָ ר י ש, אָביעקטיוו, ניט קימערנדיג זיך דערביי וועגן ר ע ל י ג י ע ז ע אויפגאַבן. ער, פון זיין זייט, האָט געהאַלטן, אַז משה האָט אָנגעשריבן נאָר יענע שטעלן פון חומש, וואו עס ווערט דערציילט דירעקט וועגן אים אַליין. די איבעריגע טיילן פון חומש, ווי אויך יהושע, שופטים, שמואל און מלכים האָט,

נאָך זײַן מיינונג, אָנגעשריבן עזרא. אַזוי האָט באַהויפּטעט שפּינאָזאַ, אָבער נאָר באַהויפּטעט, וואָרום קיין שטרענגע, גענויע וויסנשאַפטלעכע באַווייזן איז אין זײַנע הענט ניט געווען, און ס׳האָט ניט געקאָנט זײַן בײַ דעם דאַמאָלדיקן מצב פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט.

ערשט אין אַכטצעטן יאָרהונדערט, שוין כּמעט אויף דעם שוועל פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, האָט זיך אײַנגעפונען אַ געלערנטער, וואָס האָט אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג צו דעם וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון תּנ״ך. דאָס איז געווען דער פראַנצייזישער דאָקטער זשאַן אַסטריק. אַרויסגייענדיק פון דעם באַקאַנטן פאַקט, אַז אין „בּראשית" ווערט „גאָט" אויסגעדריקט דורך צוויי ווערטער: „אלהים" און „יהוה" — האָט ער צונויפגעשטעלט באַזונדער די ערטער פונם טעקסט, וואו ס׳רעדט זיך וועגן „אלהים" און די ערטער, וואו ס׳רעדט זיך וועגן „יהוה". זײַנען אַרויסגעקומען צוויי זעלבשטענדיקע פאַראַלעלע דערציילונגען וועגן דער אורגעשיכטע פון די יידן! הייסט עס, אַז אין תּנך זײַנען פאַראַן צוויי ווערק, צוויי אָריגינאַלן — אַן אלהיסטישער און אַ יהוה־יסטישער, ווי מען רופט זיי איצט אין דער וויסנשאַפט.

אָט די אַנטדעקונג האָט געגעבן דעם שליסל צו ווײַטערדיקע אונטער־זוכונגען און אויספאָרשונגען פון תּנ״ך.

אַסטריקס מעטאָדע האָבן אַנדערע געלערנטע אָנגעווענדט שפּעטער צו די איבעריקע ספרים פון חומש. אַחוץ פילאָלאָגישע הילפסמיטל האָט מען זיך אויך באַנוצט מיט לאָגישע (באַזײַטיקט די ווידערשפּרוכן און די איבער־חזרונגען) און מיט היסטאָרישע ראיות. דאָס איז געוואָרן באַזונדערס לײַכט אַ דאַנק דער שטאַרקער אַנטוויקלונג פון די פילאָלאָגישע און היסטאָרישע וויסנשאַפטן אינם נײַנצעטן יאָרהונדערט. מ׳האָט אַחוץ העברעאיש, זיך באַקאַנט מיט די איבעריקע סעמיטישע שפּראַכן: אַראַביש, כּאַלדעאיש, פיני־קיש א. אַ., מ׳האָט זיך אויסגעלערנט לייענען די אַזויגערופענע יעראָגליפן אויף די פּיראַמידן און דענקמאָלן פון מצרים און די קײַלשריפטן אויף די דענקמאָלן פון אַשור און בּבל. פאַר די אויגן פון די געלערנטע האָט זיך אין איר גאַנצער פּראַכט געעפנט די בּיז אַהער אומבאַקאַנטע רײַכע קולטורעלע וועלט פון דעם אַלטן מזרח, צו וועלכן ס׳האָבן געהערט אויך די יידן. מ׳האָט געפונען אין פאַרשיידענע ערטער גאַנצע מאַסעס אַלטע מאַנוסקריפּטן, צווישן וועלכע פיל האָבן געהאַט אַ שייכות צו יידן. מ׳האָט, למשל, אַנטדעקט אַלטע תּנ״כן און אַנדערע יידישע בּיכער, איבערגעזעצטע אויף עטיאָפּיש, קאָפּטיש, אַראַמיש; מ׳האָט געפונען אַלטע (געשריבענע) עקזעמפּלאַרן פון תּנ״ך אויף העברעאיש און גריכיש — מיט זיי האָט מען געקאָנט פאַרגלײַכן די הײַנטיקע געדרוקטע טעקסטן.

א גאַנצע רייע געלערנטע האָבן אין משך פון דורות געהאָרעוועט איבער דעם תּנ״ך — און איצט קען מען זאָגן, אַז די וויכטיגסטע רעטענישן זיינען אויפגעדעקט. מיר קענען איצט אונטערשיידן ניט נאָר די גרונט־קוואַלן פון חומש (אַזעלכע זיינען פאַרהאַן גאַנצע פיר), נאָר אויך אַלע אַנדערע דאָקומענטן און הוספות, וואָס זיינען אַריין אין חומש. נאָר דאָס איז נאָך ווייניג: מיר ווייסן איצט אומגעפער, ווען און וואו ס׳זיינען געשריבן געוואָרן די אָדער יענע טיילן פון חומש.

כדי צו געבן אַ באַגריף די לעזער, ווי אַזוי מען קען קריטיש באַהאַנדלען דעם טעקסט פון תּנ״ך, וועלן מיר דאָ ברייגנען אַ ביישפּיל — די דערציילונג פון חומש בראשית וועגן מבול (פּרשת נח).

געוויינליך רעכנט מען דאָך, אַז די מעשה מיטן מבול איז איין געשלאָסענע דערציילונג. ווען מען נעמט אָבער אָפּטיילן דעם אלהיסטישן טעקסט פון דעם יהוהיסטישען, ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי גאַנץ זעלבשטענדיגע, לאָגיש אויסגעהאַלטענע, איינע פון דער אַנדערער אומאָפּהענגיגע דערציילונגען וועגן דעם זעלביגן פאַקט. דאָס קען מען זעהן פון די פאָלגענדע צוויי טעקסטן, וועלכע זיינען אין חומש איבערגעמישט איינער מיט דעם אַנדערן:

דער טעקסט מיט „אלהים״.

נח, ו׳ **11**: און עס איז פאַרדאָרבן געוואָרן די ערד פאַר אלהים, און עס איז פול געוואָרן די ערד מיט רויב. **12**. און אלהים האָט געזעהן די ערד און נון — זי איז פאַרדאָרבן; וואָרום יעדעס פלייש האָט פאַרדאָרבן זיין וועג אויף דער ערד.

ו׳ **9**: ... נח אָבער איז געווען אַ פרומער מאַן און אָהן אַ פעלער און האָט געפירט אַ געטליך לעבן אין זיינע צייטן. **10**. און ער האָט געבוירן דריי זין: שם, חם און יפת.

ו׳ **13**: און אלהים האָט געזאָגט צו נחן: דער אונטערגאַנג פון יעדן פלייש איז ביי מיר באַשלאָסן, וואָרום פול איז געוואָרן די ערד מיט געוואַלט־מעשים איבער זיי, וויל איך זיי פאַרניכטן פון דער ערד.

דער טעקסט מיט „יהוה״.

נח, ו׳ **5**: און יהוה האָט געזעהן, אַז גרויס איז די שלעכטקייט פון די מענשן אויף דער ערד און אַלע זייערע וואונשן און די געדאַנקען פון זייער האַרצן איז נאָר שטענדיג שלעכט. **6**. האָט יהוה חרטה געהאַט, וואָס ער האָט באַשאַפן די מענשן אויף דער ערד, און ער האָט געטרויערט אין זיין האַרצן.

ו׳ **8**: נח אָבער האָט געפונען חן אין די אויגן פון יהוה.

ז׳ **4**: וואָרום אין זיבן טעג אַרום וועל איך מאַכן רעגענען אויף דער ערד פערציג טעג און פערציג נעכט און וועל אָפּמעקן פון דער ערד אַלע וועזן, וואָס איך האָב באַשאַפן.

ו׳ 14 : מאַך דיר אַ קאַסטן פון ציפּרעס־האָלץ, קאַמערווייז זאָלסטו מאַכן דעם קאַסטן און זאָלסט אים אויסשמירן מיט פּעך פון אינעווייניג און פון דרויסן. 6 . און אַזוי זאָלסטו אים מאַכן : דריי הונדערט איילן די לענג פון דעם קאַסטן, פופציג איילן די ברייט און דרייסיג איילן די הויך, 5 . אַ פענסטער זאָלסטו מאַכן צום קאַסטן און ביז צו אַן אייל זאָלסטו אים פאַרענדיגן אויבן, און די טיר פון דעם קאַסטן זאָלסטו מאַכן ביי דער זייט ; אונטערשטע, מי־טלסטע און אויבערשטע קאַמערן זאָלסטו ביי אים (דעם קאַסטן) מאַכן . . .

נח, ו׳ 18 : און איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט דיר, און דו זאָלסט אַריינגיין אין דעם קאַסטן, דו, און דיינע זין און דיין ווייב און די ווייבער פון דיינע זין מיט דיר. און פון אַלעם לעבעדיגן, פון יעדן פלייש זאָלסטו אַריינגעמען מיט זיך אין דעם קאַסטן צו צוויי פון יעדן, כדי זיי זאָלן בלייבן לעבן מיט דיר, אַ זכר און אַ נקבה זאָל דאָס זיין. 20. פון די פויגלען לויט זייער מין און פון דעם פיך לויט זיין מין, צוויי פון אַלע מינים זאָלן אַריינקומען מיט דיר, כדי צו לאָזן זיי לעבן. 21. און דו נעם דיר פון יעדן עסנוואַרג, וואָס ווערט געגעסן און זאָלסט מיט־נעמען מיט דיר, וועט דאָס זיין פאַר דיר און די איבעריגע אויף צו עסן.

ז׳ 13 : אין דעמזעלביגן טאָג איז אַריינגע־קומען נח און שם און חם און יפת, די זין פון נח, און נחס ווייב און די דריי ווייבער פון זיינע זין מיט זיי אין קאַסטן אַריין. 14. זיי און אַלע חיות לויט זייער מין — אַלצדינג וואָס ס׳צוויטשערט און האָט פליגל. 15. איז דאָס געקומען צו נחן אין קאַסטן, צו צוויי פון יעדן פלייש, וואָס איז פאַראַן אין אים אַן אָטעם פון לעבן. 16. און די געקומענע — איז אַ זכר און אַ נקבה פון יעדן פלייש געקומען, ווי אלהים האָט אים געהייסן.

ז׳ (6 און 11) : אינם יאָר זעקסהונדערט פון נחס לעבן, אינם צווייטן חודש, זיבעצן טעג אין חודש, אין דעם דאָזיגן טאָג זיינען אויפגע־

(אין אָטדעם טייל איז די דערציילונג וועגן דעם אויפבוי דורכגעלאָזט : דער רעדאַקטאָר האָט זי קענטיג גענומען פון דעם אלהיסטישן טעקסט).

נח, ז׳ 1 : און יהוה האָט געזאָגט צו נחן : קום אַריין דו און דיין הויזגעזינט אין דעם קאַסטן, וואָרום דיך האָב איך געזעהן גערעכט פאַר מיר אין דעם דאָזיגן דור. 2. פון יעדן ריינעם פיך זאָלסטו נעמען צו זיבן — אַ מאַן מיט אַ ווייב, און פון דעם אומריינעס צו צוויי — אַ מאַן מיט אַ ווייב. 3. אויך פון די פויגלען פון הימל צו זיבן — אַ מאַן מיט אַ ווייב, כדי צו לאָזן לעבן זאָמען אויף דער גאַנצער ערד.

ז׳ 5 : און נח האָט געטאָן אַלצדינג, ווי יהוה האָט אים געהייסן . . . 7. און עס איז אַריינ־געקומען נח און זיינע זין און זיין ווייב און די ווייבער פון זיינע זין מיט אים אין דעם קאַסטן פאַר דעם וואַסער פונם מבול. 8. פון דעם ריינעם פיך און פון דעם פיך וואָס איז ניט ריין און פו די פויגלען און פון אַלצדינג וואָס קריכט אויף דער ערד. 9. צו צוויי זיינען זיי אַריינגעקומען צו נחן אין קאַסטן אַ זכר און אַ נקבה, ווי יהוה* האָט געהייסן נחן . . . 16. און יהוה האָט פאַר־שלאָסן הינטער אים.

ז׳ 10 : און עס איז געווען אין זיבן טעג אַרום און די געוויסער פון מבול זיינען געווען אויף דער ערד . . . 2 . און ס׳איז געווען דער

*) אין דעם מסורה־טעקסט שטייט דאָ „אלהים״, נאָר אין דער איבערזעצונג פון די „שבעים זקנים״ און דעם שמרונישן חומש שטייט „יהוה״.

שפּאָלטן געוואָרן אַלע קוואַלן פון גרויסן תּהום*) און די פענסטער פון הימל זיינען אויפגעעפנט געוואָרן.

ז׳ 18: און דאָס וואַסער האָט זיך געשטאַרקט און האָט זיך זעהר אויפגעהויבן אויף דער ערד, און דער קאַסטן איז געגאַנגען איבער דער אויבער־פלאַך פון וואַסער. 19. און דאָס וואַסער האָט זיך זעהר געשטאַרקט אויף דער ערד, און ס׳זיינען באַדעקט געוואָרן אַלע הויכע בערג וואָס הינטערן גאַנצן הימל. 20. פופצען איילן העכער האָט זיך געשטאַרקט דאָס וואַסער, און ס׳זיינען פאַר־דעקט געוואָרן די בערג.

ז׳ 21 : און ס׳איז אויסגעגאַנגען יעדעס פלייש, סיי דאָס וואָס קריכט אויף דער ערד, סיי די עופות, סיי דאָס פיך, סיי די חיות ... און אַלע מענשן.

ז׳ 24 : און ס׳האָט זיך געשטאַרקט דאָס וואַסער אויף דער ערד 150 טעג.

ח׳ 1 : און אלהים האָט זיך דערמאָנט אָן נחן און אָן אַלע חיות און אָן אַל׳דעם פיך, וואָס מיט אים אין קאַסטען, און אלהים האָט איבערגעפירט אַ ווינט איבער דער ערד, און דאָס וואַסער האָט זיך געזעצט. 2. און עס זיינען פאַרשלאָסן גע־וואָרן די קוואַלן פון תהום און די פענסטר פון הימל ... 3 ... און עס האָט זיך געמינערט דאָס וואַסער אויפן סוף פון הונדערטפופציג טעג. 4. און עס האָט זיך גערוהט דער קאַסטען אינם זיבעטן חודש, זיבעצן טעג אין חודש, אויף די בערג פון אררט. 5. און דאָס וואַסער איז גע־וואָרן אַלעמאָל ווייניגער ביז אין צענטן חודש; אינם צענטן חודש, דעם ערשטן טאָג אין חודש, האָבן זיך באַוויזן די קעפּ פון די בערג.

ח׳ 13 : און עס איז געווען אינם יאָר זעקס־הונדערט איינס (פון נחס לעבן), אינם ערשטן טאָג פון חודש ...

רעגן אויף דער ערד פערציג טעג און פערציג נעכט.

ז׳ 17 : און ס׳איז געווען דער מבול אויף דער ערד פערציג טעג און דאָס וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט געטראָגן דעם קאַסטן, און ער האָט זיך דערהויבן פון דער ערד.

ז׳ 22 ; אַלצדינג, וואָס איז דאָ דער אָטעם פון לעבן אין זיין נאָז, און אַלצדינג, וואָס איז אויף דער יבשה, איז געשטאָרבן. 23. און ער האָט אָפּגעמעקט אַלע וועזן, וואָס אויף דער ערד פון אַ מענשן ביז דעם פיך ביז דעם קריכנדיגן ביז די פויגלען פון הימל.

ח׳ 2 : און עס האָט אויפגעהערט דער רעגן אויף דער ערד. 3. און עס איז אָפּגעפאַלן דאָס וואַסער פון דער ערד אַלעמאָל מער.

---

*) ווי עס ווייזט אויס, האָט דער פאַר־פאַסער זיך פאָרגעשטעלט, אַז די ערד איז קיי־לעכדיג און פלאַך, ווי אַ ראָד, און שווימט אויף דעם גרויסן תהום — דעם אָקעאַן: דער ראַנד פון דער ערד איז דער ברעג פונם תהום. האָבן זיך געעפנט לעכער אין דער ערדפלאַך און ס׳איז אַרויסגעטרעטן דאָס תהום־וואַסער (שטאַדע „די געשיכטע פון ישראל״).

ח׳ 13 : ··· איז געוואָרן אויסגעטריקנט דאָס וואַסער אויף דער ערד (און נח האָט אַראָפּגענומען דעם דעק פון דעם קאַסטן און האָט געזעהן : עס איז טרוקען געוואָרן די אויבערפלאַך פון דער ערד)·

ח׳ 14 : און אינם צווייטן חודש, זיבן און צוואַנציג טעג אין חודש, איז אויסגעטריקנט געוואָרן די ערד· 15 · און אלהים האָט אַזוי גע־רעדט צו נחן : 16· גיי אַרויס פון דעם קאַסטן, דו און דיין ווייב און דייגע זין און די ווייבער פון דייגע זין מיט דיר· 17· אַלע לעבעדיגע, וואָס מיט דיר פון יעדן פלייש : סיי פויגל, סיי פיך, סיי אַלע די, וואָס קריכן אויף דער ערד, פיר אַרויס מיט דיר און זאָלן זיי ווימלען אויף דער ערד און זיך פרוכפּערן און מערן אויף דער ערד· 18· איז אַרויסגעגאַנגען נח מיט זיין ווייב און זייגע זין און די ווייבער פון זייגע זין מיט אים· 19· אַלע חיות, אַלע קריכנדיגע און אַלע פויגלען נאָך זייערע משפּחות זייגען אַרויסגעגאַנגען פון קאַסטן·

נח ט׳ 8 : האָט אלהים אַזוי געזאָגט צו נחן און צו זייגע זין : 9· איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט אייך און מיט אייערע קינדער נאָך· 10· און מיט אַלע לעבעדיגע נפשות וואָס מיט אייך, סיי פויגלען, סיי פיך, סיי אַלע חיות פון

ח׳ 6 : און עס איז געווען אויפן סוף פון פערציג טעג, האָט נח אויפגעעפנט דאָס פענ־סטער פון קאַסטן וואָס ער האָט געמאַכט· 7· און ער האָט אַרויסגעשיקט דעם ראָב, יענער איז אַרויסגעפלויגן, געפלויגן און זיך אומגעקערט, ביז ס׳איז אויסגעטריקנט געוואָרן דאָס וואַסער פון דער ערד· 8· האָט ער געשיקט די טויב פון זיך צו זעהן, אויב ס׳איז ווייניגער געוואָרן דאָס וואַסער אויף דער ערד· 9· און די טויב האָט ניט געפונען קיין אָפּרוה פאַר די טריט פון אירע פיס, האָט זי זיך אומגעקערט צו אים אינם קאַסטן, וואָרום ס׳איז געווען וואַסער אויף דער אויבערפלאַך פון דער גאַנצער ערד ; און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און זי גענומען און אריינגעבראַכט צו זיך אינם קאַסטן· 10· און ער האָט געוואַרט נאָך זיבן אַנדערע טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב פונם קאַסטן· 11· און די טויב האָט זיך אומגעקערט צו אים פאַרנאַכט און נון — אַ פרישער אייל־בערט-בלאַט אין איר מויל, האָט נח געוואוסט, אַז ס׳איז ווייניגער געוואָרן דאָס וואַסער אויף דער ערד, 12 · און ער האָט געוואַרט נאָך זיבן אַנדערע טעג און האָט אַרויסגעשיקט די טויב, האָט זי זיך שוין ניט אומגעקערט צו אים···

דער ערד וואָס מיט אייך — אַלע לעבעדיגע
באַשעפענישן פון דער ערד, וואָס זיינען אַרויס־
געגאַנגען פון קאַסטן. 11. וועל איך אויפשטעלן
מיין בונד מיט אייך, אַז ס׳זאָל מער ניט אומ־
קומען קיין פלייש איבער די געוויסרן פון אַ
מבול, און ס׳וועט ניט זיין מער קיין מבול צו
פאַרדאַרבן די ערד.

נח ח׳ 20 : האָט נח געבויט אַ מזבח צו יהוה
און ער האָט גענומען פון אַל׳דעם ריינעם פיך
און פון אלע ריינע פויגלען און האָט געבראַכט
אַ בראַנד־קרבן אויף דעם מזבח. 21. האָט יהוה
געשמעקט דעם ריח פון באַרוהיגונג און יהוה
האָט געזאָגט אין זיין האַרצן : איך וועל שוין
מער ניט שעלטן די ערד צוליב דעם מענשן
וואָרום דער געדאַנק פון מענשנס האַרצן איז
שלעכט פון זיין יוגנט אָן, וועל איך מער ניט
פאַרדאַרבן אַל׳דאָס לעבעדיגע, ווי איך האָב
געטאָן. 22. אויף ווייטער זאָלן אַלע טעג פון
דער ערד קיינמאָל ניט אויפהערן זייען און שניידן
און קעלט און היץ און זומער און ווינטער און
טאָג און נאַכט.

באַטראַכט מען גענוי די ביידע טעקסטן, באַמערקט מען, אז זיי זיינען פאַרשיידן אי לויט זייער אינהאַלט, אי לויט זייער פאָרם : איינער רופט גאָט „יהוה״ דער אַנדערער „אלהים״ איינער זאָגט : „אַ זכר און אַ נקבה״ דער אַנדערער זאָגט געוויינליך : „אַ מאַן און זיין ווייב״ ; איינער רעכנט נאָך די יאָרן פון נחס לעבן, דער אַנדערער — ניט. אין איינעם דויערט דער מבול אַ גאַנץ יאָר, (גאַנצע 150 טעג שטאַרקט זיך דאָס וואַסער אויף דער ערד) אינם אַנדערן דויערט די צוגרייטונג זיבן טעג און נאָכדעם גייט אַ רעגן נאָר 40 טעג (וועגן דעם, אַז דער תהום איז אַרויס אויף דער ערד איז אין דער דערציילונג ניטאָ קיין שפור) און אין אַ משך פון דריי מאָל זיבן טעג איז דאָס וואַסער ווידער אויסגעטריקנט געוואָרן ; איינער ווייס ניט קיין אונטערשייד צווישן ריינע און אומריינע חיות, און דערציילט ניט פון קיין קרבנות נאָך דעם מבול, דער אַנדערער דערציילט וועגן אַ קרבן און אונטערשיידעט ריינע און אומריינע חיות.

* * *

וועגן דער אַנטדעקונג פון אסטריק האָבן מיר שוין געשריבן, דאָס איז געווען דער ערשטער טריט אויפן וועג פון דער קריטישער אויספאָר־שונג פונם תנ״ך. נאָר נאָך מער, ווי דער פילאָלאָגישער אַנאַליז פונם טעקסט, האָט געגעבן די היסטאָרישע אויספאָרשונג פון דעם אינהאַלט, באַזונדערס אין דער פראַגע, ווען איז געשריבן געוואָרן די אָדער יענע שיכט פון תנ״ך. די גרונט־אַרבעט אויף דעם געביט איז געווען די פאָרשונג פון דעם דייטשן

געלערנטן דעוועט׳ נאָך דעם האָבן זיך פאַרנומען מיט דער זעלביגער פראַגע רויס׳ פאטקע׳ גראַף׳ קוענען׳ וועלהויזן׳ זיי האָבן באַוויזן׳ אז „דברים“ (ניט דער גאַנצער ספר׳ נאָר דער קערן׳ קאַפּיטל 12—26) איז די יעניגע שריפט׳ וועלכע איז׳ ווי דער תנ״ך דערציילט׳ אַנטדעקט געוואָרן אין בית־המקדש אין דער צייט פון דעם מלך יאשיה׳ און דאָס איז געווען׳ ווי מיר קענען אויסרעכענען׳ אין דעם יאָר 621 פאַר קריסטוס. הייסט דאָס׳ אַז מיר האָבן די ערשטע פעסטע דאַטע: מיר ווייסן מער אָדער ווייניגער גענוי׳ ווי אַלט עס איז דער ספר „דברים“. פון דאַנען קען מען שוין בויען ווייטער.

עס איז אויך דערוויזן געוואָרן׳ אַז לויט דעם תנ״ך גופא׳ האָט מען אין דער צייט נאָך משה רבינו ניט געוואוסט גאָרניט פון משה׳ס געבאָטן.

אין משהס געבאָטן׳ למשל׳ שטייט׳ אז אין ארץ ישראל מעג מען ברענגען קרבנות צו יהוה נאָר אין איין באַשטימטן אָרט. אַלע מזבחות׳ מצבות א. א. וו.׳ וועלכע ווערן געבויט אין אַן אַנדער אָרט׳ אחוץ דעם וואָס גאָט האָט באַשטימט׳ זיינען אַ גרויסע זינד אַנטקעגן יהוה (דברים י״ב). און אין שמואל א׳ שטייט׳ אַז שאול און דאָס גאַנצע פאָלק האָבן אין גלגל געשאָכטן קרבנות פאַר גאָט׳ (קאַפּ. י״א 15). און דערזעלביגער שאול האָט נאָך דער מלחמה אין מכמש אויפגעשטעלט אַ גרויסן שטיין און געהייסן דעם פאָלק ברענגען אויף אים קרבנות צו יהוה (שמואל א׳ יד 33—35) — און גאָט איז אויף אים כלל ניט געווען ברוגז׳ פאַרקערט דער פסוק שרייבט מיט צופרידנקייט: „דאָס איז געווען דער ערשטער מזבח׳ וואָס שאול האָט אָנגעהייבן בויען צו יהוה“ (שמואל א׳ יד׳ 35). דאָס זעלביגע האָבן געטאָן שמואל׳ דוד און שלמה און דער נביא אליהו און אַנדערע נביאים (פאַר ירמיהו): זיי פלעגן אומעטום בויען מזבחות און ברענגען קרבנות — אַ סימן׳ אַז זיי האָבן ניט געוואוסט ניט פון דעם געזעץ וועגן איין אויסדערוויילטן אָרט׳ ניט פון די עשרת הדברות׳ ניט פון קיין געשריבענע געזעצן בכלל. ווען די נביאים פלעגן מוסרן דאָס פאָלק׳ פלעגן זיי ריידן ניט אין נאָמען פון דער תורה און פלעגן קיינמאָל ניט באַרופן זיך אויף די געבאָטן: דאָס וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט׳ האָט געשטאַמט פון דעם האַרצן׳ פון דער אינערליכער איבערצייגונג און ניט פון אַן אויסווייניגסטן באַפעל. הייסט דאָס׳ אַז די געשריבענע געזעצן זיינען ערשט נאָך די נביאים באַשאַפן געוואָרן!

ווייטער: אין חומש ווערט דערציילט באריכות וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון גייסטליכע׳ וועלכע האָט כלומרשט עקזיסטירט נאָך אין דער מדבר: דער כהן גדול׳ די כהנים און לויים. קומט מען אָבער קיין כנען׳ פאַרשווינדט פלוצלונג די גאַנצע יעראַרכישע אָרגאַניזאַציע: דער פסוק דערמאָנט ניט: ניט וועגן אַן איינהייטליכער רעליגיעזער געמיינדע׳ ניט

וועגן דער מחנה פון טויזנטער כהנים און לויים, ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זיין לויט דעם חומש. אָנשטאָט זיי געפינען מיר גאָר שופטים — ריכטער, וועלטליכע מענשן, ניט כּלי קודש! און אפילו יחזקאל, וועמעס אידע־אַלן און לערע עס האָבן זייער געפּאַסט צו די אידייען פון דעם ספר ויקרא, האָט אין זיין ווערק אינערגעץ ניט דערמאָנט וועגן אַזוינע געזעצן. — אַ באַווייז, אַז דער ספר ויקרא איז אָנגעשריבן שפּעטער, איידער דער ספר יחזקאל.

קורץ: אין די טעג פון שאול, דוד, שלמה, יחזקאל איז די תּורת משה (אין דער היינטיגער צוזאַמענשטעלונג) נאָך גאָרניט געווען געשריבן. און דאָס הייסט ווידער, אַז יענע חלקים פון חומש, וואו עס שטייען די געזעצן וועגן גאָטסדינסט, וועגן די לויים, כּהנים, קרבּנות, (מעגליך, אויך די עשרת הדברות) זיינען אָנגעשריבן געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען דאָס יידישע פאָלק איז שוין באמת געווען אַן איינהייטליכע רעליגיעזע געמיינדע מיט איין בית־המקדש, מיט איין פעסטער יערארכיע פון פּריסטער.

און דאָס איז ערשט געווען נאָך דעם ערשטן גלות, ווען די יידן האָבן זיך אומגעקערט קיין ארץ ישראל פון בבל און פּרס, און האָבן גע־בילדעט אַ טעאָקראַטישע רעפּובליק מיטן כהן גדול בּראש.

אויף אַזאַ אופן ווערן היינט די ביכער פון תּנ״ך אנאַליזירט. מיר האָבן דאָ געבראַכט נאָר זעהר אַ קליינעם טייל פון די באַווייזן, וואָס ווערן געזאַמעלט, כּדי פעסטצושטעלן, ווען ס׳איז אָנגעשריבן געוואָרן דער אָדער יענער היסטאָרישער דאָקומענט.

זעהר א וויכטיגער מיטל איז דאָ די פאַרגלייכונג פון די העברעאי־שע טעקסטן מיט דעם שומרונישן חומש, מיט די איבערזעצונגען אויף גריכיש, אַראַמיש (די תּרגומים) און אזי ווי. און מיט די איבעריגע אַלטע ביכער — די אַזוי גערופענע „אַפּאָקריפן“. די גריכישע איבערזעצונג פון דער תּורה איז געמאַכט געוואָרן אינם 3־יאָרהונדערט פאַר קריסטוס גע־בורט *) אויב מיר געפינען, אלזאָ, אין די העברעאישע טעקסטן אַזוינע ווערטער, פראַזן און געדאַנקען, וועלכע זיינען אין דער גריכישער איבער־זעצונג ניט פאַרהאַן, איז מייסטנס אַ סימן, אַז מען האָט זיי אַריינגע־שטעלט שוין נאָך דעם דריטן יאָרהונדערט. דער כאַראַקטער פון אָטדי הוספות באַווייזט אָפט קלאָר און דייטליך, ווען, וואו און צוליב וואָס מען האָט זיי אַריינגעשטעלט.

II. די היסטאָרישע שיכטן אין תּנ״ך

ווען מיר וועלן צוזאַמענפאַסן אַלצדינג, וואָס ס׳האָט ביזאהער דער־גרייכט די תּנ״ך קריטיק, וועלן מיר באַקומען פאָלגנדעם בילד וועגן דער אַנטשטייאונג פון דעם תּנ״ך.

*) ס׳איז דאָ אַ לעגענדע, זעהר אַ צווייפלהאַפטע, אַז אָטדי איבערזעצונג האָבן געמאַכט 70 (72) זקנים. זי הייסט דעריבער „סעפּטואגינטא“ (אויף לאטייניש — 70).

1. דער עלטסטער טייל איז שופטים ה׳ (די אַזוי גערופענע **שירה** פון דבורהן). דאָס איז געווען אַ נצחון־ליד, אַ העלדן־געזאַנג, **איינס** פון די פילע, וואָס זיינען, געוויס, באַשאַפן געוואָרן אין דעם העראָאישן **פּעריאָד** פון דער יידישער געשיכטע, ווען עס זיינען געגאַנגען די מלחמות **צווישן** די יידן און די פעלקער פון כנען (אַן ערך 1150 יאָר פאַר קריסטוס געבורט). דאָס ליד איז געשריבן אין פערזן, די שפראַך איז פּאָעטיש, **אין איר** קלינגען די טענער פון דער אוראַלטער צייט, און אָטדעם כאַראַקטער פון דעם ליד האָבן ניט געקאָנט פאַרניכטן אַלע שפּעטערדיגע **הוספות און** ענדערונגען, וואָס מ׳האָט אין אים געמאַכט.

דאָס ליד ווייסט נאָך ניט, ניט פון קיין איינהייטליכן **פאָלק ישראל**, ניט פון קיין מלכים, ניט פון קיין בית־המקדש און כהנים. **ווען עס רעכנט** אויס די שבטים פון ישראל, דערמאָנט עס ניט די דרומ׳דיגע — **אַ** סימן, אַז עס ווייסט נאָך ניט פון זיי, אָדער זיי האָבן נאָך דאַמאָלסט **ניט עקזיס**־טירט.

2. אונטער דער ווירקונג פון דער מלחמה מיט די **פעלקער פון** כנען הייבן די יידן אָן זיך צו פאַראייניגן. עס ווערט נויטווענדיג **צוליב** מיליטערישע און אַנדערע צוועקן די מ אָ נ אַ ר כ י ע. וועגן **דעם טראַכט** מען, מ׳פירט ויכוחים, מען שרייבט. אין אָטדער צייט אַנטשטייט **דער משל** פון יותם (שופטים ט׳ 7 א׳ וו׳), אייניגע לידער פון דוד (שמואל **ב׳, א׳ 17** א׳ וו׳) און שלמה (מלכים א׳, ח׳ 12).

3. אין דער צייט פון שלמה׳ ד. ה. אַן ערך 950 יאָר **פאַר** קריסטוס געבורט, אַנטשטייען אויך זאַמלונגען פון לעגענדעס וועגן **מעשים פון** פאַרשיידענע העלדן. די נעמען פון די ביכער ווערן אין חומש **דערמאָנט**: דאָס זיינען „ס פ ר מ ל ח מ ו ת י ה ו ה" (במדבר כא׳ 14) **און „ס פ ר** הישר" (יהושע י׳ 13; שמואל ב׳ א׳ 18).

4. נאָך די ביכער זיינען צו אונז ניט דערגאַנגען. **אומבאַקאַנטע** פאַרפאַסער האָבן זיי אויסגענוצט אין שפּעטערדיגע זאַמלונגען **פון לעגענ**־דעס וועגן די גבורים פון ישראל (שופטים) און די ירושלימער **געשיכטן** וועגן שאול און דוד (שמואל ב׳ ח—ז׳, ט—כ; שמואל א׳ ט; **שמואל א׳ טז** פסוק 14 ביז מלכים א׳ ב׳).

5. די יידישע מאָנאַרכיע איז ניט געווען באַזונדערס **פעסט**. **די** שבטים פון צפון (בראש מיטן שבט אפרים), וועלכע זיינען געווען **שטאַר**־קער און קולטורעלער, איידער די דרומדיגע, האָבן מיט **אומצופרידנקייט** געטראָגן דעם יאָך פון די דרומדיגע (מיט יהודה בראש און מיט **דער די**־נאַסטיע פון דוד). ס׳האָבן זיך אנגעהייבן אינעווייניגסטע **שפּאַלטונגען און** מלחמות, און ס׳האָבן זיך סוף כל סוף געבילדעט צוויי באַזונדערע **מלוכות**, וועלכע זיינען שטענדיג געווען פיינטליך איינע צו דער אַנדערער: **ישראל**

מיט דער הויפּטשטאָט שמרון (סאַמאַריע) און יהודה מיט דער הויפּט־שטאָט ירושלים (די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען אַן ערך 933 פאַר קריסטוס געבורט).

אין דער צייט, ווען אָטדי צוויי מלוכות האָבן עקזיסטירט יעדע באַזונדער, זיינען אָנגעשריבן געוואָרן יענע צוויי ביכער, וועלכע בילדן דעם פונדאַמענט פון די חמשה חומשי תורה, און אויף וועלכע ס'האָט זיך אָנגעשטויסן אַסטריק: דער „יהוהיסט" (אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור באַצייכנט מען אים מיט דעם לאַטייניש אות J) און דער "אלהיסט". (E)*)

דער ערשטער איז, ווי מען רעכנט, אַביסל עלטער פונם צווייטן און שטאַמט פון יהודה: אַדאַנק די שפּעטערדיקע באַאַרבעטונגען, זיינען פון אים געבליבן נאָר אייניגע טיילן, די וואָס גייען איצט אַריין אין בראשית ב' 4־טער פסוק, 2־טער העלפט, (שמות ו', 3 א. א. וו. ביז במדבר, כג.) די לעצטע שפּורן באַמערקט מען נאָך אין דברים ל"ד.

דער יהוהיסט איז געשריבן מיט אַ לעבעדיגער, בילדער־רייכער שפּראַך; זיינע אויסדריקן זיינען געטאָקט און בולט. ער פאַרמאָגט אַסך לעגענדעס, פּאָעטישע לידער. פון אים שמעקט מיט ערד, מיט פרישקייט, מיט אַראָמאַט פון גראָער פאַרגאַנגענהייט. גאָט איז פאָרגעשטעלט זעהר נאַאיוו און איינפאַך, ער באַווייזט זיך צו די מענשן אין אַ מענשליכע געשטאַלט, ער מישט זיך אַליין אַריין אין די מענשליכע געשעפטן. ער עסט מיט אברהמען, גייט אַליין קיין סדום, כדי צו זעהן מיט די אייגענע אויגן, צו ס'איז טאַקע אמת, וואָס ער האָט וועגן דער שטאָט געהערט; ער צווייפלט, צו זאָל ער זיך פאַרטרויען אברהמען צו ניט, און ס'בלייבט ביי אים, אַז יאָ; ער באַגעגנט זיך פנים אל פנים מיט משהן, פירט אים אויפן באַרג, ברענגט אים נאָכן טויט צו דער קבורה און א. וו.

אַלס דעם עלטסטן און וויכטיגסטן שבט שילדערט דער יהוה'יסטישער טעקסט דעם שבט יהודה. אַלע וויכטיגסטע געשעהענישן קומען פאָר אין די שטעט פון די דרומדיגע שבטים. דעריבער רעכענען די געלערנטע, אַז די דערציילונג שטאַמט פון יהודה. קיין גענויערע ידיעות וועגן דעם איז ניטאָ. ווי אַלט דאָס בוך איז, קען מען זיך אויך נאָר משער זיין אויפן סמך פון אומדירעקטע באַווייזן. אַזוי האָט פּראָפעסאָר בודדע אָנגעוויזן אַז דער פסוק „פאַרשאָלטן זאָל זיין כנען, אַ קנעכט פון אַלע קנעכט זאָל ער זיין צו זיינע ברידער" (בראשית ט' 25), האָט געקאָנט אָנגעשריבן ווערן ניט פריהער ווי אין שלמהס צייטן, ווען כנען איז ווירקליך געווען אַ קנעכט צו די יידן. פּראָפעסאָר שראַדער האָט פאַרגליכן די דערציילונג וועגן

*) ווי מיר וועלן ווייטער זעהן, איז דער אלהיסט, פון וועלכן מיר ריידן דאָ, נאָר אַ געוויסער עלטערער טייל פון דעם, וואָס אַסטריק האָט צוזאַמענגעשטעלט: יענער גופא באַשטייט פון 2 טיילן, אַן עלטערן און אַ שפּעטערדיגן. אָטדעם עלטערן טייל רופט מען איצט סתם „אלהיסט" (E).

דעם, וואָס נמרוד איז געגאַנגען קיין בבל און האָט „אויסגעבויט די שטאָט נינוה (בראשית י, 11) מיט די אַלטע כראָניקעס פון בבל, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אָטדאָס בוך איז אַנטשטאַנען אינם סוף פונם 8־טן יאָרהונדערט. הייסט עס, אַז דער ספר איז, וואַרשיינליך, אָנגעשריבן געוואָרן (ס׳פאַרשטייט זיך, ניט דורך איין פערזאָן און ניט אין איין טאָג, נאָר דורך אַ גאַנצע רייע פערזאָנען אין אַ משך פון פיל יאָרן) צווישן 850 און 700 יאָר פאַר קריסטוס געבורט.

6. אַביסל ייִנגער איז דער אלהיסט, (ער הייבט זיך אָן בראשית ט״ו׳ נאָכדעם בראשית כ׳ א, אַ, וו, שמות יא, יהושע ג׳ו, ח, ט—יא, כד א, א, וו.) זיין שפּראַך איז מער טרוקן, מער געלערנט, ניט אַזוי זאַפטיג און פאַרביג. ער איז מער „פּראָטאָקאָל״, ער גיט אַ סך איינצלקייטן, נעמען, ציפערן. אין דעם אויפן, ווי אַזוי עס ווערט איבערדערציילט אַלטער שטאָף, און אין די פאָרשטעלונגען וועגן גאָט פילט זיך שוין אַ טעאָלאָגישע בילדונג ביי די מחברים: קענטיג, זיי האָבן זיך שוין געפונען אונטער דער ווירקונג פון די נביאים. גאָט איז ביי זיי שוין אַן אַנדערער: ער האָט ניט קיין קערפּער־ליכע געשטאַלט. מען קען אים ניט זעהן, ער באַווייזט זיך נאָר ביינאַכט, אין שלאָף. צווישן גאָט און די מענשן זיינען דאָ פאַרמיטלער — מלאָכים. אברהם און די איבעריגע אָבות זיינען פאָרגעשטעלט ווי פרומע נביאים.

דער עלטעסטער פון די שבטים איז אין E ניט יהודה, נאָר ראובן. די האַנדלונגען פון די הויפּטפּערזאָנען קומען פאָר אין די צפונדיגע און מזרחדיגע שטעט; דעם מיטלפּונקט פונם בוך פאַרנעמען דערציילונגען וועגן דער גרויסקייט פון יוספן און די אַנדערע צפונדיגע שבטים. דאָס באַווייזט קלאָר, אַז דאָס בוך שטאַמט פון צפון, פון ישראל.

ווען דער אלהיסט איז אַנטשטאַנען — וועגן דעם אורטיילט מען אַזוי. פון איין זייט האָט ער געמוזט אָנגעשריבן ווערן ניט שפּעטער ווי ס׳איז חרוב געוואָרן די צפונדיגע מלוכה — דאָס זעהט מען אַרויס פון זיין אינהאַלט — אַלזאָ, ניט שפּעטער פונם יאָר 722, ווען שמרון איז גע־פאַלן; פון דער אַנדערער זייט געפינט זיך דער מחבר פון אלהיסט אונטער אַ שטאַרקער ווירקונג פון די נביאים, הייסט עס: דאָס בוך האָט ניט גע־קאָנט אָנגעשריבן ווערן פריהער, איידער די נביאים זיינען געוואָרן אַ גרויסע קראַפט, ד. ה. ניט לאַנג פאַרן חורבן פון שמרון. די געלערנטע רעכענען דעריבער, אַז דער אלהיסט איז אָנגעשריבן געוואָרן אַרום 750 פאַר קריסטוס געבורט, אויסער איינִיגע טיילן, וואָס זיינען מסתמא אָנ־געשריבן געוואָרן שפּעטער.

די דערציילונגען פונם אלהיסט זיינען (באַזונדערס פון בראשית, כ״ז און ווייטער) פּאַראַלעל צו די דערציילונגען פונם יהוהיסט, אַזוי אַז

כמעט וועגן יעדע געשעהעניש האָבן מיר צוויי דערציילונגען (די מעשה מיט יעקב*), יוסף, לוט, דער חורבן פון סדום און עמורה, די מעשה מיט דינהן, די געשיכטע פון די עשרת־הדברות: אלהיסט — שמות י״ט, און יהוהיסט — שמות ל״ד און אַ׳ וו׳).

7. די צפונדיגע מלוכה, דער רייכסטער און קולטורעלסטער טייל פונם יידישן פאָלק, האָט אָבער ניט געקאָנט לאַנג עקזיסטירן. דאָס קליינע שמרון איז געלעגן אויפן גרויסן וועג פון דער וועלט־פּאָליטיק צווישן אשור און מצרים. ביסלעכווייז איז עס אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטראָם פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל און פּאָליטיק; די העכערע שיכטן פון שמרון האָבן איבערגענומען ביי די קולטורעלע שכנים אי די מיליטער־אָרדענונג (אַ שטענדיגע אַרמיי), אי די סיסטעם פון אָפּצאָלונגען, אי די רעליגיע, אי די מנהגים. דאָס לאַנד איז אָבער געווען צו קליין, די הויפּט־באַשעפטיגונג פון די באַפעלקערונג איז געבליבן ערדאַרבעט, האָט מען דעריבער ניט געקאָנט קאָנקורירן ניט נאָר מיט אזוינע וועלטריזן, ווי אשור און מצרים, נאָר אפילו מיט די גאָר נאָהענטע רייכערע שכנים: צור און צידון. די קרוין פון אַ גרויסמאַכט איז געווען צו שווער פאַר דעם קליי־נעם שמרון; די דריקנדיגע לאַסט פון די אָפּצאָלונגען, די גרויסע הוצאות אויף מיליטער און אויף דעם קעניגליכן הויף, דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון האַנדל האָבן ביסלעכווייז רואינירט די פויערשע באַפעלקערונג די „אויסלענדישע" פרעמדע פירונגען פון דעם מלך מיט דער אַריסטאָ־קראַטיע האָבן אויפגערייצט די פּאַטריאָטישע געפילן פון די שמרונישע פויערים. אַנטקעגן דעם הויף און די הערשער הייבט זיך אָן אַ שטאַרקע פויערישע באַוועגונג, אַ פאָלקס־באַוועגונג. בראש שטייען די נ ב י א י ם; מענטשן מיט פלאַמענדיגע הערצער און אַ פייער שפּריצנדיגער שפּראַך, פאָלקס־פירער, וואָס האָבן פאַראייניגט אין זיך דעם סאָציאַלן האַס פון אָרעמע פויערים צו די רייכע אַריסטאָקראַטן און שטאָטלייט מיט דער טיפער פאַראַכטונג פון יהוהס דינער צו די פּריסטער פון פרעמדע אָפּגעטער.

אַזוינע נביאים זיינען געווען אין ישראל עמוס, הושע און מיכה, וועלכע האָבן נביאות געזאָגט אין דעם אַכטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס געבורט. זייערע רעדעס זיינען פאַרשריבן און באַאַרבעט געוואָרן פיל שפּעטער.

---

*) מחמת דער אינהאַלט פוןביידע טעקסטן איז זעהר נאָהענט, דעריבער איז זעהר שווער דורכצופירן צווישן זיי אַ גרענעץ, און איינציגע געלערנטע האָבן אַפילו גערעכנט, אַז דער אלהיסט איז אָנגעשריבן אויפן גרונט פון דעם יהוהיסט, אַז דער מחבר פון דעם אלהיסט האָט געוואָלט נאָר פאַרענדיגן און באַאַרבעטן דעם יהוהיסט. אָטדי טעאָריע האָט מען דערנאָך אָפּגעוואָרפן, עס איז אַנערקענט געוואָרן, אַז דער יהוהיסט און דער אלהיסט זיינען צוויי זעלב־שטענדיגע ווערק.

פון אויסן געדריקט פון פרעמדע פעלקער, פון אינעווייניג צעשפּאָלטן דורך די סאָציאַלע רייסערייען, איז שמרון געפאַלן (722), און איז שוין מער ניט אויפגעשטאַנען. פון די יידן בלייבט נאָר נאָך די דרומדיגע מלוכה, דאָס האַלבווילדע אָרעמע יהודה, וואָס האָט געהאָרכזאַם געצאָלט מס דעם שטאַרקן אשור און איז געווען אָפּהענגיג פון זיין וועלט־מאַכט.

די ליטעראַרישע ירושה, וואָס איז געבליבן פון דער צפונדיגער מלוכה, איז שפּעטער דורכגעגאַנגען דורך די הענט פון יהודהשע רעדאַק־טאָרן, וועלכע האָבן אַרויף געלייגט אויף איר אַ שטעמפּל פון יהודהשן פּאַטריאָטיזם. אָטדי ירושה האָט נאָכדעם געטיילט מיטן פאָלק יהודה אַלע זיינע וואַנדערונגען אינם משך פון זיין ווייטערדיגער אַנטוויקלונג.

8. אָבער אויך אין יהודה איז ניט אַלץ געווען רואיג. אויך דאָ האָט זיך מיט דער צייט אָנגעהויבן דערזעלביגער פּראָצעס, ווי פריהער אין שמרון. אויך דאָ זעהען מיר אַ שטאַרקע פּויערשע סאָציאַלע באַוועגונג אין אַ רעליגיעזער פאָרם מיט די נביאים ישעיה (קאַפּיטעל 1—39), נחום און אַנדערע בראשי. דאָס איז געווען שוין אויפן שוועל פון דעם זיבעטן יאָרהונדערט.

די נביאים רופן, מען זאָל זיך אומקערן צו גאָט (גאָט פאַרשטייען זיי שוין אַ ב ס ט ר א ק ט), זיי דערמאָנען די פאַרגאַנגענע צייט, אַזוי ווי זי האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אין זייער פאַנטאַזיע, זיי פאָדערן רעליגיעזע רעפאָרמעס — און דאָס איז אין יענער צייט געווען אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער פאָדערונג פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע רעפאָרמעס. זייער אַגיטאַציע האָט געהאַט אַ געוויסן ערפאָלג: זייערע סאָציאַלע און רעליגיעזע פאָדערונגען זיינען געווען באַפרידיגט אויב ניט פּאַקטיש, איז, לכל הפחות פאָרמעל, אויפן פּאַפּיר. די אָרעמע, אויסגעהונגערטע, פון חובות געפּלאָגטע דאָרפישע באַפעלקערונג, וועלכע פלעגט זיך פאַרקויפן אין קנעכטשאַפט פאַר גרויס אָרעמקייט, האָט באַקומען אייניגע הנחות; מ׳האָט מוחל געווען די חובות, איינגעפירט שמיטה. די וויכטיגסטע פאָ־דערונגען: פאַרניכטן די חובות און די קנעכטשאַפט, נעמט די רעגירונג אַריין אין איר פּראָגראַם און זיי ווערן פאַרשריבן אין אַ ספר. עס ווערן אויך באַפרידיגט רעליגיעזע פאָדערונגען פון די נביאים: די מזבחות אין אַלע שטעט, אַחוץ ירושלים, ווערן פאַרניכטעט; ברענגען קרבנות מעג מען שוין נאָר אין ירושלים; די פּריסטער פון די פּראָווינציעלע טעמפּלען ווערן פאַר־וואַנדלט אין לויים, ד. ה. אין ניעדריגערע פּריסטער, — דינער פון דעם צענטראַלן הייליגטום אין ירושלים. עס ווערן אַרויסגעגעבן געזעצן, וועלכע רעגולירן די עבודה, און אַ. וו. די אַלע פאָדערונגען פון פאָלק און פון די נביאים ווערן פאַרשריבן אין אַ ספר און עס ווערט דערקלערט, אַז דאָס ספר האָט מען געפונען אין בית המקדש און אַז ער שטאַמט פון משה

רבינו· אָט דער ספר די משנה תּורה (מען באַצייכנט אים ׳D Deuteronomium) איז דער גרונטטייל פון דברים — (קאַפּיטל 12 — 26) *)·

9· אין דערזעלביגער צייט פאַרנעמען זיך געלערנטע פון דער נביאים־שול מיט באַאַרבעטן דעם אלהיסטישן ספר און דעם יהוה׳יסטישן: זיי גיסן זיי צוזאַמען און פאַרענדערן זיי אינם גייסט פון דער נביאישער לערע. דעם נייעם ספר, וואָס איז אויף אַזאַ אופן באַשאַפן געוואָרן, פאַרבינדן זיי מיטן ספר דברים און שטעלן אַריין נאָך איין טייל: דעם „ספר־הברית״ (שמות 21—23) **)·

די פרומע רעדאַקטאָרן האָבן ניט געקאָנט מסכים זיין מיט דעם אלהיסט און יהוהיסט אין זייער אורשפּרינגליכער פאָרם, דעריבער האָבן זיי ערטערווייז אויסגעמעקט, ערטערווייז פאַרענדערט, איבערגעאַרבעט, אַריינגעשטעלט נייס. דאָס איז כּלל נישט געווען קיין פעלשונג. דאָ האָט מען ניט געהאַט קיין כּונה אָפּצונאַרן עמיצן. פון ליטעראַרישן אייגענטום האָט מען דעמאָלט ניט געוואוסט, דער רעדאַקטאָר אָדער אפילו דער פּשוטער סופר (ביי די יידן, ווי אין גריכנלאַנד) האָבן געמיינט מיט זייערע פאַרענדערונגען און אויסבעסערונגען ניט באַהאַלטן דעם אמת, ווי זיי האָבן אים פאַרשטאַנען, נאָר פאַרקערט, אים אַרויסווייזן דייטליכער און קלאָרער. אויב ס׳האָט זיך עמיצן אויסגעוויזן, אַז די אָדער יענע געשעהעניש, דער אָדער יענער געדאַנק איז אוממעגליך און ווילד, האָט ער גערעכנט, אַז דאָס האָט מען געהאַט אַ טעות ביים שרייבן, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ מיספאַרשטייעניס. אויב דוד המלך, למשל, האָט לויט דער אַלטער באַשרייבונג, געהאַנדלט ניט אַזוי, ווי דאָס האָט געפאָדערט די לערע פון די נביאים, האָט דער נביאישער רעדאַקטאָר דאָס אויסגעמעקט, אַריינגעשטעלט אַן אַנדערעס, אַזוינס, וואָס האָט מער געפּאַסט צו זיין פאַרשטעלונג וועגן דעם אמת. אָטדי סיסטעמאַטישע באַאַרבעטונג פון די אַלטע טעקסטן האָט געדויערט ביזן סאַמע חורבן: דער ציל איז געווען — באַשאַפן אַ האַרמאָניע צווישן דער פאַרגאַנגענהייט פונם יידישן פאָלק און די אידייען פון דער נביאישער שול.

וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט האָבן די רעדאַקטאָרן געהאַט אַן ערך אַזאַ פאָרשטעלונג (קיין אַנדערע האָבן זיי זיך דעמאָלט גאָר ניט געקענט מאָלן): די יידן זיינען פון משהס צייטן אָן איין הייליגע אָרגאַניזירטע עדה; דער פירער פון דער עדה איז גאָט אַליין. דער עלטעסטער פון דער

*) די קאַפּיטלען 11-1 פון דברים זיינען אַ דאָפּלטע הקדמה און זיינען אָנגעשריבן געוואָרן שפּעטער; די קאַפּיטלען 29-27 זיינען אַ דאָפּלטער שלוס. האָבן מיר אַלזאָ צוויי ביכער״ 1) קאַפּ· 4 מ״ד· קאַפּ· 26-12 (גרונט טייל) און קאַפּ· 27· 2) קאַפּ· 4 מ״ה — ו׳ קאַפּיטל 6-12 און קאַפּיטל 30-28

**) דער „ספר־הברית״ איז דער ערשטער פּרוב צו פאַרשרייבן דאָס „געוואוינהייטס־רעכט אין דער געשטאַלט פון פאָרמעלע געזעצן·

עדה איז פריהער געווען משה, נאָכדעם איז געוואָרן יהושע, פון יהושען איז דאָס איבערגעגאַנגען צו די שופטים; דער לעצטער פון די שופטים האָט איבערגעגעבן די מאַכט צו שאולן און אַ. וו. אינם משך פון דער גאַנצער צייט האָבן עקזיסטירט (געמוזט עקזיסטירן!) די זעלביגע ימים־טובים, דער זעלביגער גאָטסדינסט (פון שלמה המלכס צייטן אָן), די זעלביגע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. ווי די רעדאַקטאָרן האָבן זיך פאָרגעשטעלט די יידישע געשיכטע, אַזוי האָבן זיי געטאָן מיט אַלטע טעקסטן: דאָרטן אַרויסגעוואָרפן, דאָ אַריינגעשטעלט, אין איין אָרט מקצר געווען, אין אַן אַנדערן צוגעגעבן אַ פירוש.

סימנים פון דער באַאַרבעטונג קען מען זעהן נאָך איצט אויך, הגם בכלל האָבן די רעדאַקטאָרן געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר די אַלטע לעגענדעס און האָבן געמאַכט די ענדערונגען זעהר אָפּגעהיט.

אַזוי, למשל, זעהען מיר, אַז זיי האָבן אינגאַנצן איבערגעאַרבעט די געשיכטע מיט משהן, אַריינגעשטעלט אומעטום שטיקלעך, וואו עס דער־ציילט זיך, אַז גאָט האָט צוגעזאָגט די יידן צו מאַכן זיי גרויס אין דער צוקונפט און עס ווערן איבערגעגעבן וואָרט אין וואָרט די רייד פון יהוה (שמות, ג, 14; בראשית י״ח, 17—19; בראשית כ״ו, 2—5 א. אַ. וו.). אויף וויפיל ס'איז מעגליך געווען, האָבן זיי „אויסגעבעסערט“ די ערטער, וואו עס דערציילט זיך, אַז די אבות און די ערשטע מלכים האָבן געבראַכט קרבנות אין פאַרשיידענע ערטער (בראשית, ל״א, 46; כ״ח, 22 און אַ. וו.). אָדער אַז די אבות האָבן געטאָן אַזעלכע מעשים, וועלכע זיינען פון נביאישן שטאַנד־פונקט ניט געווען זעהר מאָראַליש (בראשית, כ״ה, 6); זיי האָבן אויך גע־זעהן צו פאַרענטפערן די סתירות, וואָס טרעפן זיך אין די אַלטע דער־ציילונגען, אַזוי אין בראשית, כ׳, קאַפּיטל 18 (אלהיסטישער טעקסט) דער־ציילט זיך, אַז ווען אברהם איז געקומען קיין גרר, האָט ער מורא געהאַט, אַז די אַיינוואוינער זאָלן אים נישט דערהאַרגענען, כּדי צוצונעמען ביי אים זיין ווייב שרה, האָט ער געהייסן, זי זאָל זאָגן, אַז זי איז זיינע אַ שוועסטער; און אין בראשית כ״ו (יהוהיסטישער טעקסט) דערציילט זיך דיזעלביגע געשיכטע וועגן יצחקן מיט רבקהן. כּדי צו פאַרענטפערן די דאָזיגע סתירה, דערזעלבער פאַקט, דערזעלביגער אָרט גרר, דערזעלביגער קעניג אבימלך, וועלכער האָט געוואָלט צונעמען ביי אברהמען שרהן און ביי יצחקן רבקהן) האָבן די רעדאַקטאָרן אין אָנהויב פון קאַפּיטל 26 אַריינגעשטעלט אַ באַ־מערקונג: „עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד, אַחוץ דעם ערשטן הונגער, וואָס איז געווען אין די טעג פון אברהמען“.

דאָסגלייכן כּדי צו דערקלערן די געשיכטע מיט די ברונימס אין דעם זעלביגן גרר, וואָס דער אלהיסטישער טעקסט דערציילט דאָס וועגן אברהמען (ברשית כ״א 22—34) און דער יהוה׳סטישער (בראשית כ״ו, 15—22)

דערציילט ווידער וועגן יצחקן (קריג פון די קנעכט פון אבימלך, דעם קעניג פון גרר, וועלכע האָבן אַלעמאל געראַוּבט ביי די קנעכט פון אברהמען (יצחקן) זייערע ברונימס), האָבן די רעדאַקטאָרן אַריינגעשטעלט אַ גאַנצע אָנ־מערקונג, אַז יצחק האָט אויפדאָסניי אויסגעגראָבן די אַלטע ברונימס, וואָס האָבן פריהער געהערט צו זיין פאָטער אברהמען, נאָר די קנעכט פון אבי־מלכן האָבן זיי ווידער פאַרשאָטן נאָך זיין טויט. ווען מען לייענט אויפ־מערקזאַם דעם טעקסט, זעהט מען, אַז אויך ביי יצחקן האַנדלט עס זיך וועגן נייע ברונימס, ניט וועגן אויסגעגראָבענע אַלטע, נאָר דער ציל פון די רעדאַקטאָרן איז דאָך דערגרייכט געוואָרן: פון ערשטן בליק באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דאָ איז ניטאָ קיין פעלער, אַז דאָ דערציילט זיך ניט בטעות די זעלביגע געשיכטע וועגן פאַרשיידענע פערזאָנען, נאָר ס׳האָט זיך טאַקע געטראָפן אַזוינס פריהער מיט אברהמען, און דערנאָכדעם מיט זיין זון יצחק. אַזוינע ערטער, וואו מ׳האָט געפּרובט פאַרענטפערן סתירות, קען מען גע־פינען זעהר פיל (בראשית, כ״ח 19: אָבער „לוז״ איז געווען דער נאָמען פון דער שטאָט אין אָנהייב א. אַ. וו.).

III. די רעדאַקטירונג פון תנ״ך

די אויבנדערמאָנטע רעפאָרמעס זיינען געקומען צו שפּעט, שוין ניט ריידנדיג וועגן דעם, וואָס דער גרעסטער טייל זייערער, באַזונדערס די סאָציאַל־פּאָליטישע, זיינען נאָר געבליבן אויפן פּאַפּיר (וועגן דעם דערציילן די נביאים צפניה, ירמיהו, חבקוק און יחזקאל). ירושלים האָט געמוזט אונטערגיין: די ראָד פון דער וועלט־פּאָליטיק האָט זי פאַרכאַפּט מיט זיינע ציין און צעריבן אויף תּל. די שטאָט איז חרוב געוואָרן, דער בית־המקדש פאַרברענט, דער רייכערער און קולטורעלערער טייל פון דער באַפעלקערונג איז פאַרטריבן געוואָרן אין גלות (586 פאַר קרי. געב.).

אין גלות האָבן די פאַרטריבענע זיך פונאַנדערגעטיילט לויט זייערע רעליגיעז־קולטורעלע און פּאָליטישע אנשויאונגען. געצויגן מיט אַ גוואַל־טיגער קראַפט דורך דער פּרעכטיגער קולטור פון אשור און בבל, האָבן אַ טייל יידן פאַרלאָזן זייערע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע טראַדיציעס און זיך אַסימילירט מיט די זיגער; אַן אַנדער טייל האָט זיך פעסטגעהאַלטן פאַר זיין רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיגקייט, אָבער אויך דאָ איז געווען אַ שפּאַלטונג: איינע האָבן געקוקט פּעסימיסטיש, די אַנדערע האָבן מיט האָפענונג און גלויבן געוואַרט אויף דער גיכער אויסלייזונג פון גלות, גע־פירט פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען (מיט פּערסיען: כורש), געבויט פּלענער, געזאַמלט קרעפטן. צווישן די דאָזיגע אָפּטימיסטן האָבן דעם חשובסטן אָרט פאַרנומען די נביאים און כהנים (יחזקאל, ישעיה דער צווייטער*), ק. 40—55).

*) דער אייגנטליכער נאָמען פון דעם נביא איז נישט באַקאַנט. „ישעיה דער II״ רופט מען אים דערפאַר, ווייל זיין ווערק איז צופעליג געווען פאַרבונדן (אַלס קאַפּ. 40—55) מיט דעם ספר פון ישעיה.

אָפּגעריסן פון דער אייגענער ערד׳ לעבנדיג אָהן אַ שום פּאָליטישער ווירקונג אין אַ פרעמדן לאַנד׳ פאַרנעמענדיג זיך דאָס רוב מיט מסחר׳ האָבן די פאַרטריבענע ביסלעכווייז אויסגעבילדעט די איינציגע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע׳ וואָס איז געווען מעגליך ביי אַזוינע באַדינגונגען: אַ רע־ליגיעז־נאַציאָנאַלע געמיינדע אונטער דער פירונג פון די גרעסטע אויטאָ־ריטעטן אין די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע ענינים: די כהנים און די נביאים. דאָס יידישע פאָלק׳ אַ פאָלק פון מלחמות׳ אַ פאָלק׳ אַ וועלטליכעס אונטער דער הערשאַפט פון וועלטליכע מלכים׳ פאַרוואַנדלט זיך אין אַ „עם קדוש״ — אַ טעאָקראַטישע קהילה. אין הסכם דערמיט בייטן זיך אויך די אָנ־שויאונגן פון די הערשנדע קלאַסן.

קריגסמוט׳ פיזישע קראַפט׳ העלדישקייט הערן אויף צו רעכענען זיך פאַר די בעסטע אייגנשאַפטן. אויף זייער אָרט רוקן זיך אַרויס גייסטיגע מעלות־טובות: ווער ס׳איז פרום׳ ווער ס׳דינט גאָט מיט זיין גאַנצן האַרצן און זיין גאַנצער נשמה׳ ווער ס׳איז מקיים אַלע מצות און מנהגים׳ ווער ס׳איז באַגייסטערט פון אַ יידישן נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם׳ — דער איז דער בעסטער זון פון זיין פאָלק. אָטדער אידעאַל איז פאַרשטענדליך׳ ווען מען דערמאָנט זיך׳ אַז נאָר דורך שטרענגע רעליגיעז־קולטורעלע דיסציפּלין האָט דעמאָלט געקענט דערהאַלטן ווערן ביים לעבן דאָס יידישע פאָלק׳ אַלס נאַציאָן.

אָטדי גייסטיגע איבערקערעניש איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער גייסטיגער און קולטורעלער אַרבעט. עס פירן זיך הייסע׳ ליידנשאַפטליכע רעליגיעזע ויכוחים (וועגן שכר ועונש׳ וועגן אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטונג פאַר גאָט׳ וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק א׳ אַ׳ וו׳). עס ווערן מיט גרויס ליבע געזאַמלט׳ אַרומגעאַרבעט און רעדאַקטירט אַלע ליטעראַרישע ווערק׳ וואָס זיינען געבליבן פון אַמאָליגע צייטן. עס ווערט פאַרשריבן אין ספרים דאָס נייע (רעדעס פון נביאים׳ נייע מנהגים)׳ באַזונדערס אויפן געביט פון רעליגיעזער און געזעלשאַפטליכער געזעצגעבונג. אין דעם פרט האָבן די כהנים אין גלות פאָרטגעזעצט די אַרבעט פון דער נביאישער שולע אין יהודה.

אַרום 560—561 האָט מען גרונטליך איבערגעאַרבעט די ספרים׳ וואָס גייען איצט אַריין אין חמשה חומשי תורה׳ נביאים ראשונים׳ שמואל און מלכים. אַרום דערזעלביגער צייט האָט מען אויך אָנגעשריבן דעם ספר קדושים (ויקרא י״ז—כ״ו).

אין יענער צייט זיינען פאָרגעקומען גרויסע געשעהענישן אין דער וועלטגעשיכטע: נייע זיגער — די פּרסים אונטער דער פירונג פון זייער מלך כורש האָבן איינגענומען אשור און בבל. די יידן האָבן שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף פּרס׳ וואָס איז געוואָרן אַלעמאָל שטאַרקער׳ מסתמא

האָבן זיי אפילו געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די פּרסישע מלכים וועגן נוקם זיין זיך אָן בבל. ווען פּרס האָט איינגענומען אשור און בבל, זיינען די האָפענונגען פון די יידן מקוים געוואָרן: די יידן האָבן באַקומען פון כורשן די דערלויבניש אומצוקערן זיך אין יהודה אין בילדן דאָרטן אַ קראַפט, וואָס זאָל זיין איבערגעגעבן די פּרסים און זאָל היטן די דרום־מערבדיגע גרענעצן פון דער פּערסישער מלוכה*). דאָס האָט געגעבן די יידן די מעגליכקייט סוף כל סוף ווידער אויפצובויען ירושלים. אינם יאָר 538 האָט .אַ טייל פון די פאַרטריבענע זיך אומגעקערט און גענומען מיט גרויס מיה צו באַנייען די שטאָט. צוליב פאַרשיידענע סיבות איז אָבער די אַרבעט אַ לאַנגע צייט געבליבן אָהן ערפאָלג.

אַ גרויסער טייל פון די פאַרטריבענע איז נאָך אַלץ געזעסן אין בבל און געפירט אַ באַזונדער לעבן: צוגעפּאַסט זיך ביסלעכווייז צו דער בבלי־שער קולטור, איבערגענומען פון איר אַ סך עלעמענטן און איבערגעאַרבעט זיי אויפן יידישן נאַציאָנאַלן שטייגער. אין דערזעלביגער צייט האָבן די יידן אין גלות זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו אַלצדינג, וואָס טוט זיך אין ירושלים. אין בבל האָט מען אַלץ ווי פריהער באַאַרבעט די אַלטע לע־גענדעס, און די יידישע נביאים און כהנים פון בבל, וועלכע זיינען אין קולטורעלער הינזיכט געשטאַנען פיל העכער, איידער די יידן פון פּאַ־לעסטינע, האָבן אויסגעאַרבעט פאַר די לעצטע אַ אידעאַלע קאָנסטיטוציע אין הסכם מיט זייער אייגענעם לעבן אין גלות, מיט זייערע אָנשויאונגען און מיט דער פּאָליטישער לאַגע פון ירושלים.

די יסודות פון דער קאָנסטיטוציע זיינען געווען אַזוינע: דאָס יידישע פאָלק בילדעט אַ טעאָקראַטישע רעליגיעזע רעפּובליק אָהן אַ וועלטליכן קעניג (דאָס וואָלטן ניט דערלויבט די פּרסים). די ממשלה געפינט זיך אין די הענט פון די כהנים, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אין העכערע און נידרי־גערע פולבאַרעכטיגטע כהנים — בני צדוק, און לויים — דינער. בראש פון אַלע שטייט דער כהן גדול, וועלכער פאַרמאָגט אַ גרויסע רעליגיעזע און פּאָליטישע מאַכט. אַלצדינג איז געגרינדעט אויף געשריבענע געזעצן, וועלכע שטאַמען, כלומרשט, פון משהן; אלצדינג האַלט זיך אויף פרומקייט, אויף מורא פאַר גאָט, ד. ה. אויף די כהנים — און אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות צום בית־המקדש און צו די כהנים, אַלערליי קרבנות, אָפּצאָלונגען, מעשר — ווערט באַשטימט זייער שטרענג אין די קלענסטע פּרטים. אַלע איבעריגע קולטן, אפילו דער קולט פון יהוהן אין דער פּראָווינץ (ב מ ו ת) ווערט שטרענג פאַרבאָטן. דער איינציגער אָרט, וואו מען מעג

*) אין מצרים, ניט ווייט פון דער שטאָט אַסואַן, אויף דעם אינזל עלעפאַנטינע איז געווען אַזאַ פעסטונג מיט אַ יידישן חיל. (זעה דעם אַרטיקל: „אידי. געש. און אַרכעאָלאָגיע”).

דינען גאָט און ברענגען קרבנות ווערט ירושלים*). און אויב דער ספר דברים האָט נאָך געפּרובט באַגרינדן און עטליכע מאָל איבערחזרן די דאָזיגע פאָדערונג, איז דאָס איצט, אין בבל, אַזוי קלאָר, אַז די בבלישע קאָנסטיטוציע האַלט אפילו פאַר איבעריג דאָס צו דערמאָנען.

געוויסע פּונקטן פון דער קאָנסטיטוציע געפינען מיר שוין ביי יחזקאלן (קאַפּיטל 40—48). נאָכדעם זיינען אָנגעשריבן געוואָרן די איבנדערמאָנטע „הייליגע געזעצן" פון ויקרא י״ז—כ״ו און אַרום דעם יאָר 500 איז אָנגעשריבן געוואָרן דער געשיכטליכער און געזעצגעבערישער טייל פון דער נייער קאָנסטיטוציע (דער ספר תורת כהנים): דער אָנהויב פון דער וועלט (בראשית א׳—ב׳ 4) די געשיכטע פון די ערשטע מענטשן (בראשית ה׳) פון נחן, די געשיכטע, ווי די מענשהייט האָט זיך אַנטוויקלט פון נחס קינדער, (בראשית ו׳ 9—22, ז׳ 6—11; 13—21; 24; ח׳ 1—5; 13—19; ט׳ 1—17; 28—29; י׳ 1—7; 20; 22—23; 31—32), די געשיכטע פון אברהמען (בראשית י״א 10—27; 31; 32; א. א. וו.), די געבורט פון יצחקן און ישמעאלן, דער טויט פון שרהן; די קינדער פון ישמעאלן; די געשיכטע פון יצחקן און יעקבן; דער טויט פון יצחקן; די רשימה פון אדמס מלכים. וועגן יוספן דערציילט דאָס ווערק זעהר ווייניג, דערפאַר שטעלט ער זיך אָפּ געענוי אויף די פּיין פון די יידן אין מצרים, אויף יציאת מצרים, אויף די וואַנדערונגען אין דער מדבר און אויף די נסים, וואָס זיינען דאָרטן געשעהן; ער דערקלערט אויך געענוי די אַנשטייאונג פונם יום־טוב פּסח. מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט און מיט זעהר פיל איינצלקייטן דערציילט דאָס ווערק וועגן דעם משכן, זיין אַנטשטייאונג, זיין פאָרם, וועגן דעם גאָטסדינסט און די קרבנות אין משכן. ביי די מחברים פון דעם ווערק קומט אויס, אַז דער קולט איז געוועזן צענטראַליזירט נאָך אין דער מדבר (און ניט זינט דער צייט פון שלמה, ווי ביי די מחברים פון דברים!), אַז די פּריסטער האָבן זיך געטיילט אויף כהנים און לויים אויך נאָך אין דער מדבר, און אַזוי איז דאָס נאָך איינגעפירט פון משהס צייטן אָן**).

אָטדי קאָנסטיטוציע האָט געבראַכט קיין פּאַלעסטינע עזרא הסופר, בשעת די בבלער יידן האָבן אונטער זיין פירונג אַרויסגעשיקט קיין פּאַלעסטינע נאָך אַ טייל פון זייער געמיינדע, כדי צו העלפן זייערע ברידער

*) זעה דעם אַרטיקל: „אידי. געשי. און אַרכעאָלאָגיע" (דער טעמפּל פון עלעפאַנטינע)

**) עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אפילו יחזקאל האָט דאָס נאָך פאַרשטאַנען אַנדערש. ביי אים קומט אויס, אַז פון אָנפאַנג אָן, און אין משך פון דער גאַנצער צייט איז ניט געוועזן קיין אונטערשייד צווישן לויים און כהנים — בני צדוק, און נאָר איצט אין יחזקאלס צייטן, שטראָפט גאָט די לויים, ד. ה. די כהנים פון די פּראָווינציעלע טעמפּלען, דערפאַר וואָס זיי האָבן, כלומרשט זיך פאַרזינדיגט פאַר יהוה, און פאַרמשפּט זיי, אַז זיי זאָלן זיין דינער ביי די "ריכטיגע פרומע" כהנים פון ירושלים — די בני צדוק (יחזקאל מ״ד, 10—7).

אויפבויען ירושלים. זי איז פּייערליך פאַרעפנטליכט געוואָרן (אין יאָר 444), ווי דאָס שטייט באַשריבן אין ספר עזרא.

אין דערזעלביגער צייט איז אָנגעשריבן געוואָרן די ערשטע זאַמלונג פון לויבגעזאַנגען — דער ערשטער ספר תהלים, קאַפּיטל 3—41, (שפּעטער האָט מען די געזאַנגען גערופן „דודס געזאַנגען"), דער ספר רות *) און די דערציילונג וועגן עזרא וואו עס ווערן באַשריבן זיינע מעשים אין פּאַלעסטינע.

אַביסל שפּעטער איז עזראן געקומען צו הילף אַ רייכער אַריסטאָקראַט נחמיה, וועלכער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיטן פּערסישן הויף און האָט געהאָלפן אויפבויען ירושלים און דעם בית־המקדש (אַרום 432), זיין טעטיגקייט איז פאַרשריבן געוואָרן אין אַ באַזונדערן ספר נחמיה.

נאָך לאַנגער מי און שווערער אַרבעט איז די באַנייאונג פון ירושלים דאָך ווי עס איז דורכגעפירט געוואָרן. די ירושלימער מלוכה האָט אָנגעהויבן פירן אַ רוהיג איינגעאָרדנט לעבן. דאָס גרונט־געזעץ איז געווען די אָקאָרשט געשילדערטע קאָנסטיטוציע; געהערשט האָבן די כהנים מיטן כהן גדול בראש.

אַרום 400 ווערט דאָס ווערק, וואו עס איז אָנגעשריבן אָטדי קאָנסטיטוציע (P), צוזאַמענגעזאָמלט מיט דעם ספר, וועלכער איז שוין פריהער באַאַרבעט געוואָרן פון דעם אלהיסט (E), יהוהיסט (J) און דברים (D). די טיילן ווערן ווידער מער אָדער ווייניגער אומגעענדערט, אומגעאַרבעט, „אויסגעבעסערט" לויט דעם גייסט פון די בבלער נביאים און כהנים, עס ווערן ווידער אויסגעגלייכט די סתירות, צוגעפּאַסט איין טייל צו דעם צווייטן, א. א. וו.

אין דערזעלבער צייט ווערט פאַרענדיגט די זאַמלונג פון דעם צווייטן און דעם דריטן ספר תהלים, עס ווערט רעדאַקטירט און ענדגילטיג באַאַרבעט די זאַמלונג פון אַלטע שפּריכווערטער, מאָראַל־סענטענצן, וכדומה, וועלכע איז איצט באַקאַנט אונטערן נאָמען „משלי".

אַרום דעמזעלביגן פּעריאָד זיינען מסתמא אויך פאַרשריבן געוואָרן די רעדעס פון דעם נביא יואל און די געשיכטע יונה.

אינם סוף פון 4־טן יאָרהונדערט קומט ווידער פאָר אַ גרויסע ענדערונג אין דער וועלט־געשיכטע: אויף דער סצענע באַווייזן זיך נייע וועלטהערשער — די גריכן מיט אַלעקסאַנדער מוקדון. זיי ברייטערן אויס זייער מאַכט און די שטאַרקע ווירקונג פון זייער קולטור איבער אשור, מצרים, פּאַלעסטינע און דעם גאַנצן אַלטן מזרח; דאָס קליינע יהודה האָט,

---

*) איינע פון עזראס געזעצן האָט פאַרבאָטן חתונהס מיט ניט־יידישע פרויען און געהייסן פאַרטרייבן די פרעמדע פרויען, מיט וועלכע יידן האָבן שוין חתונה געהאַט. דער ספר רות באַשרייבט אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם די רעזולטאַטן פון דעם געזעץ.

נאַטירליך, אויך ניט געקאָנט ביישטיין אנטקעגן דער הויכער גריכישער קולטור.

די ליטעראַטור, וואָס אַנטשטייט איצט ביי יידן, טראָגט אויף זיך דייטליכע שפּורן פון דעם גריכישן איינפלוס. פון דער אַנדער זייט האָט דער קאַמף, וועלכער האָט זיך געפירט אין דער צייט פון די חשמונאים, צוגעגעבן פיל ווערק אַ טראַגישן כאַראַקטער. צו דעם פעריאָד געהערט איוב, שיר־השירים, אייניגע קאַפּיטלען פון ישעיה (24–27), אַ טייל פון תהלים.

אַרום 301 ווערט אינגאַנצן פאַרענדיגט די פריהערדיגע ליטעראַרישע אַרבעט. עס ווערט ענדגילטיג רעדאַקטירט די געשיכטע פון דער לעצטער צייט (דברי הימים), עס ווערט ענדגילטיג רעדאַקטירט די געשיכטע פון עזרא און נחמיה, עס ווערט פונדאַסניי דורכגעקוקט און אַרומגעאַרבעט דער גאַנצער אָנגעקליבענער מאַטעריאַל. און ווידער ווערט די געשיכטע אויסגעבעסערט לויט דעם גייסט פון דער צייט, ווידער ווערן אויסגעגלעט די סתירות און אַריינגעשטעלט איינצלנע טיילן, כדי ס׳זאָל אויסקומען איין „גאָלדענע קייט“.

די וועלטליכע געשיכטע, די לעבעדיגע פילפאַרביגע דערציילונג וועגן וועלטליכע פאַסירונגען ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ הייליגע געשיכטע. אנשטאָט דעם היסטאָריקער טרעט אַרויס דער פּריסטער. דער אַלטער היסטאָריקער דערציילט פאַקטן צוליב דער מעשה גופא. דער רעליגיעזער רעדאַקטאָר זעהט אין דער געשיכטע נאָר מאַטעריאַל פאַר ביישפּיל און מוסר זאָגן. דער היסטאָריקער דערקלערט די געשעהענישן איינפאַך, ווי דער שכל איז מחייב, אָן נסים און וואונדער — דער רעדאַקטאָר שטעלט אַריין רעליגיעזע דערקלערונגען, דערציילט וועגן גאָט און זיינע וואונדער. כדי די טראַדיציע זאָל אַרויסקומען גאַנץ, אָהן אַ הפסק, שטעלט מען אַריין קינסטליכע ציפערן, סכעמען, רשימות פון דורות, מען ענדערט קינסטליך די צאָלן, מען פאַרשווייגט אייניגע פאַקטן און מען טראַכט אויס נייע *). כדי די דערציילונג זאָל אויסזעהן אמתדיגער, ווערן איבערגעגעבן כלומרשט געגויע די ווערטער פון פאַרשיידענע פערזאָנען, עס ווערן ציטירט דאָקומענטן. די געשיכטע פון די אבות ווערט דערציילט אַלץ אויף איין מוסטער: געבוירן געוואָרן, חתונה געהאַט, געהאַט קינדער, געוואָרן רייך, געשטאָרבן זעהר אַלט און באַגראָבן געוואָרן מיט כבוד. די צאָל פון די שבטים איז צוועלף — און אַזוי איז דאָס כלומרשט געווען פון אָנפאַנג אָן. די אבות, די אַלטע מלכים — וועלטליכע קריגסלייט, גוטע קריגער און עראָבערער — ווערן פאַר־

*) דער משכן, למשל, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט עקזיסטירט אין דער צייט פון יהושע און דוד! דאָס איז נאָר געמאַכט, כדי ס׳זאָל זיך ניט באַקומען, אַז ס׳איז געווען אַזאַ צייט, ווען די יידן האָבן ניט געהאַט קיין צענטראַלן הייליגטום. אין אמתן איז די אידייע פון אַזאַ צענטר אַנטשטאַנען ערשט ביי די נביאים.

וואַנדלט אין רעליגיעזע העלדן לויט דעם גייסט פון די בבלער כהנים· אברהם· יצחק און יעקב זיינען פרומע יידן· אַזוינע ווי עס פאַסט פאַר אַ גלות־יידן אין בבל· דוד· דער פירער פון פאַרטיזאַנישע מלחמות· ווערט אַ רעליגיעזער דיכטער· אַ באַשיצער פון לויים· אַן אָרגאַניזאַטאָר פון גייסטליכע כאָרן; שלמה — אַ פרומער· פרידליכער און קלוגער פאַטריאָט· א· א· ווי· א· א· ווי· אַלצדינג וואָס עס פאַסט ניט אין דעם אַלגעמיינעם פלאַן· ווערט פאַרשוויגן און פאַרגלעט· אברהם האָט אַרויסגעטריבן הגרן· דאָס פאַסט אָבער ניט פאַר אַ פרומען יידן· שטעלט מען אַריין אַן אויסבעסערונג· *) דוד נעמט צו דאָס ווייב פון אוריה החיתי (שמואל ב׳ 11) — דאָס איז ניט שיין· דערציילט מען וועגן דעם אין „דברי הימים" גאָרניט (דברי הימים א׳ קאפּ· כ׳ 1) הגם אין אַלע איבעריגע פרטים חזרט מען דאָרט איבער גאַנץ גענוי די דערציילונגען פון שמואל און מלכים **)· די מלכים, וועלכע האָבן געהאָלפן דורכפירן רעליגיעזע רעפאָרמעס אינם גייסט פון די נביאים און די כהנים· ווערן געלויבט אין הימל אַריין· וועגן די איבעריגע דערציילט מען נאָר אַל־דאָס־בייז· וועגן די מלכים פון ישראל ווערט כמעט גאָרניט דערמאָנט· לויט דעם זעלביגן שטרענג טעאָלאָגישן סיסטעם דערציילט זיך אויך די געשיכטע פונם קולט·· עס קומט אויס· אַז די יידישע געמיינדע עקזיסטירט די גאַנצע צייט· אהן הפסקות· פון משהן אָן; זי איז איינע די גאַנצע צייט· זי איז שטרענג אָרגאַניזירט אויפן גרונט פון געשריבענע געזעצן· זי האָט אַ צענטראַלן הייליגטום און פעסט באַשטימטע מנהגים***) די טיילונג אויף כהנים (אהרנס קינדער) און לויים שטאַמט כלומרשט נאָך פון דער מדבר· כדי די קייט פון כהנים גדולים זאָל ניט איבערגעריסן ווערן· מאַכט מען איבער די געשיכטע אַזוי· אַז ביי יעדן קעניג איז פאַראַן אַ באַזונדערער כהן גדול פון אהרנס משפחה און דער כהן גדול איז אייגנטליך די וויכטיגסטע פערזאָן אין דער מלוכה· (ווי דאָס איז טאַקע געווען אין פערסישן פעריאָד!) צו יעדן קעניג גיט מען צו אויך נביאים· וועלכע האַלטן אַלע דיזעלבע רעדעס און מאַכן דיזעלביגע נסים·

---

*) אי דער אלהיסט, אי דער יהוהיסט דערציילט, אַז אברהם האָט הגרן אַרויסגעטריבן, דער רעדאַקטאָר האָט אָבער אַריינגעשטעלט אַ שטיקל (בראשית כ״ה, 6) וואו ער גיט איבער, אַז אברהם האָט די קינדער פון די קעפּסווייבער געגעבן מתנות און זיי אָפּגעשיקט פון זיך, און אַ צווייטע שטיקל (בראשית כ״ה, 9) וואו עס דערציילט זיך, אַז יצחק און ישמעאל האָבן מיט כבוד באַגראָבן אברהמען אין דער מערת המכפלה· לויט דעם יהוהיסטישן טעקסט (בראשית ט״ז) איז ישמעאל נאָך גאָרניט געבוירן געוואָרן, ווען מען האָט פאַרטריבן הגרן: לויט דעם אלהיסטישן (בראשית כ״א) איז ער געווען אַ קליין ייִנגל, און לויט די רעדאַקטאָרן איז ער אַלט געווען 17 יאר·

**) צוליב דעם איז אַרויסגעקומען אַ ווידערשפּרוך: אין דברי הימים א׳ קאַפּיטל כ׳ פּסוק 1, שטייט, אַז דוד איז געזעסן אין ירושלים, און אין פּסוק 3 שטייט, אַז דוד האָט זיך אומגעקערט קיין ירושלים· אָבער דאָס האָט די רעדאַקטאָרן ניט געקימערט·

***) אַלצדינג, וואָס האָט אין דער געשיכטע ניט געפּאַסט צו דעם סיסטעם, ווערט געשילדערט אַלס גרויסע זינד·

גאָט פאַרוואַנדלט זיך אין א פולקום טראַנסצענדענטן, אבסטראַקטן, אוניווערסאַלן וועזן. ער באַווייזט זיך צו ישראל אין באַשטימטע מדרגות: די ערשטע מענשן האָבן אים געקאָנט אַלס „אלהים", די אבות אַלס „אל שדי", משה — „יהוה".

ברית מילה, שבת, יום־טובים — די אַלטע פאָלקס־מנהגים, וועלכע האָבן אַ לאַנגע, קאָמפּליצירטע געשיכטע, פאַרוואַנדלען זיך אין הייליגע מצוות, וואָס גאָט האָט זיי ספּעציעל באַפוילן צו די יידן, כדי צו פאַרשטאַרקן זייער בונד מיט אים און כדי צו פאַרהיטן זיי פון אַ צונויפמישונג מיט אַנדערע פעלקער (אַן אויפגאַבע, וועלכע האָט געהאַט א זין ערשט נאָך דעם גלות!).

אַרום דעם יאָר 248 איז דער חומש איבערגעזעצט געוואָרן אויף גריכיש (סעפּטואַגינטא), און דאָס גיט אונז די מעגליכקייט צו באַשטימען די צייט, ווען די חמשה חומשי תורה און די היסטאָרישע ספרים זיינען געוואָרן ענדגילטיג רעדאַקטירט, (דאָסזעלביגע אויך בנוגע צו דעם שמרו־נישן חומש). די רעדאַקציע פון די נביאים איז אויך אַרום דערזעלביגער צייט פאַרענדיגט געוואָרן, נאָר אַביסל שפּעטער. יעדנפאַלס זעהען מיר, אַז יהושע בן סירא, שרייבנדיג זיינע משלים (אַרום דעם יאָר 180) האָט שוין וועגן די נביאים געוואוסט *).

די הערשאַפט פון די גריכן, וועלכע איז פון אָנפאַנג געווען גינציג פאַר די יידן, איז ביסלעכווייז געוואָרן די סיבה פון גרויסע אומרוען און איבערקערענישן אין יהודה. די עקאָנאָמישע און קולטורעלע ווירקונג פון די גריכן האָט אַרויסגערופן אין יהודה אַ טיפע סאָציאַל־פּאָליטישע שפּאַל־טונג, וועלכע האָט אין יענע צייטן געמוזט טראָגן אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די אַריינמישונג פון די גריכישע מלכים (אנטיאָכוס־עפּיפאַנוס) אין אָטדעם אינעווייניגסטן קאַמף האָט געבראַכט צו אַן אָפענעם אויפ־שטאַנד (די מאַקאַבעער 166—140) וועלכער האָט געקאָסט דעם לאַנד זעהר פיל קרעפטן, אָבער וועלכער האָט סוף־כל־סוף געבראַכט דערצו, אַז די יידישע מלוכה איז געוואָרן זעלבשטענדיג.

די שווערע צייטן פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם ספר דניאל, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אַרום 164 און אַריין אין תנ"ך. די פריילעכע צייטן פון די נצחונות פון די חשמונאים זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין פיל ספרים. אין יאָר 1:0 איז געשריבן געוואָרן דאָס ווערק פון איינעם יאַזאָן פון קירענע; אָטדאָס ווערק

*) די משלים פון יהושע בן סירה, וועלכע זיינען אָנגעשריבן דורך איין באַשטימטע פערזאָן און האָבן געטראָגן אַ וועלטליכן כאַראַקטער, זיינען, נאַטירליך, אין תנ"ך ניט אַריין. צו אונז זיינען זיי דערגאַנגען אין אַ גריכישער איבערזעצונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך יהושעס אייניקלעך אַרום 130—105 פאַר קר. געב. — אין 1900 איז אין קאאירא אין אַ אידישע שול געפונען געוואָרן דער העברייאישער טעקסט פון דעם ספר.

איז צו אונז ניט דערגאַנגען, אַחוץ איינציגע טיילן אין גריכישער איבערזעצונג, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט: געוואָרן אונטערן נאָמען „דער צווייטער ספר החשמונאים", אין דעם ערשטן יאָרהונדערט נאָך קר. געב. און אינם 90־טן יאָר אונטערן נאָמען: „דער ערשטער ספר החשמונאים".

אַרום 150 פאַר קר. געב. איז אָנגעשריבן געוואָרן „מגילת אסתר" און אַרום 140 — דער 4־טער און 5־טער ספר תהלים, וואו עס מערקן זיך אויך דייטליך שפורן פון דעם חשמונאים אויפשטאַנד.

און ערשט נאָכן אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה אונטער די קלעפּ פון רוים, נאָכן צווייטן חורבן פון ירושלים און פון דעם בית־המקדש, ווען די איינציגע היטער פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון די פאָלק־טראַדיציעס זיינען געבליבן די געלערנטע — ערשט דעמאָלט, אין אָנהייב פון 2־טן יאָרהונדערט נאָך קר. געב. איז פולקום פאַרענדיגט געוואָרן די רעדאַקציע פון דעם ספר, וואָס מיר רופן איצט תנ"ך *).

צו אונז זיינען נאָך דערגאַנגען ויכוחים וועגן אַריינעמען אָדער ניט אַריינעמען אין תנ"ך די אָדער יענע ליטעראַרישע ווערק **)

און עס איז ניטאָ קיין ספק, אַז אויך דאָ זיינען געמאַכט געוואָרן איינציגע (הגם אומבאַדייטנדע) אָפּענדערונגען און אויסבעסערונגען אינם טעקסט.

* * *

אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן און געוואַקסן דער ספר, פון וועלכן מיר שעפּן אונזערע ידיעות וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון יידנטום ***).

---

*) כדי צו באַקומען אַ זיכערע און גענויע פאָרשטעלונג וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון תנ"ך, וואָלט נויטיג געווען, אַחוץ דעם היסטאָריש־פילאָלאָגישן אַנאַליז, נאָך אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער. געוויסע געזעצן, געוויסע מנהגים קענען ניט אַנטשטיין, איידער עס זיינען ניטאָ אין לעבן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַקטן, וועלכע ווערן דורך זיי רעגולירט. עס וואָלט דעריבער געווען אינטערעסאַנט און נויטיג צו געבן אַ געשיכטע פון תנ"ך, וועלכע זאָל זיין געבויט אויף אַזאַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער פאָרשונג. פאַר אַזאַ אַרבעט איז אָבער, צום באַדויערן, נאָך פאַרהאַן צו ווייניג מאַטעריאַל. די איינצלנע אונטערזוכונגען, וועלכע מען קען שוין איצט מאַכן (די סאָציאַלע געזעצגעבונג פון משה, די עשרת הדברות וכדומה) באַשטעטיגן אין אַלגעמיין די רעזולטאַטן פון דער ליטעראַרישער און היסטאָריש־פילאָלאָגישער פאָרשונג

**) עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן „שיר־השירים" און "קוהלת", וועלכע זיינען סוף־כל־סוף אריינגענומען געוואָרן צוזאַמען מיט מגילת אסתר, תהלים, דניאל א. א. ניט אַריין זיינען משלי יהושע בן סירא, ספרי החמושנאים, ספר יהודית און איינציגע אַנדערע, וועלכע זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען "אפּאָקריפן" (ספרים חיצונים).

***) מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אויך שפּעטער האָט דער טעקסט געמוזט טיילווייז פאַרענדערט און פאַרגרייזט ווערן: קיין דרוק איז נאָך דאַמאָלסט ניט געווען, די ספרים פלעגט מען איבערשרייבן מיט דער האַנט. די העברעאישע שפראַך האָט דערצו נאָך אַזאַ טבע, אז אָן אָנגעשריבענעם וואָרט אָהן נקודות קען מען לייענען אויף פאַרשיידענע אופנים. ס'איז אַ באזונדערע וויסנשאַפט (מסורה) וועלכע האָט געלערנט, ווי מען דאַרף שרייבן און לייענען יעדעס וואָרט פון תנ"ך. אויפן גרונט פון דער מסורה איז שפּעטער פאַרשריבן געוואָרן דער טעקסט שוין מיט נקודות — ווען מען האָט די נקודות ערפונדן.

דער לעזער וועט איצט פאַרשטיין, ווי פּאָרזיכטיג מען דאַרף זיין, באַנוצנדיג זיך מיט דעם תנ"ך אַלס היסטאָרישן דאָקומענט, וויפיל אָנגעשטרענגטע אַרבעט עס איז נויטיג, כדי אַרויסצוגעפינען דעם אמתן טעקסט פון דעם אָדער יענעם טייל — לויט די פאַרשיידענע היסטאָרישע עפּאָכעס. ריכטיג האָט אַמאָל באַמערקט אַ באַוואוסטער געלערנטער (דע־וועט), אַז דער תנ"ך אַלס היסטאָרישער דאָקומענט איז וויכטיג ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס ער דערציילט אונז פון פאַרגאַנגענע צייטן, וויפיל מער צוליב דעם, וואָס מיר באַקומען פון די געשיכטעס אַ באַגריף וועגן דער עפּאָכע, ווען זיי זיינען אָנגעשריבן געוואָרן, ניט אַזוי די צייטן, וואָס דער תנ"ך שילדערט זיינען דער עיקר, נאָר די צייטן, אין וועלכע עס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן די אָדער יענע ספרים פון תנ"ך און וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין אָטדי ספרים.

IV. די מאָדערנע געשיכטע־פאָרשונג פון ישראל און איר אַנטוויקלונג.

פאַר די לעצטע פופציג יאָר האָבן זיך אונזערע היסטאָרישע מאַטעריאַלן איבער די געשיכטע פון ישראל באַדייטנד פאַרמערט. די וויסנשאַפטליכע פאָרטשריטן אויפן געביט פון דער תנך־אויספאָרשונג, ווי אויך די אויסגראָבונגען אין פאַלעסטינע און די שכנותדיגע לענדער, האָבן שטאַרק באַרייכערט אונזערע געשיכטליכע ידיעות סיי וועגן ישראל סיי וועגן אַלטן מזרח בכלל. און דאָך זיינען נאָך אַ גאַנצע רייע פּראָבלעמס, הן וועגן דער געשיכטע און די פאַרהעלטנישן פון ישראל, און נאָך מער איבער די סיבות פון זיין אייגנאַרטיגער אַנטוויקלונג, עד היום ניט געלייזט. שולדיג אין דעם זיינען: ראשית דער כאַראַקטער פון אונזער היסטאָרישן מאַטעריאַל, צווייטנס דער מצב פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט פון אַלטן מזרח בכלל.

דער וויכטיגסטער מקור פאַר דער געשיכטע פון ישראל איז נאָך עד היום דער תנך. די גרעסטע טייל ספרים פון תנך זיינען אָבער אַנאָנים. מיר ווייסן ניט גענוי די צייט, ווען זיי זיינען אָנגעשריבן געוואָרן, מיר ווייסן אויך ניט ווער זייערע מחברים זיינען. אַן־אויסנאַם בילדן די ספרים פון די נביאים, וואו ס׳ווערט אָנגעגעבן אי דער נאָמען פון דעם נביא אי די צייט פון זיין טעטיגקייט. אָבער אויך אין די ספרים פון די נביאים געפינען זיך הוספות פון שפּעטערדיגע מחברים און רעדאַקטאָרן. אַחוצדעם זיינען אפילו די איינצלנע ספרים און באַזונדערס דער חומש ניט איינהייטליך. איין און דערזעלביגער קאַפּיטל פון איין און דעמזעלביגן ספר באַשטייט זעהר אָפט פון די פאַרשיידנסטע טיילן, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אין די פאַרשיידנסטע צייטן. קיין שום ספר איז ניט געקומען צו אונז אין זיין ערשטער געשטאַלט, און וואָס עלטער זיי זיינען, אַלץ מער זיינען זיי איבערגעאַרבעט געוואָרן. און די וויכטיגסטע פּראָבלעם פון דער תנ״ך־אויספאָרשונג באַשטייט אין דעם, צו דערגיין די אַנטשטייאונגס־צייט פון די פאַרשיידענע ספרים. דאָס איז אָבער מעגליך נאָר נאָך אַ

גרונטליכער פילאָלאָגישער און היסטאָרישער אויספאָרשונג, און ערשט ביסלעכווייז האָט זיך איינגעגעבן מער אָדער ווייניקער גענוי פעסטצו־שטעלן די צייטן, אין וועלכע ס׳זיינען אַנטשטאַנען די מייסטן ספרים פון תנ״ך*). וועגן אייניגע ספרים הערשן נאָך עד היום חילוקי דעות צווישן די געלערנטע. מען דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז פון דער אַלטער ליטעראַ־טור, וועלכע איז געווען אין ישראל, איז אונז פאַרבליבן נאָר אַ קליינער רעשט; דער גרעסטער טייל איז פאַרלאָרן געגאַנגען. עס זיינען געבליבן נאָר די ספרים, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר הייליג און וועלכע זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער זאַמלונג פון די הייליגע ספרים, אין דעם אַזויגערופענעם „תנך". אַ טייל זיינען אונז פאַרבליבן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָט איינגעהיט די קריסטליכע קירכע, פאַר וועלכע זיי זיינען געווען הייליג, ווי למשל דער ספר בן סירא, ספר חנוך א. אַ. וו. די איינ־זייטיגקייט פון די מאַטעריאַלן איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער איינזייטיגקייט פון דער וויסנשאַפט. מיט דער געשיכטע פון ישראל האָבן זיך פאַרנומען כמעט בלויז טעאָלאָגן, על פי רוב פראָטעסטאַנטישע, און די געשיכטע פונם פאָלק ישראל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער געשיכטע פון דער ר ע ל י ג י ע פון ישראל.

נאָר מיט גרויס מיה באַפרייט זיך די געשיכטע־פאָרשונג אין דער לעצטער צייט פון דעם איינפלוס פון דער טעאָלאָגיע, דורכמאַכנדיג דערביי פאַרשיידענע פעריאָדן.

די נאַאיוו־טראַדיציאָנעלע ריכטונג.

אין דעם ערשטן פעריאָד פון דער געשיכטעפאָרשונג, ביזן אָנהייב פון פאָריגן יאָרהונדערט, שטייט די וויסנשאַפט אויפן באָדן פון דיזעלביגע פאָר־שטעלונגען וועגן דער געשיכטע פון ישראל און זיין אַנטוויקלונג, וועלכע זיינען פאַרהאַן אין דעם תנך גופא.

זי האָט אויפגעפאַסט די געשעהענישן פון דער יידישער געשיכטע און די עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פון דער תורה, פונקט אַזוי, ווי עס טוט אַ מענש, וואָס האַלט פאַרן פולן אמת דעם בילד, וואָס באַקומט זיך ביים לייענען די ספרים פון תנך (בפרט פון חומש) אין זייער א י צ ט י ג ע ר געשטאַלט. און דאס בילד איז אַזאַ:

מען קען אין חומש דייטליך אונטערשיידן דריי טיילן: ערשטנס די באַשאַפונג פון דער וועלט און די מענשן; צווייטנס די געשיכטע פון די מענשן און באַזונדערס פון פאָלק ישראל, און דריטנס די געשיכטע פון דער רעליגיע. דער ערשטער קאַפּיטל פון בראשית דערציילט אונז די גע־

*) זעה דעם אַרטיקל: „די אַנטשטייאונג פונם תנ״ך".

שיכטע פון בריאת עולם. די אַנשויאונגען פון חומש איבער די אַנטשטיי־
אונג פון דער וועלט אונטערשיידן זיך פון ענליכע דערציילונגען פון אַנ־
דערע פעלקער באַזונדערס דורך זייער מאָנאָטעאיסטישן כאַראַקטער. די
איבעריגע קאַפּיטלען ביז י״ב באַשעפטיגן זיך מיט דער צייט פון אדם ביז
אברהם. עס איז אינטערעסאַנט, וואָס מיר געפינען דאָ שוין אַנטוויקלט
דעם געדאַנק פון עוואָליוציע. פון איין זייט, ווערן די מענשן פיזיש, וואָס
ווייטער, אַלץ שוואַכער, זיי גייען צוריק. דאָס איז באַזונדערס קענטיג אין
דעם עלטער, וועלכן זיי דערגרייכן. אדם האָט געלעבט 930 יאָר, מתושלח
זאָגאַר 969 א. אַ. וו. מיטן מבול פאַרענדיגט זיך דער ערשטער פּעריאָד
פון דער וועלט, וועלכער באַשטייט פון צעהן דורות. מיט נחן הייבט זיך
אָן אַ נייער פּעריאָד, וועלכער געדויערט אויך צעהן דורות. נח לעבט נאָך
אפילו 930 יאָר, זיין זון שם לעבט שוין אָבער נאָר זעקסהונדערט יאָר, און
אַזוי גייט עס ווייטער. תרח, דער פאָטער פון אברהם, איז דער לעצטער,
וועלכער דערגרייכט אן עלטער פון 205 יאָר.

רעליגיעז אָבער באַמערקט זיך וואָס ווייטער, אַלץ אַ גרעסערער
פּ אָ ר ט ש ר י ט. שוין מיט נחן הייבט זיך אָן אַ נייע צייט; יהוה ווערט נענ־
טער צו די מענשן. ער שטעלט איין אַ פעסטע אָרדענונג אין דער נאַטור
און צווישן די מענשן. טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער, היץ און קעלט
זאָלן מער ניט פאַרשטערט ווערן. מער וועט ער שוין די מענשן מיט קיין
מבול ניט שטראָפן. אויך די מענשן זאָלן איינע די אַנדערע ניט הרגענען.
און אפילו די חיות טאָרן ניט פאַרגיסן קיין מענשליך בלוט. (בראשית ט.).
נאָך אַ גרעסערער רעליגיעזער פּאָרטשריט הייבט זיך אָן מיט
אברהמען.

מיט אברהמען פאַרענדיגט זיך אין חומש די אוניווערסאַלע געשיכטע,
די געשיכטע פון דער גאַנצער מענשהייט, און עס הייבט זיך אָן די נאַציאָ־
נאַלע געשיכטע, די געשיכטע פונם פאָלק ישראל. מיט דעם הייבט זיך אויך
אָן, ווי מיר האָבן געזעהן, אַ נייע תקופה אין דער אַנטוויקלונג פון דער
רעליגיע און באַזונדערס אין דער באַציהונג פון יהוהן צו די מענשן. אין
דער צייט פון אדם ביז אברהם איז יהוה ווייט פון די מענשן, צייטנווייז
דוכט זיך אפילו אויס, אַז יהוה פירט אַ קאַמף קעגן די מענשן. אַזוי איז
דאָס באַזונדערס ביים דור הפלגה. און אויב יהוה גייט אַמאָל אַראָפּ צו די
מענשן, איז דאָס נאָר כּדי זיי צו שטראָפן. אַנדערש זיינען אינגאַנצן די
באַציהונגען צווישן יהוה און אברהם. אברהם איז דער אויסדערוויילטער
פון יהוה, און יהוה איז זיין גאָט, וועלכער באשיצט אים אומעטום. אין
דער ליבע פון גאָט צו אברהמען דריקט זיך אויס די ליבע פון יהוה צו
זיין פאָלק. אברהם איז דאָ בלויז די פאַרקערפּערונג פון זיין פאָלק. מיט
אברהמען צעטיילן זיך די מענשן ענדגילטיג אויף די, וואָס וויסן פון יהוה

און די וואָס ווייסן פון אים ניט. די איבעריגע פעלקער הערן איצט אויף דעם דערציילער צו אינטערעסירן, און ער רעדט וועגן זיי נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי באַרירן זיך מיט ישראל.

פון דער געשיכטע פון די אבות גייט דער דערציילער אַריבער צו דער געשיכטע פון פאָלק. אין מצרים וואַקסט אויס יעקבס פאַמיליע צו אַ גאַנצן פאָלק. נאָך יוספס טויט ווערן זיי פאַרשקלאַפט ביי די מצרים. ענדליך דערבאַרימט זיך גאָט אויף זיי און ער שיקט משהן זיי אויסלייזן פון דער קנעכטשאַפט.

משה איז דער באַפרייער פון פאָלק און דער גרינדער פון דער רע־ליגיע. די אבות האָבן געוואוסט פון יהוה, אָבער האָבען נאָך ניט געהאַט קיין תורה און מצוות. ערשט ביים באַרג סיני גיט יהוה די יידן די תורה מיט דעם פאַרענדיגט זיך דער גאַנצער געשיכטליכער פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּילט פון אדם ביז משה. ביזן סיני האָבן מיר געהאַט אַ ביסלעכווייזע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט דורכגעמאַכט פיר פעריאָדן: אדם, נח, אברהם, משה. פון סיני אָן איז שוין מער קיין אַנטוויקלונג ניטאָ, אַלץ איז שוין באַשטימט און געגעבן. און אויב גאָט באַווייזט זיך נאָך צו די נביאים, איז דאָס ניט כּדי צו אַנטפּלעקן נייע אמתן, נאָר כּדי צו דערמאָנען די אַלטע. די אַנטוויקלונג איז פאַרענדיגט, אַלץ איז דורך משהן שוין אַנטפּלעקט און געשאַפן: די תורה, דער משכן און די כּהנים. אפילו די געזעצן, וועלכע די יידן האָבן געדאַרפט האָבן שפּעטער אין כּנען און וועלכע זיינען אין דער מדבר גאָרניט געווען נויטיג, האָט שוין משה אַפריהער צוגעגרייט און געגעבן. ער האָט אַלץ פאָראויסגעזעהן און פאַרזאָרגט אויף אייביג. און פון דער צייט אָן, קען מען זיך האַלטן ביי דער תורה, אָדער ניט, אָבער קיין נייס קען שוין מער ניט זיין.

די דריי תקופות אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע ווערן אויך באַצייכנט דורך דריי פאָרמעס פון יהוהס אַנטפּלעקונג צו די מענשן. צו־ערשט האָט זיך גאָט באַוויזן צו די מענשן מיטן נאָמען „אלהים“. צו די אבות אָבער שוין מיטן נאָמען „אל שדי“, און לסוף צו משהן מיטן נאָמען „יהוה“.

אין מדבר פאַרענדיגט זיך די הייליגע געשיכטע, און מיט דער איינ־וואַנדערונג אין כּנען הייבט זיך אָן די וועלטליכע. אויף דער בימה טרעטן אַרויס וועלטליכע העלדן, שופטים און מלכים. אָבער אויך דאָ איז די גע־שיכטע פון פאָלק ענג פאַרקניפּט מיט דער רעליגיע. דאָס אַלץ, וואָס פּאַ־סירט מיטן פאָלק, איז אַ פּועל־יוצא פונדעם, צי דאָס פאָלק היט די תורה צי ניט. אינם ערשטן פאַל העלפט זיי גאָט, ווען ניט, שטראָפט ער זיי.

דער הויפּט־געדאַנק פון אָטדער וועלטאָנשויאונג, לויט וועלכער די

תּורה איז נאָר איינמאָל געגעבן געוואָרן דורך משהן און פון דאַמאָלסט אָן איז שוין מער קיין אַנטוויקלונג ניטאָ, האָט געהערשט ביזן אָנפאַנג פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

די ראַציאָנאַליסטישע ריכטונג.

ערשט מיטן אָנהייב פון נײַנצנטן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן אַ קריטישע אויספאָרשונג פון תּנך. אַז אין חומש ווערן פאַרשיידענע דערציילונגען און געזעצן אייניגע מאָל איבערגעחזרט, און אַז דאָרטן געפינען זיך סתּירות, דאָס האָט שוין אויך דער תּלמוד איינגעזעהן. זיי פלעגן דאָס אָבער פּרובירן פאַרענטפערן אויף פאַרשיידענע אופנים. ערשט די וויסנשאַפטליכע קריטיק האָט באַוויזן, אַז אָט די סתּירות זײַנען אַ פּועל־יוצא פון דער צוזאַמענשטעלונג פון חומש. דער חומש איז אַ פאַראייניגונג פון עטליכע ספרים, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן און פון פאַרשיידענע שיכטן. די פאַרגלייכונג פון די פאַרשיידענע טיילן פון חומש און פון די ספרים פון תּנך בכלל, האָט דעריבער די גרעסטע באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון ישראל. מען קען זיך אויף אַזאַ אופן באַקענען מיט דער אַנטוויקלונג, וואָס דאָס פאָלק האָט דורכגעמאַכט און וועלכע שפּיגלט זיך אָפּ אין די פאַרשיידענע ספרים.

דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט געמוזט מאַכן אויף די קריטיק דער פאַרגלייך צווישן די ספרים: „שמואל" און „מלכים" פון איין זייט, און „דברי הימים" פון דער צווייטער זייט. ערשטנס באַהאַנדלען זיי איין און דיזעלביגע צייט (פון דוד ביז גלות בבל), און צווייטנס ווייסן מיר מער אָדער ווייניגער גענוי די צייט, ווען זיי זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן. די ספרים „שמואל און „מלכים" זײַנען רעדאַקטירט געוואָרן אין דער צייט פון גלות בבל, — די עלטערע טיילן שטאַמען נאָך פון אַ פריהערדיגער צייט. דער ספר „דברי הימים" איז אָנגעשריבן געוואָרן בערך מיט דרייהונדערט יאָר שפּעטער. און דאָ זעהט זיך קלאָר, ווי די פאַרשיידענע תּנאים פון לעבן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די מחברים, האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זייער באַשרײַבונג פון דעם עבר.

פאַר די דרייהונדערט יאָר איז פאָרגעקומען אַן אומגעהייערע איבערקערעניש אינם לעבן פון פאָלק. יהודה איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן יאָך פון פרעמדע מלוכות, פריהער אונטער בבל און נאָכדעם אונטער פּרס. דאָס איינציגע, וואָס דאָס פאָלק האָט איינגעהאַלטן, איז געווען זײַן רעליגיעזע זעלבשטענדיגקייט. די כּהנים האָבן דעריבער פאַרנומען דעם וויכטיגסטן אָרט אינם געזעלשאַפטליכן לעבן פון פאָלק. דעם אָרט פון פריהערדיגן מלך האָט פאַרנומען דער כּהן גדול. אַדאַנק דעם איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש

אין די רעליגיעזע אָנשויאונגען פון פאָלק. דאָס איז באַזונדערס קענטיק אין דעם ספר „תורת כהנים“, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין דער צייט פון עזרא און וועגן וועלכן אונז וועט נאָך אויסקומען צו ריידן שפּעטער. אָבער גראָד צוליעב דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרלאָרן די פּאָליטישע זעלבשטענדיגקייט, איז אַנטשטאַנען אַ בענקעניש נאָך דער גליקליכער פאַרגאַנגענהייט, באַזונדערס נאָך דער צייט פון דוד און שלמה. דוד פאַרנעמט דעם וויכטיגסטן אָרט אין די חלומות פון פאָלק, אַ סך אַ גרעסערן אפילו ווי משה. דאָס איז קענטיק אין דעם גלויבן אין משיח בן דוד, וועלכער איז דאַן אויפגעקומען, אין דעם, וואָס מען האָט צוגעשריבן דעם תהילים דודן, וכדומה. און אויך זיין געשיכטע פון ישראל הייבט אָן דער „דברי הימים“ פון דודן. דאָס אַלץ, וואָס איז געוועזן פאַר דודן, אינטערעסירט אים ניט, ניט די אבות, ניט אפילו משה. וויכטיגער נאָך איז דער אופן, ווי אַזוי ער באַשרייבט דודן. „און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין חברון און די עלטעסטע פון ישראל האָבן געזאַלבט דודן פאַר אַ מלך“. אַזוי הייבט זיך אָן די דערציילונג איבער דודס מלוכה. דאָס אַלץ, וואָס ווערט דערציילט אין שמואל, וועגן די קאַמפן צווישן דודן און שאולן, וועגן דעם, וואָס נאָך שאולס טויט האָט איבערגענומען די מלוכה איבער ישראל ניט דוד, נאָר שאולס זון אישבשת, און ערשט נאָך אַ לאַנגיאָריגער מלחמה און נאָך מער דורך דעם, וואָס די דינער פון אישבשת האָבן אין אים בוגד געווען, האָט זיך דודן איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן די מאַכט איבער גאַנץ ישראל, — דאָס אַלץ ווערט אין „דברי הימים“ פאַרשוויגן. דוד איז דאָרטן גלייך פון אָנפאַנג דער אויסדערוויילטער פון גאַנצן פאָלק. אין „שמואל“ קומט אַלץ פאָר נאַטירליך, מענשליך. „ווי נאַטירליך אַלץ אַנטוויקלט זיך דאָ, וויפיל מענשליכעס קומט דאָ פאָר: — בגידה און רמאות, מלחמה און מאָרד“ (וועלהויזן). אין „דברי הימים“ איז פון דעם קיין שום שפּור ניטאָ. די גאַנצע איבעריגע געשיכטע פון דוד און שלמה איז צוגעשניטן לויט דעמזעלביגן מוסטער. עס ווערט אויסגעמיטן אַלץ וואָס קען אַרויפוואַרפן וועלכן עס איז פלעק אויף זיי. עס ווערט פאַרשוויגן די גאַנצע געשיכטע פון בת שבע, עס ווערט גאָרניט דערמאָנט וועגן שלמהס געצנדינעריי. דערפאַר גיט מען אונז די גענויעסטע אינפאָרמאַציעס וועגן בית־המקדש, ווי דוד האָט אַלץ צוגעגרייט און באַזאָרגט. ניט נאָר אַלע מאַטעריאַלן, ווי גאָלד, זילבער, האָלץ, וכדומה, נאָר אפילו אַ פאַרטיגן פלאַן פאַרן בנין לאָזט דוד איבער זיין זון שלמהן. ער טיילט פונאַנדער די לוויים לויט זייערע ערטער און פונקציעס. (וועגן דעם אַלץ איז אין ספר „שמואל“ קיין סימן ניטאָ.) דיזעלביגע טענדענץ הערשט אין גאַנצן ספר. אַזוי ווערט אין „מלכים א׳ קאַפּיטל ט׳ 11 דערציילט, ווי שלמה האָט אָפּגעגעבן דעם קעניג פון צור צוואַנציק שטעט. („אז נתן שלמה לחירם עשרים עיר בארץ

הגליל״)· דאָס האָט אָבער ניט געפּאַסט צום געשמאַק פון „דברי הימים״־סטייטש! ווי קומט דאָס שלמה צו געבן חירמען צוואַנציק יידישע שטעט! דערציילט ער פאַרקערט, אַז חירם האָט געגעבן שלמהן צוואַנציק שטעט· (״והערים אשר נתן חירם לשלמה בנה שלמה אותם ויושב שם את בני ישראל״)·

דעם וויכטיגסטן אָרט אין „דברי הימים״ פאַרנעמט דער קולט, דער בית המקדש, די כּהנים און לויים שטייען אין מיטלפּונקט· און אַלע דערציילונגען פון די עלטערע ספרים, וועלכע שטימען ניט מיט די שפּעטער־דיגע אָנשויאונגען, ווערן אין דעמזעלבן גייסט איבערגעאַרבעט·

עס איז פאַר אונז אוממעגליך זיך אָפּצושטעלן אויף די אַלע ערטער וואו דער „דברי הימים״ איז סותר די איבעריגע ספרים· אומעטום ווערט אַלץ איבערגעאַרבעט לויט דעמזעלביגן רעצעפּט און אין דעמזעלביגן גייסט·

מיר האָבן געזעהן, ווי אין „דברי הימים״ ווערט די געשיכטע באַ־אַרבעט, ווי דוד, וועלכער ווערט געשילדערט אין „שמואל״ אלס אַ וועלט־ליכער מלך מיט אַלע זיינע חסרונות און מעלות, ווערט אין „דברי הימים״ פאַרוואַנדלט אין אַ הייליגן· די אַנטוויקלונג, וועלכע דאָס פאָלק האָט דורכגעמאַכט, שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם אופן, ווי ער שטעלט זיך פאָר זיין עבר· דאָס איז אויך קענטיג, ווען מען פאַרגלייכט די איבעריגע ספרים איינע מיט די אַנדערע, באַזונדערס די פאַרשיידענע שיכטן פון חומש, ווי דעם „יהוהיסט (J) מיט דעם „תּורת כּהנים״ (P)· אומעטום ווערן די פאַר־העלטעניסן און די אידעאַלן פון די דערציילער אַריבערגעטראָגן אין זייער באַשרייבונג פון דעם עבר·

דעם ערשטן פּרוב אויסצונוצן די רעזולטאַטן פון דער קריטישער תּנך־אויספאָרשונג און אויף דעם יסוד אָנצושרייבן אַ קריטישע געשיכטע פון ישראל האָט געמאַכט דער פּראָטעסטאַנטישער געלערנטער היינריך ע װ א ל ד· פון די יידישע געלערנטע האָט אָנגעשריבן אַ קריטישע געשיכטע פון ישראל דער באַוואוסטער היסטאָריקער היינריך ג ר ע ץ·

אָבער זיי שטייען נאָך ביידע אינגאַנצן אונטער דער השפּעה פון די ראַציאָנאַליסטישע אידייען, וועלכע האָבן געהערשט אין אַכצעגטן און אין נייינצנטן יאָרהונדערט· די אויפבליהונג פון די נאַטורוויסנשאַפטן האָט גע־פירט צום געדאַנקען, אַז אַלע ערשיינונגען, וועלכע מיר טרעפן אין דער נאַטור, זיינען אונטערגעוואָרפן אייביגע נאַטורגעזעצן· קיין אָרט פאַר וואונדער און נסים איז אין דער נאטור ניט געבליבן· אויב אָבער אין דער אויסערליכער וועלט הערשן בלינדע נאַטורגעזעצן, גילט פאַרקערט אין דער מ ע נ ש ל י כ ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט און אין דער ג ע ש י כ ט ע דער מענשליכער ש כ ל· גראַדע אָטדי אומגעהיירע ערפאָלגן פון די נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין דעם כּח פונם מענשליכן

שכל. אַלץ, וואָס די מענשהייט פאַרמאָגט, די גאַנצע מענשליכע קולטור, איז, לויט דער ראַציאָנאַליסטישער שיטה, אַ פּראָדוקט פון דער שכלדיגער מענשליכער טעטיגקייט, און נאָך מער פון דער טעטיגקייט פון איינצלנע גרויסע מענשן. און אויף וויפיל אין דער געשיכטע הערשט יאָ אַן אַנט־וויקלונג, איז דאָס די זעלבשטענדיגע אַנטוויקלונג פון שכל (העגעל). אַז אויך אין דער מענשליכער געזעלשאַפט הערשן אלגעמיינע געזעצן, און אַז דוקא אונזער גייסטיגע קולטור איז ענג פאַרבונדן מיט אונזערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, וועגן דעם האָט מען נאָך ניט געקלערט.

אין די ווערק פון די אויבנדערמאָנטע געלערנטע געפינען מיר די אָפּשפּיגלונג פון אָט די ראַציאָנאַליסטישע אידייען. זיי גלויבן ניט מער אין נסים, זיי ווילן דעריבער אין דער געשיכטע פון ישראל אַלץ דערקלערן „נאַטירליך", אַזוי דערקלערט, למשל, גרעץ „וויסנשאַפטליך" די נסים פון קריעת־ים־סוף, מן, וכדומה. ער וויל אויך באַווייזן, ווי ראַציאָנעל, ווי שכל־דיג עס זיינען די געזעצן פון תורת משה. דערפאַר פעלט אָט דער שיטה אינ־גאַנצן דער חוש פון היסטאָרישער קריטיק. זיי שילדערן די צייט פון די אבות, מצרים און מדבר אַקוראַט, ווי עס ווערט געשילדערט אין חומש. זיי שטעלן זיך גאָרניט די פראַגע, צו איז דאָס, למשל, מעגליך, אַז געזעצן, וועלכע האָבן דעם צוועק צו רעגולירן דאָס לעבן פון אַ פאָלק, וואָס באַ־שעפטיגט זיך שוין מיט ערדאַרבעט, זאָלן אַנטשטיין אין אַ צייט, ווען דאָס פאָלק פירט נאָך אַ וואַנדער־לעבן אין דער מדבר. דיזעלביגע אומקריטישקייט הערשט אויך בנוגע די באַנוצונג פון די פאַרשיידענע מקורים אַלס היסטאָ־רישן מאַטעריאַל. אַזוי דריקט זיך אויס, למשל, גרעץ: „די אונטערזוכונג פון די מקורים, וועלכע דערציילן אונז די אָדער יענע פאַקטן, וואָס גע־הערן צו אַ פריהערדיגער אָדער אַ שפּעטערדיגער צייט, איז באמת גלייכ־גילטיג". דאָס באַווייזט, אויף וויפיל ער האָט ווייניג פאַרשטאַנען די גאַנצע אַנטוויקלונג, וועלכע דאָס פאָלק האָט דורכגעמאַכט און וועלכע שפּיגלט זיך גראַדע אָפּ אַזוי בולט אין די פאַרשיידענע שיכטן פון חומש. די אויבנ־דערמאָנטע געלערנטע האָט זיך ניט איינגעגעבן ריכטיג אויסצונוצן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל, וועלכן מיר האָבן אין תנך.

די נייערע קריטיק (די וועלהויזנשע ריכטונג).

דער נייינצנטער יאָרהונדערט און באַזונדערס זיין צווייטע העלפט, ווערט, להיפוך צו דעם אַכטצנטן, באַהערשט פון די היסטאָרישע וויסנשאַפטן און באַזונדערס פון דעם געדאַנקען פון עוואַליוציע, מיט וועלכן עס זיינען דורכגעדרונגען ניט נאָר די נאַטורוויסנשאַפטן, אָנהייבנדיג פון די אַסטראָ־נאָמישע היפּאָטעזעס וועגן דער אַנטשטייאונג פון אונזער וועלט און ענדי־

גענדיג מיטן דאַרוויניזם, נאָר אויך די געשיכטליכע וויסנשאַפטן. די אייביגע וועלט מיט אירע אייביגע אומפאַרענדערליכע פאָרמעס איז פאַרשוואונדן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין שום זאַך אין דער נאַטור, אין דער לעבעדיגער, ווי אין דער נישט־לעבעדיגער, שטייט ניט אויף איין אָרט, אַלץ באַוועגט זיך, אַלץ אַנטוויקלט זיך. און די וויסנשאַפט האָט זיך אָנגעהייבן צו אינטערעסירן ניט נאָר מיט די זאַכן, ווי זיי זיינען, נאָר נאָך מער, ווי זיי זיינען געוואָרן. אַלץ האָט געקראָגן אַ געשיכטע, אפילו אונזער אייביגע ערד מיט די אייביגע שטערנס. באַזונדערס אויפן היסטאָרישן געביט האָבן זיך אונזערע ידיעות אומגעהייער פאַרמערט. די אויפלייזונג פון די עגיפּטישע יעראָגליפן, און די בבלישע שריפט, די סאַנסקריט־פאָרשונג, ווי אויך די אויספאָרשונגען וועגן דעם לעבן פון די ווילדע און האַלבווילדע פעלקער, האָבן אַוועקגעשטעלט די היסטאָרישע וויסנשאַפט אין אַ נייער לאַגע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער מענשליכער געשיכטע הערשן געוויסע אַלגעמיינע געזעצן, אונטער וועלכע עס זיינען אונטערגעוואָרפן אַלע פעלקער. אַז עס זיינען דאָ פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען און מנהגים, געזעלשאַפטליכע און פאָליטישע איינריכטונגען, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר באַשטימטע קולטור־מדרגות. און אויך די גרויסע מענשן זיינען סוף כל סוף קינדער פון זייער צייט. און וויל מען פאַרשטיין די געשיכטע פון אַ פאָלק, מוז מען קענען די מאַטעריעלע און קולטורעלע פאַרהעלטנישן, אין וועלכע דאָס פאָלק לעבט און האָט געלעבט. עס איז קלאָר, אַז אָטדי נייע אידייען האָבן געמוזט אינגאַנצן איבעראַנדערשן אונזערע פאָרשטעלונגען סיי איבער דער געשיכטע בכלל, סיי וועגן דער געשיכטע פון ישראל בפרט.

די קריטישע אַרבעטן פון פאַטקע, רויס, קוענען, גראַף א. אַ. האָבן באַוויזן, אַז די טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונגען וועגן דער אַנטשטייאונג פון די שיכטן פון חומש, ווי פון דער אנטוויקלונג פון ישראל בכלל, זיינען ניט ריכטיג. זיי האָבן באַוויזן, אַז די טיילן, וועלכע מען האָט ביז דאַמאָלסט געהאַלטן פאַר די עלטעסטע, זיינען אין אמתן די יינגסטע. דורכדעם האָט זיך ממילא געביטן דאָס גאַנצע בילד, וואָס מיר האָבן פריהער געהאַט פון דער געשיכטע פון ישראל.

שטיצנדיג זיך אויף די אַרבעטן פון די אויבנדערמאָנטע געלערנטע און אויף זיינע אייגענע אונטערזוכונגען, האָט דער באַרימטער פראָפעסאָר יוליוס וועלהויזן אין זיינע קלאַסישע ווערק: „פראָלעגאָמענאַ (אַריינפירונג) צו דער געשיכטע פון ישראל” (1878) און געשיכטע פון ישראל און יהודה” (1890) באַאַרבעט פונדאָסניי די געשיכטע פון ישראל. אין זיין גייסט האָבן שפּעטער געשריבן: שטאַדע, גוטע, קאָרניל א. אַ.

די גאַנצע מאָדערנע וויסנשאַפט וועגן תּנך שטיצט זיך נאָך הײַנט אויף די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פֿון װעלהױזן. די װעלהױזנשע ריכטונג איז, ניִשט קוקנדיק אויף דער אָפּאָזיציע מצד די פֿאַרשיידענע לאַגערן און ריכטונגען, קאָנסערוואַטיווע פֿון איין זײַט, און פֿאַנבאַבילאָניסטיש־ראַדיקאַלע פֿון דער צווייטער זײַט, נאָך עד היום די הערשנדיקע. און אַ גרויסן טייל פֿון די רעזולטאַטן, צו וועלכע עס איז געקומען װעלהױזן, האַלטן מיר אויך פֿאַר וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט. מיר וועלן זיך דעריבער אויף דער װעלהױזנשער ריכטונג אָפּשטעלן אַ ביסל אויספֿירלעכער, כּדי זיך צו באַקענען מיט דעם, ווי די הײַנטיקע וויסנשאַפט שטעלט זיך פֿאָר די אַנטוויקלונג פֿון ישׂראל און פֿון זײַן רעליגיע.

די װעלהױזנשע ריכטונג שטעלט זיך קודם־כּל די אויפֿגאַבע צו דערגיין די צײַט, אין וועלכער די ספֿרים פֿון תּנ״ך זײַנען אַנטשטאַנען. ווילן מיר וויסן, אויף וויפֿיל די דערציילונגען פֿון תּנ״ך זײַנען היסטאָריש, מוזן מיר וויסן, ווען זיי זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן און ווי גרויס ס׳איז דער מרחק צווישן דעם דערציילער און דער צײַט, וועגן וועלכער ער דערציילט אונדז. וואָס נעהענטער ער שטייט צו די געשעענישן, וועלכע ער באַשרײַבט, אַלץ מער גלייבן קענען מיר אים שענקען. וואָס ווײַטער ער איז אָבער פֿון זיי, אַלץ ווייניקער קענען מיר זיך פֿאַרלאָזן אויף אים. מען מוז תּמיד נעמען אין אַכט, אַז די שרײַבער טראָגן אַריבער די פֿאַרהעלטענישן פֿון זייער צײַט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. מיר האָבן דאָס שוין געזען אין אונדזער פֿאַרגלײַך צווישן די ספֿרים „דברי הימים“ און „שמואל“ מיט „מלכים“. די אויפֿגאַבע פֿון דעם פֿאָרשער איז אַלזוי דערגיין, אויף וויפֿיל די דערציילונגען זײַנען היסטאָריש אָדער אויף וויפֿיל עס איז אין זיי דאָ אַ היסטאָרישער קערן. אָבער אַפֿילו די דערציילונגען, וואָס זײַנען ניט היסטאָריש אין שטרענגען זין פֿון וואָרט, האָבן דאָך פֿאַר אונדז אַ היסטאָרישן ווערט. זיי באַקענען אונדז מיט די פֿאַרהעלטענישן און דעם קולטור־מצבֿ, אין וועלכן עס האָט זיך געפֿונען דער דערציילער.

די עלטעסטע שיכטן פֿון חומש, דער „יהוהיסט“ און „אלהיסט“, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך די דערציילונגען וועגן די אָבֿות, מצרים, משה א. א. וו. זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין דער צײַט פֿון נאָך שלמה, בערך אין אַכטן און אין נײַנטן יאָרהונדערט. עס שטעלט זיך אַלזוי די פֿראַגע, וואָס פֿאַר אַ היסטאָרישן ווערט האָבן די אויבנדערמאָנטע דערציילונגען?

אַז די דערציילונגען פֿון די אָבֿות זײַנען ניט היסטאָריש, דאָס איז, לויט װעלהױזן, זיכער. קיין שום פֿאָלק ווייסט ניט און קען ניט וויסן די געשיכטע פֿון זײַן אַנטשטייאונג, און צווייטנס, אַנטשטייט ניט קיין שום פֿאָלק דורך די פֿאַרמערונג פֿון איין פֿאַמיליע, ווי עס שטעלט זיך פֿאָר דער חומש, נאָר דורך דער צוזאַמענשמעלצונג פֿון עטלעכע שבֿטים און משפּחות.

דער בעסטער באַווייז, אַז דאָס פאָלק האָט גאָרניש געדענקט פון דער עלטערער צייט, איז דער פאַקט, וואָס מיר ווייסן לגמרי גאָרניט, וואָס מיט די יידן איז געשעהן אין דער צווישנצייט פון יוסף ביז משה, אין וועלכער די פאַמיליע פון יעקב איז אויסגעוואַקסן צו אַ גאַנצן פאָלק. עס איז דעריבער אוממעגליך, אַז דאָס פאָלק זאָל קענען געדענקען פון דער נאָך עלטערער צייט.

די געשיכטעס פון די אבות זיינען אין דער אמתן אָפשפיגלונגען פון די שפּעטערדיגע פאַרהעלטענישן פון ישראל אין כנען, באַזונדערס פון דער ערשטער קעניגסצייט. די אבות, די שבטים, ווי אויך די איבעריגע פערזאָנען, וועלכע, מיר געפינען אין בראשית, ווי למשל, ישמעאל, מואב, עמון, עשו וכדומה שטעלן מיט זיך פאָר די פערזאָניפיצירונג פון די שבטים, ווי אויך פון די פעלקער, וועלכע האָבן געלעבט אין שכנות מיט ישראל. דער קאמף צווישן עשו און יעקב, למשל, איז דער אויסדרוק פון די קאַמפן צווישן ישראל און אדום אין דער צייט פון דוד. אויך די איבעריגע דער־ציילונגען פון בראשית, ווי די געשיכטע פון יוסף, ישמעאל א. אַ. זיינען אָפשפיגלונגען פון שפּעטערדיגע פאַרהעלטענישן. אין דעם לעבן פון די אבות האָט דאָס פאָלק אויסגעדריקט אין דער פאַרגאַנגענהייט זיין אייגענע געגנוואַרט.

אַנדערע דערציילונגען פון בראשית האָבן דעם צוועק צו דערקלערן פונוואַנען ס׳נעמען זיך די הייליגע ערטער, וועלכע די יידן האָבן געהאַט. אַזוי ווערט דערציילט, אַז בית אל איז דעריבער הייליג, ווייל אברהם האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח, ווען ער האָט אויסגעוואַנדעט פון חרן, אין אַ צווייטן אָרט ווערט דיזעלביגע געשיכטע דערציילט וועגן יעקבן: ווען יעקב איז אַנטלאָפן פון זיין ברודער עשו צו לבנען, האָט ער זיך אויפן וועג אָפּגעשטעלט דאָרטן גענעכטיגן, און האָט געזעהן ביידערנאַכט דעם באַרימטן חלום (מיט די מלאכים און דעם לייטער).

ערשט מיט יציאת מצרים הייבט זיך אָן די געשיכטע פון ישראל. הגם אויך דאָ שטייען מיר נאָך ניט אויף אַ זיכערן היסטאָרישן באָדן, דאַרף מען דאָך גלויבן, אַז די דערציילונגען איבער יציאת מצרים און די איינ־וואַנדערונג אין כנען האָבן אַ היסטאָרישן קערן. אויך די ידיעות, וועלכע מיר געפינען אין תנ״ך וועגן די פאַרהעלטענישן אין כנען פאַר דעם, ווי די יידן האָבן דאָס לאַנד איינגענומען, שטימען צו דעם בילד, וועלכן מיר האָבן איבער כנען פון די אַזויגערופענע „טעל־אַמאַרנאַ״ בריוו. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז וועלכע עס איז דענקמאָלן, וואָס שטאַמען פון דער צייט פון משה, האָבן מיר ניט. די עלטעסטע דערציילונגען פון „יהוהיסט״ זיינען אָנגעשריבן געוואָרן, ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, אין דער צייט פון נאָך שלמהן.

באַזונדערס וויכטיג איז פאַר אונז די פראַגע, וואָס פאַר אַ היסטאָרישן ווערט האָבן די דערציילונגען וועגן באַרג סיני און מתן תורה: צי איז טאַקע ריכטיג, ווי עס ווערט דערציילט אין חומש, אַז משה האָט ביים באַרג סיני געגעבן די יידן די תורה? און אויב דאָס איז ניט ריכטיג, וואָס איז דער גרונט פון יענעם גלויבן? פון וואַנען נעמט זיך ביים פאָלק דער גלויבן אין דער געוואַלטיגער באַדייטונג פון יענער צייט?

אַז די תורה שטאַמט ניט פון משהן, דאָס האָבן שוין איינגעזעהן די עלטערע געלערנטע. דאָס איז קענטיג סיי פון דעם אינהאַלט פון די דערציילונגען, סיי פון דעם כאַראַקטער פון די געזעצן, וועלכע זיינען אַלע צוגעפּאַסט צו דעם לעבן פון כנען. די תורה איז אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגדויערנדיגן היסטאָרישן פּראָצעס, וועלכן דאָס פאָלק ישראל האָט דורכגעמאַכט. אַ געוויסער אמת איז אָבער אין די דערציילונגען דאָך דאָ: מיט משהן פ אַ ר ע נ ד י ג ט זיך ניט די אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע, ווי עס מיינט דער חומש. מיט משהן הייבט זי זיך ערשט אָן. וואָס עס איז געווען די רעליגיע פון די יידן פאַר משהן, איז שווער צו זאָגן, בכל אופן, איז יהוה ערשט דורך משהן געוואָרן דער גאָט פון ישראל. דאָס איז קענטיג פון די דערציילונגען פון דעם „אלהיסט" און „תורת כהנים", לויט וועלכע גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט מיטן נאָמען „יהוה" נאָר צו משהן, צו די אבות אָבער — מיטן נאָמען „אל שדי". פון דעם איז אַלזאָ קלאָר, אַז פ אַ ר משהן האָט מען פון יהוהן נאָך ניט געוואוסט.

ווי עס רעכענען די מייסטן געלערנטע, איז יהוה פריהער געוואָרן דער גאָט פון די קינים, וועלכע האָבן געלעבט ביים באַרג סיני (ווי דאָס איז קענטיג פון די דערציילונגען איבער יתרו) און פון וועלכע דער גלויבן אין יהוהן איז אַריבער צו די יידן. יעדנפאַלס, ערשט ביים באַרג סיני איז יהוה געוואָרן דער גאָט פון ישראל. דאַן, ווען אונטער משהס פירונג האָבן זיך די יידן פאַראייניגט צו איין פאָלק. די געשיכטע פון דער רעליגיע הייבט זיך אָן גלייכצייטיג מיט דער געשיכטע פון פאָלק און משה דער באַפרייער פון פאָלק, ווערט אויך דער גרינדער פון דער רעליגיע.

אינם מדבר איז שוין געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע אין ישראל. יהוה איז נאָך ניט געווען דער א י י נ צ י ג ע ר גאָט, דאָס איז ער ערשט געוואָרן שפּעטער דורך די נביאים. ער איז אָבער געוואָרן דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר גאָט, „יהוה, דער גאָט פון ישראל, ישראל, דאָס פאָלק פון יהוה"—דאָס איז דער אָנהייב און דער בלייבנדיגער פּרינציפּ פון דער גאַנצער ווייטערדיגער פּאָליטיש־רעליגיעזער געשיכטע. כל זמן ישראל איז ניט געווען, איז יהוה ניט געווען. פון דער אַנדערער זייט אָבער זיינען אויך די נביאים גערעכט, ווען זיי מיינען, אַז יהוה איז דער, וואָס האָט געשאַפן און „געבוירן"

ישראל (וועלהויזן). אַלס נאַציאָנאַלער גאָט איז ער אויך ממילא דער גאָט פון מלחמה, וועלכער באַשיצט דאָס פאָלק פון זיינע שונאים (יהוה איש מלחמה). יהוה איז אויך געוואָרן דער היטער פון דער אינווייניגסטער סאָציאַלער אָרדנונג. אין זיין נאָמען זיינען געגעבן געוואָרן די געזעצן. יהוה איז אויך אַזאַ אופן פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ נאַטורגאָט, וואָס ער איז געווען ביים באַרג סיני, אין אַ גאָט פון דער געשיכטע. דער גאַנצער לעבן פון פאָלק, סיי דער אויסערער, סיי דער אינווייניגסטער איז געוואָרן אָפּהענגיג פון יהוהן. יהוה האָט געקראָגן אַ העכערע באדייטונג און אַ טיפערן מאָראַלישן אינהאַלט. די גאַנצע ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון יהוהיזם דורך די נביאים האָט שוין איר אָנהייב אין דער צייט פון משה.

מיטן פאַרנעמען פון כנען הייבט זיך אָן דער צווייטער עטאַפּ אין דער געשיכטע פון ישראל. די יידן וואַרפן אַוועק זייער אַלטן סדר לעבן און נעמען זיך צו ערדאַרבעט. די פאַסטוכער ווערן פּויערים. דער לעבן פון פּויער איז אָבער אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי דער לעבן פון אַ פאַסטוך. ער איז מער צוגעבונדן צו זיין אָרט, צו דער ערד וואָס ער באַאַרבעט. ערשט דורך דעם ווערט מעגליך אַ ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון דער קולטור. די נייע לאַגע האָט אָבער אויך געבראַכט אַ געפאַר פאַר דאָס איינהאַלטן פון יהוהיזם, וועלכן די יידן האָבן געבראַכט פון מדבר.

פאַרנעמענדיג כנען, האָבן די יידן דאָרטן געפונען אַ באַפעלקערונג מיט אַ גאַנץ הויכער קולטור. די כנענים האָבן ניט נאָר געקענט די ערדאַרבעט, זיי האָבן שוין אויך געהאַט אַן אַנטוויקלטע שׂטאָטישע קולטור. זיי האָבן שוין אפילו באַנוצט די בבלישע שריפט (קיילשריפט). און די ערשטע צייט זיינען די יידן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון דער כנענישער קולטור. ניט נאָר די ערדאַרבעט און אַלץ, וואָס איז נוגע דער פּויערשער קולטור, נאָר אויך זייערע זיטן און זייערע רעליגיעזע מנהגים האָבן די יידן ביי זיי איבערגענומען. די רעליגיע ווערט צונויפגעוואָקסן מיטן נייעם לעבן. דאָס איז באַזונדערס קענטיג אין די יום־טובים, וועלכע זיינען אינגאַנצן צוזאַמענגעבונדן מיטן לעבן פונם פּויער. יהוה, דער גאָט פון מדבר, ווערט דער גאָט פון אַקער. ער ווערט ענליך צום אַלטן כנענישן גאָט בעל. טיילווייז האָבן די יידן געדינט אפילו דירעקט דעם בעל. די אַנטוויקלונג איז אָבער ניט פאָרגעקומען אינגאַנצן פרידליך. עס זיינען געווען טיילן פון פאָלק, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי די אַלטע זיטן פון מדבר און האָבן געקעמפט קעגן דאָס צונויפמישן פון בעל מיט יהוה, עס איז פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן יהוה און בעל, וועלכער איז געווען דער אויסדרוק פונם קאַמף צווישן דעם אַלטן און נייען לעבן.

די סכּנה פאַרן יהוהיזם איז נאָך געוואָרן גרעסער דורך דער צעבּרעק־לונג פון פאָלק.

אין כּנען איז זיך דאָס פאָלק פונאַנדערגעפאַלן אויף איינצלנע שבטים, און נאָר זעלטן, אין צייטן פון מלחמה, ווי למשל בּיי דבורהן, פלעגן זיי זיך פאַראייניקן. יהוה איז אָבער געווען, ווי מיר האָבּן שוין געזעהן, דער נאַציאָנאַלער גאָט, וועלכער האָט פאַרקערפּערט די א י י נ ה י י ט ל י כ ק י י ט פון פאָלק. אָבער אָהן אַ איינהייטליכן פאָלק איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַלער גאָט.

די קאַמפּן מיט די שכנותדיגע פעלקער און בּאַזונדערס די מלחמות מיט די פלשתים צווינגען דאָס פאָלק זיך צו פאַראייניגן. אויף דעם בּאָדן וואַקסט אויס דאָס קעניגטום. שאול, דער ערשטער מלך, האָט נאָך אויס־צושטיין שווערע קאַמפּן מיט די פלשתים. ערשט דודן גיט זיך איין מנצח צו זיין די אַרומיגע פעלקער און צו פאַרפעסטיגן די מלוכה. דורכדעם איז בּאַזייטיגט געוואָרן די געפאַר פאַרן יהוהיזם. דורך דודס נצחונות איז דער נאַציאָנאַלער בּאַוואוסטזיין בּיים פאָלק אויסגעוואַקסן. מיט דער אַנטשטייאונג פון דער מלוכה האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ אינוויינינגסטע רעכטליכע אָרדנונג. דאָס אַלץ האָט פונדאַסניי פאַרפעסטיגט דעם יהוהיזם.

צוזאַמען מיטן קעניגטום און נאָך פיל פריהער פאַר אים וואַקסט אויס אין ישראל די שטאָטישע קולטור. שלמה פירט אויך איין אַ גאַנצע רייע אַדמיניסטראַטיווע און פּאָליטישע רעפאָרמעס. עס ווערט איינגעפירט די קעניגליכע אַדמיניסטראַציע, וועלכע פאַרנעמט דעם אָרט פון די זקנים פון די משפחות און שבטים. ישראל ווערט צעטיילט אויף אַדמיניסטראַ־טיוו־טעריטאָריאַלע פּראָווינצן, אנשטאָט דער פריהערדיגער שבטים־צעטיי־לונג. אויך דאָס מיליטער ווערט רעאָרגאַניזירט. פריהער איז בּיי די יידן געווען נאָר אַ פוס־חייל, איצט ווערן אויך איינגעפירט ר י י ט וו אָ ג נ ס. שלמה בּרענגט פערד פון מצרים *). (אין פּאַלעסטינע זיינען קיין פערד ניט געווען; אין דער פויערשער בּאַלעבּאַטישקייט האָט מען געבּרויכט רינדער). נאָך וויכטיגער איז דאָס איינפירן פון געדונגענע שטענדיגע מי־ליטער. שוין בּיי דודן געפינען מיר די כּרתי ופלתי. דאָס האָט געפירט צו אַ פאַרשטאַרקונג פון דער קיניגליכער מאַכט. מיטן קעניגטום און דער שטאָטישער קולטור הייבּט אָן אין ישראל אַריינצודרינגען די אויסלענדישע קולטור. עס אנטשטייען האנדל־בּאַציהונגען מיטן אויסלאַנד. די שררות און די מלכים הייבּן זיך אָן צו פירן נאָכן שטייגער פון די מצרישע און בּבלישע שררות און מלכים, עס אַנטשטייט דער קעניגליכער הויף. שלמה בּויט אפילו טעמפּלען פאַר די געטער פון זיינע אויסלענדישע ווייבּער.

*) פאַר די פערד פלעגן די יידישע מלכים אָפּטמאָל בּאַצאָלן מיט יידישע סאָלדאַטן. זעה ז. 59

מיט דער אַנטשטייאונג פון קעניגטום קומט אויך פאָר אַ גרעסערע סאָציאַלע דיפערענצירונג פון פאָלק. די מלוכה הוצאות ווערן פאַרגרע־סערט. עס וואקסן די שטייערן. שלמה פירט אפילו איין צוואַנגארבעט. אַ גרויסער טייל פון פאָלק ווערט פאַרשולדיגט און איז געצוואונגען זיך צו פאַרקויפן פאַר קנעכט. אַנדערע פאַרקויפן זייערע פעלדער. ווען פון איין זייט ווערט איין טייל פון פאָלק פאַראָרעמט, ווערט אַ צווייטער טייל אויף זיין חשבון באַרייכערט. דער לוקסוס פאַרגרעסערט זיך און צוזאַמען מיט דעם אויך די אומגערעכטיגקייט פון די הערשנדיגע קלאַסן.

דאָס פאָלק, וואָס האָט ניט געקענט אויסהאַלטן די שווערע לאַסטן, האָט ענדליך נאָכן טויט פון שלמה אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון דער דעספּאָטיע. עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אויף צוויי טיילן — יהודה און ישראל.

מיר שטייען דאָ איצט פאַר דער וויכטיגסטער און אינטערעסאַנט־סטער פּראָבלעמע פון אַלטן ישראל — די נביאים. אונטער נביאים פאַרשטייט מען געוויינליך מענשן, וואָס זאָגן פאַרויס די צוקונפט, אָדער בכלל בעלי מופתים. לכתחלה האָבן טאַקע די נביאים געטראָגן אַזאַ כאַ־ראַקטער, און אפילו אלישע איז נאָך דורך און דורך אַ בעל מופת. עס איז אבער אַ טעות ווען מען שטעלט זיך פאָר די שפּעטערדיגע נביאים אַלס אַזעלכע. זיי באַשעפטיגן זיך וויינציגער ווי אַלץ מיט פאַראויסזאָגן די צוקונפט. זיי אינטערעסירט נאָר די געגנוואַרט. און אויב זיי זאָגן פאַרויס די צוקונפט, איז דאָס אַ פועל יוצא פון זייער אָפּשאַצונג פון דער געגנוואַרט און פון ווילן ווירקן אויף דער געגנוואַרט. די נביאים זיינען פּאָליטיקער. זיי נעמען דעם שטאַרקסטן אַנטייל אין דעם פּאָ־ליטישן לעבן פון ישראל, סיי דעם אינערליכן, סיי דעם אויסערליכן. וויכ־טיג אָבער פאַר דאָס ריכטיגע פאַרשטיין פון די נביאות איז נאָך אַן אייגנ־שאַפט. דאָס איז איר אָפּאָזיציאָנעלער כאַראַקטער. די נביאים שטייען ניט אין דינסט פון די מלכים, נאָר פאַרקערט זיי באַקעמפן זיי. געוויינליך זיינען דאָס ניט אַלע, און דער רוב איז גראדע באַשטאַנען פון אַזעלכע נביאים, וואָס האָבן נביאות געזאָגט אין די אינטערעסן פון די מלכים. און עמוס וויל זיך אפילו ניט רופן מיטן נאָמען "נביא" (לא נביא אני ולא בן נביא) אָבער די נביאים, וועגן וועלכע מיר ריידן דאָ, און די וועלכע האָבן זיך, הגם ניט אין זייער צייט, נאָר שפּעטער, דאָך אַרויסגעוויזן אַלס זיגער, זיינען געוועזן אָפּאָזיציאָנעל און אפילו רעוואָ־ליוציאָנער. (צוליב דעם, וואָס ביי די נביאים פאַרנעמט דעם וויכטיגסטן אָרט די שטראָף, וועלכע יהוה וועט ברענגען איבער ישראל, און די נביאות איבערן אונטערגאַנג פון פאָלק, רופט מען זיי אויך די „פורעניות־נביאים".)

דער ערשטער פֿון די אָפּאָזיציאָנעלע נביאים איז געווען א ל י ה ו, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פֿון אַחאָב. די אויסלענדישע קולטור און די פֿרעמדע קולטן האָבן דאַמאָלסט פֿאַרכאַפּט גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק; פֿאַרן בעל האָט מען געבויט טעמפּלען, ווי פֿאַר יהוה. עס זיינען אפילו אויפֿגעקומען בעל־נביאים. אָט אין יענער צייט איז אליהו אַרויסגעטראָטן קעגן דעם ס י נ ק ר ע ט י ז ם, ד. ה. דעם צוזאַמענמישן פֿון פֿאַרשיידענע גלויבנס. מען קען ניט דינען מיט איינמאָל צוויי געטער — מען דאַרף נעמען אָדער בעלן, אָדער יהוה׳ן (עד מתי אתם פּוסחים על שתי הסעפים? אם יהוה הוא האלהים, לכו אחריו! ואם הבעל, לכו אחריו!)

אזוי אָבער, ווי דער בעל־דינסט און דער סינקרעטיזם זיינען געווען די אָפֿיציעלע אידעאָלאָגיע פֿון די הערשנדיגע קלאַסן, האָט אליהו אויך געפֿירט אַ קאַמף קעגן דער קעניגליכער ווילקיר און דער סאָציאַלער אומגערעכטיגקייט. דאָס איז באַזונדערס קענטיג אין דער דערציילונג פֿון נבות.

אין יענער צייט טרעפֿן מיר אויך דעם „אָרדן" פֿון די ר כ ב י ם. זיי טרעטן אַרויס מיט נאָך אַ ראַדיקאַלערן אידעאַל. זיי פֿאַרוואַרפֿן דעם קולטורלעבן בכלל, זיי זאָגן זיך אָפּ פֿון דער ערדארבעט, פֿון וואוינען אין געבויטע הייזער און פֿון טרינקען וויין, — אַלץ סימנים פֿון דעם דאַמאָלסדיגן קולטורעלן אַגראַרלעבן. זיי לעבן אַ נאָמאַדןלעבן אין געצעלטן. אויך די נ ז י ר י ם זאָגן זיך אָפּ פֿון וויין.

דורך משה איז יהוה געוואָרן נאַציאָנאַל, דורך די נביאים איז ער געוואָרן א י ב ע רנאַציאָנאַל און א ו נ י ו ו ע ר ס אַ ל. דורך דער פֿאַראייניגונג פֿון פֿאָלק און אַנטשטייאונג פֿון קעניגטום איז יהוה געוואָרן דער נאַציאָנאַלער גאָט; דורך דעם אונטערגאַנג פֿון פֿאָלק — דער אוניווערסאַלער. ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן מעגליך, אַז יהוה זאָל ניט אונטערגיין מיטן פֿאָלק צוזאַמען? דאָס דערקלערט די וועלהויזנשע שולע אזוי: פֿאַר די נביאים איז יהוה ניט דער גאָט פֿון פֿאָלק, וועלכער העלפֿט אים אין יעדער צייט קעגן זיינע שונאים, וועלכן מען קען פֿון פֿאָלק ניט אָפּטיילן, אַזוי אז די נצחונות און מפּלות פֿון ישראל זאָלן אויך האָבן געווען די נצחונות און מפּלות פֿון יהוה. יהוה איז ביי די נביאים קודם כּל אַ זיטליכער גאָט, אַ העכסטער ווען, וואָס איז באַגרינדעט אויף מאָראַל און יושר, און די אומגליקן פֿון ישראל זיינען ניט קיין פּועל־יוצא פֿון דעם, וואָס יהוה ק ע ן דעם פֿאָלק ניט העלפֿן, נאָר ווייל ער ו ו י ל דעם פֿאָלק ניט העלפֿן, ווייל דאָס פֿאָלק האָט קעגן יהוה געזינדיגט. ניט צוליב דעם, ווייל אשור איז שטאַרק נעמט ער איין די וועלט, נאָר ווייל יהוה ו ו י ל אַזוי, ווייל אשור איז בלויז אַ געצייג אין די הענט פֿון יהוה. דער קאַמף צווישן די פֿעלקער איז ניט מער קיין קאַמף צווישן זייערע געטער, ווי דאָס פֿאָלק

האָט זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט. יהוה איז דער הערשער פון דער גאַנ־צער וועלט, און אין זיינע הענט ליגט דער גורל פון אַלע פעלקער. אַ נייער אוניווערסאַליסטישער שטאַנדפונקט באַהערשט די נביאים און ווערט ביי זיי אַ מאָראַלישער פרינציפּ. די זיטליכע אדער אומזיטליכע מעשים פון מענשן און פעלקער, — דאָס באַשטימט זייער גורל, זייער גליק און אומגליק. אין די צרות און אומגליקן פון פאָלק האָבן די נביאים געזעהן ניט יהוהס שוואַכקייט, נאָר יהוהס שטראַפנדיגע האַנט. עס איז קלאָר, אַז דאָס האָט געמוזט מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער גאַנצער רעליגיעזער וועלטאַנשויאונג פון יענער צייט. דער מאָראַלישער גאָט, וועלכער קען זיין פאָלק ניט נאָר העלפן, נאָר אויך שטראָפן, ווערט דורכ־דעם אומאָפּהענגיג פון פאָלק, ער ווערט איבערנאַציאָנאַל. אָבער אויך די, דורך וועמען דאָס פאָלק ווערט געשטראָפט, זיינען ניט מער ווי אינסטרו־מענטן אין די הענט פון יהוה, און אשור איז די רוט, מיט וועלכער יהוה שטראָפט ישראל. דורכדעם ווערט יהוה דער גאָט פון אַלע פעלקער־ער ווערט אוניווערסאַל.

אין דער צייט, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אָטדי אַנטוויקלונג פון דעם רעליגיעזן געדאַנק אין ישראל, איז אויפגעקומען די גרויסע אשורישע וועלט־מלוכה, וועלכע האָט איינגענומען כמעט דעם גאַנצן מזרח. די אַלע זעלבשטענדיגע, איינע פון די אַנדערע אָפּגעזונדערטע און אָפּגעגרענעצטע מלוכות זיינען פאַרשוואונדען. די גרענעצן צווישן די פעלקער זיינען צע־שטערט געוואָרן. דער פּאָליטישער האָריזאָנט איז ברייטער געוואָרן. דאָס האָט מיט זיך געבראַכט אַ סכנה פאַר דער קולטורעלער און רעליגיע־זער זעלבשטענדיגקייט פון ישראל. די בבליש־אשורישע קולטור האָט אָנגעהייבן אַריינצודרינגען אין ישראל. אָבער גראָדע דער קאַמף קעגן דער פרעמדער קולטור האָט נאָך מיטגעהאָלפן צו דעם נצחון פון די נביאימשע אידעען.

מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן צו געבן אַ געשיכטע פון די נביאים, ווי וועלהויזען און זיינע תלמידים פאַרשטייען איר. פון די על־טעסטע נביאים ווייס מען איבערהויפּט זייער ווייניג. דער ערשטער נביא, וועמעס נביאות ס׳זיינען פאַרשריבן געוואָרן, איז עמוס (אַרום 750 פאַר קר.). ער האָט געשטאַמט פון יהודה, איז אָבער אַוועק אין ישראל, ווייל דאָרטן איז יעמאָלט געווען דער גייסטיגער צענטער פון פאָלק.

אָבער נאָכדעם ווי ישראל האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם קאַמף מיט אשור און איז געפאַלן (722), האָט יהודה איבערגענומען די גייסטיגע ירושה פון ישראל.

די נביאים האָבן אָנגעהייבן זייער קאַמף קעגן דער פרעמדער קול־טור, אַלס איבערגעגעבענע אָנהענגער פון דעם אַלטן נאַציאָנאַלן גלויבן.

אָבער ביסלעכווייז איז אומבאַוואוּסט פֿאַר זיי אַליין נאָר אַלס אַ פּועל־יוצא פֿון אָטדעם קאַמף, דער אַלטער יהוהיזם איבערגעאַנדערשט געוואָרן. דער נביאישער גלויבן איז ניט געווען שוין, ווי זיי האָבן געמיינט, דער אַ ל ט ע ר גלויבן, און דער גאָט פֿון די נביאים איז ניט געווען מער דער יהוה פֿון דער מדבר. מיר האָבן שוין געזען, ווי יהוה איז געוואָרן אַ זיטליכער און אוניווערסאַלער גאָט. דאָס האָט אויך געפֿירט צו דעם, ער זאָל ווערן מער פֿ אַ ר ג ײ ס ט י ג ט, ווייניגער קערפּערליך. אַ גאָט וועלכער איז אוניווערסאַל, וועלכער איז ניט צוגעבונדן צו קיין שום באַשטימטן אָרט און פֿאָלק, מוז שוין ממילא ווערן פֿאַרגייסטיגט, נאָך מער, ווען ער איז לויט זיין מהות דורך און דורך אַ זיטליכער גאָט. אַזאַ גאָט קען מען אָבער ניט דינען דורך קערפּערליכע מאַטעריעלע קרבנות, מען קען אים אויך ניט פֿאָרשטעלן אין בילדער. אַ זיטליכן און גייסטיגן גאָט קען מען דינען נאָר זיטליך און גייסטיג. עס אַנטשטייט די „עבודה שבלב" — די ליבע צו גאָט און צו די מענשן — דאָס איז וויכטיגער פֿאַר אַלץ.

די אידייען פֿון די נביאים הייבן אָן ביסלעכווייז אַריינצודרינגען אין ברייטערע שיכטן פֿון פֿאָלק, שוין ישעיהו זאַמלט אַרום זיך תּלמידים. עס אַנטשטייט אַ נביאישע ר ע פֿ אָ ר ם פּ אַ ר ט ײ, וועלכע קעמפֿט פֿאַרן דורכפֿירן די נביאישע אידייען אין לעבן. און דער קעניג חזקיהו מאַכט דער ערשטער א פּרוּבּ פֿון אַ רעליגיעזער רעפֿאָרמע, ער רייניגט אָפּ דעם בית המקדש אין ירושלים. ער שאַפֿט אָפּ די אשרה און צעשמעטערט די קופּערנע שלאַנג, וועלכע האָט זיך דאָרטן געפֿונען. עס איז ניט באַקאַנט, אויף וויפֿיל אין דער רעפֿאָרמע האָט אַנטייל גענומען ישעיהו, מען דאַרף אָבער גלויבן, אַז זי איז געוויס דורכגעפֿירט געוואָרן אונטער זיין השפּעה.

נאָך חזקיהוס טויט הייבט זיך ווידער אָן אַ רעאַקציע קעגן דער נביאישער רעפֿאָרם־באַוועגונג. זיין זון מנשה פֿירט ווידער איין די פֿרעמדע קולטור, די נביאישע פּאַרטיי ווערט אונטערדריקט. די לעגענדע דערציילט אפֿילו, אַז דער נביא ישעיהו איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון דער רעאַקציע.

ערשט אונטער יאשיהו האָט זיך דער רעפֿאָרם־פּאַרטיי ווידער איינגעגעבן צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט און דורכצופֿירן אַ גאַנצע רייע רעפֿאָרמעס. אין מלכים ווערט דערציילט, דאָס אין 18 יאָר פֿון קיניג יאשיהו (621) האָט מען אין בית־המקדש געפֿונען פֿאַרבאַהאַלטן אַ ספֿר, וועלכן דער כּהן חלקיהו האָט איבערגעגעבן דעם מיניסטער שפֿן, און דער לעצטער האָט דאָס געבראַכט צום מלך יאשיהו. אונטער דער ווירקונג פֿון אָטדעם ספֿר איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ רעפֿאָרם פֿון גאַנצן גאָטסדינסט. דער ספֿר וועלכער איז דאַן געפֿונען געוואָרן, איז דער ספֿר „דברים", וועלכער אַנטהאַלט אין זיך די רעליגיעזע און סאָציאַלע פּראָגראַם פֿון דער רעפֿאָרם־

פּאַרטיי· דער ריינער יהוה־קולט אָהן במות און בילדער, און די סאָציאַלע גערעכטיגקייט, — דאָס איז דער הויפּט־אינהאַלט פון דעם ספר.

אָבער אינגיכן האָט דער גורל פון ישראל געטראָפן אויך יהודהי דעם אָרט פון דער אשורישער וועלט־מלוכה האָט פאַרנומען די בבלישע און אין יאָר 586 האָט נבוכדנצר איינגענומען ירושלים, צעשטערט די שטאָט און דעם בית המקדש און אַ גרויסן טייל פון פאָלק פאַרטריבן אין בבל.

די פינסטערע נביאות פון די אַלטע נביאים איז מקוים געוואָרן. ירושלים איז צעשטערט געוואָרן. דאָס פאָלק פאַרטריבן אין גלות און יהודה איז געוואָרן אַ בבלישע פּראָווינץ. דאָס פאָלק אָבער, וועלכע האָט אָנגעוואָרן זיין פּאָליטישע זעלבשטענדיגקייט האָט דאָך איינגעהאַלטן זיין נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע זעלבשטענדיגקייט. אין בבל איז דאָס פאָלק ניט אונטערגעגאַנגען, נאָר פאַרקערט, האָט זיך נאָך שטאַרקער צוזאַמענגעשלאָסן. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעט פון די נביאים איז ניט געווען אומזיסט. יהוה איז דורך זיי געוואָרן דער זיטליכער און אויך דער אַלמעכטיגער גאָט. און גראַדע אין דעם גרויסן פאָלקאומגליק האָט דאָס פאָלק געזעהן יהוהס שטראָף. אָבער צוזאַמען מיט דעם קומט אויף אַ נייער געדאַנק: יהוה, וועלכער האָט געשטראָפט ישראל פאַר זיינע זינד, וועט זיך סוף כל סוף ווידער דערבאַרעמען אויף זיין פאָלק און וועט אים אויסלייזן פון גלות. שוין ביי די אַלטע נביאים באַמערקט זיך דער געדאַנק, אַז נאָך דער שטראָף וועט זיך יהוה ווידער אומקערן צו זיין פאָלק, יהוה קען זיין פאָלק ניט פאַרלאָזן אויף אייביג, ער קען אים שטראָפן, אָבער ניט אַוועקוואַרפן. דאָך האָט ביי יענע נביאים די שטראָף געמוזט פאַרנעמען דעם וויכטיגסטן אָרט. אַנדערש איז דאָס איצט. די נביאים האַלטן פאַר זייער חוב דערהאַלטן אין פאָלק די האָפענונג אויף יהוה, טרייסטן אים און שטאַרקן אים, ער זאָל זיך ניט פאַרלירן צווישן די פעלקער, וואו ער געפינט זיך. באַזונדערס איז קענטיג דער איבערגאַנג ביי יחזקאל. כל זמן ירושלים האָט זיך נאָך געהאַלטן, האָט ער נביאות געזאָגט, אַז זי וועט אונטערגיין. מיט דעם מאָמענט אָן, וואָס ירושלים איז געפאַלן, ענדערט זיך גלייך דער אינהאַלט פון זיינע נביאות. דעם וויכטיגסטן אָרט פאַרנעמען שוין ביי אים די הבטחות און די האָפענונגען. ער מאָלט אויס בילדער פון דער צוקינפטיגער יידישער מלוכה, ווי אויך פון דעם אונטערגאַנג פון די שונאים. נאָך אַ גרעסערן אָרט פאַרנעמט די נחמה־נביאות ביי דעם גרעסטן נביא פון נאָכן גלות, וועמעס נביאות עס געפינען זיך אין איצטיגן ספר ישעיהו. מען רופט אים „ישעיהו דער צווייטער"*). אין זיין צייט האָט כורש איינגענומען בבל, און דער נביא האָט אין דעם געזעהן יהוהס האַנט — כורש איז

*) זעה „אַנטשטייאונג פון תנ"ך".

יהוהס שליח, דער געזאַלבטער יהוהס, וועלכער צעשטערט בבל און וועט ווידער אויפבויען ציון. די נייע צייט איז אָנגעקומען. יהוה קערט זיך ווידער אום צו זיין פאָלק און יהודה צוריק אין זיין לאַנד.

כורש האָט דערלויבט די יידן אומצוקערן זיך צוריק אין יהודה. מיט דעם צוריקקערן זיך פון גלות הייבט זיך אָן אַ ווייטערדיגער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון פאָלק. איינגאַנצן זעלבשטענדיג זיינען די יידן ניט געוואָרן. פּאָליטיש זיינען זיי געבליבן אַ פּערסישע פּראָווינץ, נאָר אויפן רעליגיעזן געביט זיינען זיי געוואָרן זעלבשטענדיג. אַדאַנק דעם האָט זיך די גאַנצע ענערגיע פון פאָלק קאָנצענטרירט אויפן רעליגיעזן גע־ביט. יהודה איז געוואָרן אַ רעליגיעזע געמיינדע. דער פּראָצעס האָט זיך נאָך אָנגעהייבן אין בבל. כדי איינצוהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן קיום, האָבן די יידן געמוזט זיך אָפּשליסן פון די איבעריגע פעלקער און זיך האַלטן פעסט אָן די אייגענע זיטן. אַ וויכטיגע ראָלע האָט גע־שפּילט אין בבל און אויך דערנאָך אין יהודה די געפאַר פון צונויפמישן זיך מיט דער איבעריגער באַפעלקערונג. באַזונדערס די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך מתחתן געווען מיט נישט־יידן, די יידישע קינדער האָבן אַפילו קיין העברעאיש ניט גערעדט, ווי עס ווערט דערמאָנט אין עזרא און נחמיה, וועלכע האָבן קעגן דעם געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף. זיי האָבן דורכגעפירט די אָפּשיידונג און די אָפּזונדערונג פון די יידן פון די איבעריגע פעלקער.

דער גייסטיגער אויסדרוק פון יענער צייט איז דער ספר: „תורת כהנים", אין וועלכן דעם וויכטיגסטן אָרט פאַרנעמט דער קולט. דאָרטן ווערט געלייגט דער הויפּט געוויכט ניט אַזוי אויפן מאָראַלישן אינ־האַלט, ווי אויף דער אויסערליכער ריינקייט און הייליגקייט. דעם וויכטיגסטן אָרט אין עם פאַרנעמען די באַשרייבונגען און געזעצן וועגן משכן, קרבנות, כהנים, הלכות טומאה וטהרה וכדומה. די פרייע אַנטוויק־לונג איז מיט דעם פאַרענדיגט. דאָס פאָלק האָט שוין איצט אַ געשריבענע תורה, וועלכע מען קען נאָר אויסטייטשן, אָבער צוגעבן ניַיס קען מען שוין נישט. קיין אָרט פאַר נביאים איז שוין אין יהודה מער ניט געבליבן. זייער אָרט האָבן פאַרנומען די געלערנטע (די סופרים), וועמעס אויפגאַבע עס איז, די תורה צו דערקלערן און אויסצוטייטשן.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער גייסטיגער לעבן פון פאָלק האָט אינגאַנצן אויפגעהערט. אמת, מיר געפינען ניט דעם פאַרנעם און די זעלבשטענדיגקייט פון די נביאים, מיר געפינען אָבער דאָך אַ פאַרטיפונג פון די רעליגיעזע אידייען. די ספרים: איוב, משלי, דער גרעסטער טייל פון תהלים א. א. וו. שטאַמען פון יענער צייט, מען טראַכט וועגן מאָראַל, פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, וועגן דער גערעכטיגקייט פון דער וועלט־אָרדענונג וכדומה.

ווי מיר זעהען, איז די געשיכטליכע סכעמע פון וועלהויזן זעהר גענוי און גרונטליך אויסגעאַרבעט. זי איז דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער מאָדערנער היסטאָרישער וויסנשאַפט און סטאַרעוועט זיך אַפילו צו דערקלערן די רעליגיעז־גייסטיגע אַנטוויקלונג פונם יידישן פאָלק מיט זיין מאַטעריעל־פּאָליטישער עוואָלוציע.

ניט קוקנדיג אויף דעם, איז אין דער טעאָריע פון וועלהויזען דאָ אַפולע ניט־גענוג באַגרינדעטע, ניט־וויסנשאַפטליכע עלעמענטן. וועלהויזן הייבט אָן די געשיכטע פון ישראל מיט דער צייט פון משה.

הגם ער אַליין ווייזט אָן, אַז קיינע דאָקומענטן, וועלכע שטאַמען פון יענער צייט, האָבן מיר ניט, אַז אַפילו די עשרת הדברות שטאַמען פון אַ סך אַ שפּעטערדיגער צייט, גלויבט ער פונדעסטוועגן דאָך, אַז אויפן גרונט פון די דערציילונגען פון חומש, וועלכע זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אין דער צייט פון 9־טן און 8־טן יאָרהונדערט, קענען מיר זיך אין אַלגעמיינע שטריכן שאַפן אַ בילד פון די פאַרהעלטענישן בשעת דער מדבר־צייט. צי איז דאָס ריכטיג? צי קענען מיר אויפן גרונט פון די שפּעטערדיגע דערציילונגען קאָנסטרואירן אַ בילד פון דער מדבר־צייט? לויט אונזער מיינונג איז דאָס אוממעגליך. לייענענדיג די ספרים „שופטים“ און „שמואל“ קענען מיר זיך ניט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז ערשט דאָ אין כנען הייבט זיך אָן פאַר אונז די געשיכטע פון פאָלק. מיר זעהען דאָ פון אָנפאַנג די איינצלנע טיילן, ווי זיי גיסן זיך אַלץ מער צונויף און ווי עס אַנטשטייט אונטער די ערשטע מלכים דאָס איינהייטליכע פאָלק ישראל.

וועלהויזן אַליין האָט שוין אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, וואָס אין דעם שיר פון דבורה, וואו עס ווערן אויפגעציילט אַלע שבטים פון ישראל, ווערט „יהודה“ ניט דערמאָנט. דאָס באַטייט, אַז יהודה האָט זיך דאַמאָלסט נאָך ניט גערעכנט צו ישראל. און וועלהויזן אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז די אידייאישע אייניגקייט — די איינהייטליכע רעליגיע — האָט עקזיסטירט פריהער, איידער ס'האָט זיך אָנגעהייבן די פאַקטישע פּאָליטישע אייניגקייט. דאָס איז דורכאויס פאַלש. די רעליגיעזע אייניגקייט קען זיין נאָר אַ פועל־יוצא פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אייניגקייט. הוגא ווינקלער באַווייזט ריכטיג, אַז ערשט מיט דער אַנטשטייאונג פון קעניגטום און דער שטאָטישער קולטור הייבט זיך פאַר אונז אָן די היסטאָרישע צייט. היסטאָריש קען פאַר אונז זיין נאָר אַזאַ צייט, פון וועלכער עס זיינען אונז געבליבן שריפטליכע דאָקומענטן. פאָלק־אגדות און דערציילונגען, וועלכע ווערן איבערגעגעבן בעל־פה, קענען בשום אופן ניט דינען אַלס היסטאָרישער מאַטעריאַל פאַר דער צייט, וועגן וועלכער זיי דערציילן אונז. זיי שפּיגלען תמיד אָפּ די פאַרהעלטענישן פון דער צייט

אין וועלכער זיי ווערן דערציילט אָדער פאַרשריבן: „פאַרן־פויער זיינען זיינע אורעלטערן ניט קיין נאָמאַדן, נאָר אויך פויערים״, — זאָגט ווינקלער. די שריפט אַנטוויקלט זיך נאָר דאָרטן, וואו עס אַנטשטייט אַ צענטראַלע מאַכט מיט אַן אויסגעבילדעטן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, און וואו עס איז דאָ אַן אַנטוויקלטער האַנדל־פאַרקער. דאָרטן אַנטשטייט די נויטיגקייט צו פירן די חשבונות פון די שטייערן, פון די הוצאות און הכנסות פון דער מלוכה ווי אויך צו פאַרשרייבן האַנדל־אָפּמאַכן, רעכ־נונגען וכדומה. די אַלע תנאים זיינען אין ישראל געשאַפן געוואָרן ערשט אין דער צייט פון דוד און שלומה. אַלץ, וואָס עס ליגט פאַר יענער צייט, איז פאַרהיסטאָריש. העכסטנס, קענען מיר נאָך עפּעס וויסן פון דער צייט פון די שופטים; אָבער וועגן דער עלטערער צייט בשום אופן ניט. קוקט מען זיך צו גוט צו דער געשיכטע פון ישראל, וועלכע מיר האָבן אין תנ״ך, באַמערקט מען גלייך, אַז פון די ערשטע מלכים אָן האָבן מיר אַ געשלאָסענעם געשיכטליכן צוזאַמענהאַנג, ד. ה. מיר שטייען אויף אַ היסטאָרישן באָדן, אָבער די עלטערע צייט איז פול מיט בלויזן אַזוי איז עס מיט דער צווישנצייט פון יוסף ביז משה. דאָס האָט שוין איינגעזעהן וועלהויזן גופא. אָבער פונקט דאָסזעלביגע איז אויך מיט דער צייט פון נאָך יהושע. מיר ווייסן אַלץ וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט די יידן אין מדבר, מיר ווייסן אויך, וואָס ס׳איז געשעהן אין דער צייט פון יהושע, מיר ווייסן אָבער לגמרי ניט, וואָס עס איז געשעהן נאָך יהושע. ווי האָט דאָס פאָלק דאַן געלעבט, און ווי עס זיינען אַנטשטאַנען די פאַרהעל־טענישן, וועלכע מיר טרעפן שפּעטער אין דער צייט פון די שופטים, בשעת עס איז שוין מער ניטאָ קיין גאַנצער פאָלק, נאָר בלויז איינצלנע טיילן? די בלויזן זיינען דער בעסטער באַווייז, אַז די שרייבער פון חומש האָבן אַליין ווייניג געוואוסט וועגן דער אַלטער געשיכטע פון פאָלק, און אַז זיי האָבן זיך ערשט קינסטליך צוזאַמענגעשטעלט אַ באַשטימטן בילד. דערביי זיינען אפילו די סאַמע עלטעסטע טיילן פון חומש אָנגעשריבן גע־וואָרן ערשט אין 9־טן יאָרהונדערט, ד. ה. 500 יאָר נאָך די געשעהענישן, וועלכע זיי באַשרייבן. די ספרים קענען ניט דינען אַלס זיכערער היסטאָ־רישער מאַטעריאַל אויך צוליב זייער רעליגיעזער טענדענץ. מיר האָבן אין חומש ניט קיין געשיכטע פון פאָלק ישראל, נאָר אַ גאַנץ אייגנ־אַרטיגע געשיכטע פון דער יהודישער רעליגיע. עס איז גענוג צו פאַר־גלייכן די דערציילונגען פון „שופטים״ און „שמואל״ מיט די דערציילונ־גען פון חומש, כדי צו זעהן דעם גוואַלטיגן אונטערשייד. אין ״שופטים״ און „שמואל״ ווערט אונז דערציילט סיי איבער די גבורות פון די העלדן און מלכים, — איבער שמשון, גדעון, שאול און דוד, — סיי וועגן לעבן פון פאָלק. אין חומש אָבער האָבן מיר אָנשטאָט דעם נאָר דערציילונגען

וועגן נסים, קריעת ים סוף, מן, וכדומה און וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי מתן־תורה, די זינד פון פאָלק, עגל, מרגלים א. א. וו.

מיט דער אַריינוואַנדערונג אין כנען גייען די יידן איבער צו אַ גייעם סדר לעבן, זיי ווערן ערד־אַרבייטער. לויט וועלהויזן אַנטשטייט אַ דאַנק דעם אַ קאַמף צווישן די זיטן און אָנשויאונגען, וועלכע די יידן האָבן געבראַכט פון מדבר און דער נייער אגראַרער קולטור, וועלכע זיי האָבן איבערגענומען פון די כנענים; דאָס איז דער אַזוי גערופענער „קאַמף צווישן יהוה און בעל". אַזוי ווי די פראַגע איז זעהר וויכטיג, כדי ריכטיג צו פאַרשטיין די גאַנצע געשיכטע פון ישראל, וועלן מיר זיך אויף איר אָפּשטעלן אַביסל אויספירליכער.

מיר האַלטן די דערקלערונג פון וועלהויזן איבער די סבות פונם רעליגיעזן קאַמף, וועלכער איז שפּעטער פאָרגעקומען אין ישראל, פאַר פאַלש. דאָס וואָלט געווען ריכטיג, ווען דער קאַמף צווישן יהוה און בעל וואלט זיך אָנגעהייבן גלייך נאָך דעם איבערגאַנג אין כנען, דאַן ווען עס זיינען נאָך געווען פריש די זכרונות פון מדבר. אָבער גראדע אין דער צייט פון די „שופטים" און אפילו פון שאול און דוד געפינען מיר ניט קיין שום סימן פון אַטדעם קאַמף. דעם ערשטן מאָל טרעפן מיר דעם קאַמף קעגן בעל אין דער צייט פון אַחאָב. אליהו איז אויב ניט דער ערשטער דאָך פון די ערשטע יהוה־קנאים. דער קאַמף צווישן יהוה און בעל הייבט זיך ניט אָן מיטן איבערגאַנג צו דער אגראַרקולטור, נאָר מיט דער אַנטשטייאונג פון דער שטאָטישער קולטור. און אַלס אַ פועל־יוצא פון דעם אַנטשטייט אויך דער אַזוי גערופענער „נאָמאַדישער אידעאַל". די רכבים, די פיינט פון דער קולטור, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין פריהער דערמאָנט, טרעפן מיר צוערשט אין דער צייט פון אלישע און יהוא.

דער יהוהיזם איז אין ישראל אויפגעקומען גלייכצייטיג מיט דער שטאָטישער קולטור און מיט דער סאָציאַלער דיפערענצירונג. דער קאַמף צווישן יהוה און בעל איז דער אויסדרוק פון קאַמף צווישן די אונטערדריקטע און די הערשנדיגע קלאַסן, און אין די דערציילונגען פון חומש שפּיגלען זיך אָפּ דאָס לעבן און די אידעאַלן פון די, וואָס זיינען געווען די טרעגער פון דער יהוה־באַוועגונג. דאָס זיינען די נביאים. שוין די וועלהויזנשע שולע האָט איינגעזעהן, אַז די טרייבקראַפט פון דער יהוה־באַוועגונג, ליגט אינם קאַמף קעגן דער שטאָטישער קולטור, קעגן דער גאַנצער דעמאָראַליזאַציע, וועלכע זי האָט אַריינגעטראָגן אינם לעבן פונם פאָלק. אָבער אַנשטאָט צו מאַכן דעם וויטערדיגן אויספיר, אַז געקעמפט קעגן דעם האָבן די, וועלכע האָבן דערפון סאָציאַל געליטן, און אַנשטאָט אויסצופאָרשן די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פון ישראל און דורכדעם פּרובירן

פאַרשטייט די גאַנצע יהוה באַוועגונג, האָט מען קינסטלעך קאָנסטרואירט אַ קעגנזאַץ צווישן די נביאים און דעם פאָלק: ס'איז געווען כלומרשט אַ פאָלק־רעליגיע (פון בעל), קעגן וועלכע די נביאים האָבן געקעמפט. מען האָט געהאַלטן פאַר זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז גראָדע די אונטערשטע קלאַסן זיינען געווען אָנהענגער פון די מגושמדיקע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, אַז דער קאַמף פון די נביאים קעגן קרבנות און בילדער איז געווען געווענדט קעגן אָטדי פאָלק־פאָרשטעלונגען. מען האָט דערביי נישט אַכטונג געגעבן אויף דעם מאַטעריעלן באַזיס, אויף וועלכן די נביאים* האָבן זיך געקענט שטיצן. ווארום אויב ניט אויפן פאָלק, קעגן וועמעס רעליגיע זיי האָבן געקעמפט, און ניט אויף די הערשנדיקע קלאַסן, וועלכע די נביאים האָבן באַקעמפט, טאָ אויף וועמען? ביי וועלהויזן זיינען די נביאים געבליבן סאָציאַל הענגען אין דער לופטן. מען האָט געהאַלטן פאַר אוממעגלעך צו דערקלערן די אידייען פון די נביאים און די אַנטשטייאונג פונם מאָנאָטעאיזם דורך די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, און דאָך איז דאָס דער איינציקער וועג פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער געשיכטע־פאָרשונג. און דאַן ווערט קלאָר, אַז דער יהוהיזם אַנטשטייט צוזאַמען מיט דער שטאָטישער קולטור, אַז דער קאַמף צווישן יהוה און בעל גייט גלייכצייטיק מיטן קאַמף צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן, און אַז די טרעגער פון יהוהיזם זיינען אויך די פאַרטרעטער פון די סאָציאַל־אונטערדריקטע. ווי אַזוי איז אָבער אַנטשטאַנען דער „נאָמאַדישער אידעאַל"? מיט דער אַנטשטייאונג פון קיניגטום און מיטן אויפבליען פון האַנדלס־קאַפיטאַל און פון דער שטאָטישער קולטור האָבן זיך אַרויסגעוויזן די פינסטערע זייטן פון דער העכערער קולטור: דער לוקסוס, די באַרייכערונג פון אַ קליינעם טייל אויפן חשבון פון גאַנצן פאָלק, די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אַ רעאַקציע און דעם שטרעבן צוריק צו דער אַלטער גליקלעכער צייט, וועגן וועלכער די זיידעס האָבן דערציילט, צו דער לעגענדאַרער צייט פון מדבר, ווען דאָס פאָלק איז געווען נאָך פריי און ניט פאַרדאָרבן פון דער נייער קולטור.

מיר ווילן ניט לייקענען, אַז אין דעם ליגט אַ שטיק אמת. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די טרייבקראַפט פון דער יהוהיסטישער באַוועגונג איז די סאָציאַלע נויט פון פאָלק. עס איז אָבער פאַלש צו מיינען, אַז דער נאָמאַדישער אידעאַל איז אַ רעזולטאַט פון דער בענקעניש נאָך דער אַלטער נאָמאַדן צייט. דער „נאָמאַדישער אידעאַל" איז אין אמתן געווען אַ מין „סאָציאַלע אוטאָפיע", געבוירן פון דער סאָציאַלער נויט, און ניט די אָפּשפיגלונג פון דעם קאַמף צווישן דער פאַסטוכער־צייט פון יידישן פאָלק און זיין אַגראַרישער אַנטוויקלונג.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין יענער צייט איז שוין דאָס פאָלק פילע הונדערט יאָר געווען אַ פויערים־פאָלק, און אַז די סאָציאַלע נויטן

זיינען געווען ניט קיין רעזולטאַט פונם איבערגאַנג פון נאָמאַדן־לעבן צום אַגראַר־לעבן, נאָר פון דאָרפישער קולטורלאָזיגקייט צו דער שטאָטישער קולטור. וואָלטן מיר דאָ געהאַט פשוט אַ רעאַקציע קעגן דער געגענוואַרט, וואָלט גראַדע געווען פאַרשטענדליך דער לאָזונג: „צוריק צו דער ערד, צו דער צייט פון פרייען פויערטום, צוריק צו דער צייט פון די שופטים! דער נאָמאַדישער אידעאַל האָט אין דער אמתן אַן אַנדער מקור. מיר טרעפן אים ניט נאָר אין ישראל, נאָר אויך אומעטום, וואו מיר האָבן צו טאָן מיט אַ ניי־אויפגעקומענער און ממילא אָפּאָזיציאָנעלער רעליגיעזער באַוועגונג. אין דעם אָפּזאָגן זיך פון דער קולטור און אין דעם וואַנדער־לעבן פון נזיר דריקט זיך אויס אומעטום דער קאַמף קעגן דער הערשנדיגער סאָציאַלער אָרדענונג און קעגן די הערשנדיגע פאַרהעלטענישן.

די מחמדאַנער הייבן אָן זייער צייט־רעכנונג מיט דער אַזוי גערופענער „העדזשרא" (יציאה), ד. ה. מיט דעם טאָג, ווען מאָהאַמעד (מחמד) און זיינע אָנהענגער האָבן אויסגעוואַנדערט פון זייער שטאָט, פון מעקאַ.

בודדאַ פאַרלאָזט זיין היים, זיין פרוי און קינד און גייט אַוועק אַלס נזיר וואַנדערן, זוכן דערלויכטונג און אויסלייזונג.

און די געשיכטע פון פאָלק ישראל און פון זיין רעליגיע הייבט זיך אָן אַזוי: און יהוה האָט געזאָגט צו אברהמען: גיי אַוועק פון דיין לאַנד, פון דיין היים און פון דיין פאַמיליע אין דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזן. (לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך). די עטליכע ווערטער האָבן פאַר אונז דעם גרעסטן היסטאָרישן ווערט. אַלץ וואָס האָט פאַסירט מיט אברהמען פאַר זיין אויסוואַנדערן פון חרן, אינטערעסירט דעם דערציילער פון תנך ניט. ערשט מיט זיין אויסוואַנדערונג הייבט זיך אָן די געשיכטע פון אברהם און ממילא פון ישראל. אַלע העלדן פון חומש זיינען געצוואונגען אַוועקצוגיין פון זייער היים און צו זיין גרים אין דער פרעמד: אברהם, יעקב, יוסף, משה. משה גיט אפילו זיין זון אַ נאָמען גרשם, ווייל ער איז געווען אַ גר, און אויך דאָס גאַנצע פאָלק ישראל מוז אויף אַ צייט זיין א גר אין מצרים (גר יהיה זרעך בארץ לא להם). די דערציילונגען פון חומש זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבן פון די טרעגער פון דער יהוה־באַוועגונג.

דאָס באַווייזט אונז אָבער אויך, אַז ניט מיט איינמאל איז דער יהוהיזם געוואָרן די רעליגיע פון ישראל. דאָס איז ערשט געשעהן נאָך אַ לאַנגדויערנדיגן קאַמף. עס איז דעריבער פאַלש, ווען מען וויל אויפן גרונט פון די דערציילונגען פון חומש קאָנסטרואירן אַ בילד פון דער מדבר־צייט און דורכדעם פאַרשטיין די גאַנצע ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון ישראל. דער יהוהיזם איז ניט קיין פּראָדוקט פון די איינפאַכע פאַרהעלטענישן אין מדבר, נאָר פון דעם פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף אין דעם דיפערענצירטן ישראל.

די פּאַנבאַבילאָנישע שיטה.

די וועלהויזנשע ריכטונג גייט אַרויס פון דער הנחה פון אַ ביסלעכ־ווייזער אַנטוויקלונג. זי הייבט דעריבער אָן די געשיכטע מיט דער נאָמאַ־דישער צייט. אַ גאַנץ אַנדערן שטאַנדפּונקט פאַרטרעטן הוגאָ ווינקלער און זיינע אָנהענגער, די אַזויגערופענע „פּאַנבאַבילאָניסטן„ (יערעמיאַס יענסען, דעליטש, בענצינגער א. אַ).

זיי גלויבן אין אַן אַלטער איינהייטליכער לערע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין בבל און האָט פון דאָרטן געוואַנדערט איבער דער גאַנצער וועלט. די רעליגיעס פון אַלע אַלטע קולטור־פעלקער פון אַזיע אנטהאַלטן אין זיך בלויז די אידייען, וועלכע מיר געפינען אין דער אַזוי גערופענער „אַלט־אָריענטאַלישער וועלט־לערע". „די רעליגיעס פון די איינצלנע פעלקער אונטערשיידן זיך איינע פון די אַנדערע בלויז דורך די אָרטיגע פאַרשיידענע נעמען פון די געטער און זייערע פערזאָניפיצירונגען, אָבער די גרונט־פּאָרשטעלונגען זיינען אומעטום דיזעלביגע". דער גרונט־געדאַנק פון אָטדער וועלט־לערע איז לויט ווינקלער אַזאַ: די ערד איז די אָפּשפּיגלונג פון הימל, און אַלץ, וואָס פּאַסירט און קומט פּאָר אויף דער ערד, ווערט באַשטימט דורך די באַוועגונגען פון די שטערן און מזלות אין הימל. אונזער וויסן פון דער ערד איז אָפּהענגיג פון אונזער קענען דעם הימל. קענען מיר די באַוועגונגען פון די מזלות אויפן הימל, קענען מיר אויך פאָראויס זאָגן, וואָס ס'וועט פּאָרקומען אויף דער ערד.

מיט דער אַסטראַל־לערע (די לערע וועגן די הימל־קערפּער) ווערט פאַרבונדן די אַסטראַל־מיטאָלאָגיע, וועלכע גיט איבער אין אַ מיטאָלאָגישער פאָרם די באַוועגונגען פון די שטערן, באַזונדערס פון דער זון און לבנה מיט די ענדערונגען אין דער נאַטור, וועלכע קומען דורך דעם פאָר, ווי טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער א. אַ.

ישראל, וואָס איז געלעגן אויפן וועג צווישן די צוויי גרויסע קולטור־צענטערס פונם אַלטערטום (בבל און מצרים), האָט אויך פון דאָרטן באַקומען זיין קולטור. עס איז, נאָך ווינקלערס מיינונג, אַ טעות צו באַטראַכטן די געשיכטע פון ישראל אָפּגעזונדערט פון דער געשיכטע פון די איבעריגע פעלקער, וואָס האָבן געלעבט בשכנות מיט אים. די געשיכטע פון ישראל מוז אַריינגעשטעלט ווערן אין די ראַמען פון דער וועלט געשיכטע. ישראל האָט ניט געשאַפן אינגאַנצן זעלבשטענדיג זיין קולטור. ווען די יידן האָבן פאַרנומען כנען, האָבן שוין די בבלים און מצריים געהאַט אַ טויזנטיאָריגע קולטור.

וויל מען קענען די געשיכטע פון ישראל, מוז מען קענען די אַלטע אָריענטאַלישע וועלט־לערע. דורך דעם גאַנג פון די מזלות, האָט מען גע־

גלויבט, קען מען וויסן ניט נאָר דעם עתיד, נאָר אויך דעם עבר. די ערד איז דאָך בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון הימל און ווען די דאַמאָלסדיגע היסטאָריקער פלעגן באַשרייבן די פאַרגאַנגענהייט, פלעגן זיי זיך אָריענטירן לויט דער אַסטראַל־לערע. און דעריבער האַלט ווינקלער, אַז פאַר אונז האָבן אַלע דערציילונגען וועגן צייטן, וואָס די געשיכטע־שרייבער האָבן זיי אַליין ניט דורכגעלעבט, זייער אַ קנאַפּן היסטאָרישן ווערט. די געשיכטע־שרייבער האָבן תמיד געשריבן אין דעם אַסטראַל־מיטאָלאָגישן סטיל. די אַסטראַל־לערע איז אויך געווען באַקאַנט אין ישראל און אויך די דערציילונגען פון תנך זיינען צו אַ גרויסן טייל אַסטראַלע מיטן. די צוועלף שבטים, למשל, דאָס זיינען די צוועלף מזלות אָדער די צוועלף חדשים, רחל און לאה די ביידע העלפטן פון דער לבנה, רחל די ערשטע העלפט, וועלכע מען זעהט ווען די לבנה ווערט העלער, לאה די צווייטע, ווען זי ווערט טונקעלער.

דער יהוהיזם איז לויט ווינקלער ניט די רעליגיע פון פ אָ ל ק, אין געגנטייל: ער שטייט אין אָפּאָזיציע צו דער הערשנדיגער רעליגיע. מען מוז אונטערשיידן צווישן דער יהוה־רעליגיע און צווישן ישראל. דער יהוהיזם שטאַמט פון די גרויסע קולטור־צענטרעס; דאָס פאָלק האָט דעם יהוהיזם בלויז איבערגענומען און ווייטער אויסגעבילדעט. דאָס איז לויט ווינקלערס מיינונג דייטליך קענטיג אין די דערציילונגען פון בראשית: אברהם שטאַמט פון חרן, יוסף געפינט זיך אין מצרים. די דערציילונגען וועגן די אבות גיבן אונז איבער ניט די געשיכטע פון פאָלק, נאָר אַ רייע אַסטראַלע מיטן. דער מאָנאָטעאיזם איז אַנטשטאַנען אין קאַמף קעגן דעם פאָליטעאיזם, און אַקוראַט ווי דער אידעאַל פון גלייכקייט אַנטשטייט דאָרטן, וואו עס הערשן די טיפסטע קלאַסנגעגנזאַצן, אַזוי איז אויך דער מאָנאָטעאיזם אַנטשטאַנען דאָרטן, וואו עס האָט געהערשט דער ווילדעסטער פאָליטעאיזם.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען גייט אַרויס פון אַזעלכע הויפּט־פּרינציפּען, בלייבט כמעט ניט איבער קיין אָרט פאַר אַ זעלבשטענדיגער אַנטוויקלונג פון פאָלק ישראל. אַלץ וואָס אין ישראל איז פאָרגעקומען, אַלע פּאָליטישע און רעליגיעזע רעפאָרמעס און רעוואָלוציעס, זיינען פאַרבונדן מיט די פּאָליטישע געשעהענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט־פּאָליטיק, ד. ה. אין בבל און מצרים. אויך די נביאים זיינען קודם כל פּאָליטיקער. אליהו און אלישע קעמפן קעגן בעל ניט אויס רעליגיעזע מאָטיוון, נאָר אויס פּאָליטישע: זיי זיינען קעגנער פון דער פאַרבינדונג מיט צידון. ווינקלער באַטאָנט אָבער אויך די באַדייטונג פון דעם סאָציאַלן מאָמענט. אזוי ווייזט ער אויף, אַז די רעוואָלוציע פון יהואש איז אין אמתן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע.

עס איז בלי שום ספק אַ גרויסער פאַרדינסט פון די פאַנבאַבילאָניסטן, וואָס זיי האָבן אויפגעקלערט די באַציהונגען צווישן ישראל און די איבעריגע קולטור־פעלקער פון יענער צייט און האָבן אויך אַזאַ אופן געשאַפן אַ מעגליכקייט צו באַטראַכטן די געשיכטע פון ישראל פון וועלט־היסטאָרישן שטאַנדפונקט. אָבער דאָך האַלטן מיר די גרונט־געדאַנקען פון ווינקלערס שיטה פאַר ניט ריכטיג. די מענשן האָבן ניט איינגעאָרדנט זייער לעבן אויף דער ערד לויט דעם פלאַן, וואָס זיי האָבן אַראָפגעלייענט פון הימל, נאָר פאַרקערט. זיי האָבן געלייענט אויפן הימל דאָס, וואָס זיי האָבן געזעהן אויף דער ערד. אויף דער ערד זיינען אָבער ניט אומעטום און ניט אין אַלע צייטן די פאַרהעלטעניסן גלייך, און ממילא איז אוממעגליך אַן איינהייטליכע „וועלט־לערע". ריכטיג ווייזט אָן ווילהעלם וואונדט, אַז די גאַנצע „וואַנדער־היפאָטעזע", ווי ער רופט דאָס אָן, ליידט אויף אַ אינעווייניגסטע סתירה. פון איין זייט, האַלטן די אָנהענגער פון דער שיטה, אַז ניט יעדער פאָלק איז פעהיג צו שאַפן אַליין אָט די אַלע געדאַנקען און אידייען, פון דער צווייטער זייט אַנערקענען זיי דאָך, אַז ביי יעדן פאָלק איז דאָ אַזאַ מין אינערליכע נטיה צו די אידייען, וועלכע ווערן פון זיי איבערגענומען, וואָרום אָהן דעם וואָלט אויך דאָס איבערנעמען געווען אוממעגליך. דאָס איז אָבער אַ פסיכאָלאָגישע אוממעגליכקייט.

מיר האַלטן אויך, אַז ווינקלער שאַצט איבער די ווירקונג פון די אויסערפאָליטישע פאַקטאָרן אין ישראל. עס קומט אויס, אַז אין אַלטן ישראל האָט מען זיך בלויז באַשעפטיגט מיט דער אויסערליכער פאָליטיק, און אַז אַלע סאָציאַלע און רעליגיעזע קאַמפן זיינען בלויז אַן אויסדרוק פון די קאַמפן צווישן די פאַרשיידענע בבלישע, אשורישע און מצרישע פאַרטייען. מען מוז דאָך אויך פאַרשטיין, וואָס זשע האָט געטריבן די פאַרשיידענע עלעמענטן פון יידישן פאָלק צו ווערן אָן אָנהענגער פון אַשור אָדער מצרים. מיר ווילן דאָ ניט לייקענען, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע פאָליטישע פאַרהעלטענישן האָבן בלי שום ספק געשפילט אַ באַדייטענדיגע ראָל אינם אינעווייניגסטן לעבן פון ישראל. מיר האַלטן אָבער, אַז פאַרשטיין די גאַנצע אַנטוויקלונג פון ישראל קען מען נאָר דורך אַן אַנאַליז פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין ישראל גופא.